As you can see, inanimate objects may be **masculine, feminine**, or **neuter** as in דער טיש *(der tish)*, די העפֿט *(di heft)*, and דאָס בוך *(dos bukh)*. There are some rules for detemining gender, but at this point they would confuse rather than help you. In many cases, however, there is no logical reason why a noun is **masculine, feminine**, or **neuter**. Each word must be memorized with its article.

*"The"* for **plural** nouns is always די regardless of gender or case.
For example: די טאַטעס, די באָבעס, די הענט, די לידער.

### III. Idiomatic Expression עס איז דאָ

Note the idiomatic expression עס איז דאָ which means "There is" as in the sentences:

עס איז דאָ אַ לערערין.
עס איז דאָ אַ לערער.

The word דאָ should never be translated by its literal meaning "here" in the phrase עס איז דאָ. If you want to say, "There is a table here" you must repeat the word דאָ and say עס איז דאָ אַ טיש דאָ or עס איז דאָ אַ טיש.

## VII. A SONG: — אַ ליד:

### AFN PRIPETSHIK — אויפֿן פּריפּעטשיק

*Mark Warshavsky* — מאַרק וואַרשאַווסקי

1) *Afn pripetshik brent a fayerl*
*Un in shtub iz heys,*
*Un der rebe lernt*
*Kleyne kinderlekh*
*Dem alefbeyz.* } 2

2) *Zogt zhe, kinderlekh,*
*Gedenkt zhe, tayere,*
*Vos ir lernt do.*
*Zokt zhe nokh a mol*
*Un take nokh a mol*
*Komets-alef – o.* } 2

1) אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט
קליינע קינדערלעך
דעם אַלף-בית. } 2

2) זאָגט זשע, קינדערלעך,
געדענקט זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ.
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל
און טאַקע נאָך אַ מאָל
קמץ-אַלף-אָ. } 2

---

## VOCABULARY

| | | |
|---|---|---|
| *der alefbeyz* | דער אַלף-בית | alphabet |
| *brenen* | ברענען | to burn |
| * *dem* | דעם | the *(masc. dir. & indir. obj.; neut. indir. obj.)* |
| * *dos fayerl(ekh):* | דאָס פֿײַערל(עך): | fire *(dim.)* |
| *dos/der fayer(n)* | דאָס/דער פֿײַער(ן) | |
| * *gedenken* | געדענקען | to remember |
| *heys* | הייס | hot |
| * *di kinderlekh* | די קינדערלעך: | children *(dim.)* |
| *dos kind(er)* | דאָס קינד(ער) | |
| *der/di komets-alef* | דער/די קמץ-אַלף | the lettter אָ |
| * *lernen* | לערנען | to learn |
| * *nokh a mol* | נאָך אַ מאָל | again |
| *der pripetshik(es)* | דער פּריפּעטשיק(עס) | old-fashioned stove and fireplace |
| * *zogn* | זאָגן | to say, to tell |




Reprinted by permission from מיר טראָגן אַ געזאַנג, חנה מלאָטעק, אַרבעטער-רינג בילדונגס-אָפּטייל, ניו-יאָרק 1977 *Mir trogn a gezang: Favorite Yiddish Songs of Our Generation*, Eleanor Gordon Mlotek, Copyright 1977 by the Workmen's Circle Education Department, N.Y., N.Y.

## COGNATES

It may comfort you to notice how similar Yiddish is to English. A word that is similar in two languages is called a "cognate." Where the cognate is not synonymous with the literal translation of the word, the cognate is given in parentheses.

Compare these words:

| | | |
|---|---|---|
| *brenen* | ברענען | to burn |
| *der/dos fayer* | דער/דאָס פֿײַער | fire |
| *heys* | הייס | hot |
| *lernen* | לערנען | to learn |
| *der ắlefbeyz* | דער אַלף-בית | alphabet |
| *di arbet* | די אַרבעט | work (arbiter) |
| *der studént* | דער סטודענט | student |
| *di hant* | די האַנט | hand |
| *trakhtn* | טראַכטן | to think (tract) |
| *shlofn* | שלאָפֿן | to sleep |
| *tantsn* | טאַנצן | to dance |
| *zingen* | זינגען | to sing |
| *ale* | אַלע | all |

Note the ב–V alternation. English frequently uses V where Yiddish uses ב. Knowing this may help you figure out the meaning of a number of Yiddish words with ב, such as:

| | | |
|---|---|---|
| *hobn* | האָבן | to have |
| *gebn* | געבן | to give |
| *iber* | איבער | over |
| *libe* | ליבע | love |

## EXERCISES

**I. Fill in the correct form of the verb האָבן:**

1. די באָבע ______ ליב דאָס ליד.
2. זיי ______ אַרבעט.
3. איר ______ אַ גרוס.
4. מיר *(mir)* ______ אַ לערערין.
5. דו ______ אַ ליד.
6. זיי ______ צוויי *(tsvey)* זיידעס.
7. איך *(ikh)* ______ דאָרט אַרבעט.
8. ער ______ ליב די וועלט *(velt)*.
9. איר ______ בולבעס?
10. דער סטודענט ______ אַ לערער.

**II. Fill in the correct form of the verb זײַן (zayn):**

1. עס ______ דאָ אַ שטוב (shtub).   2. דו ______ דאָ.
3. דער סטודענט ______ דאָ.   4. זי ______ אַ באָבע.
5. דו ______ בערעלע האָרן.

6. *Mir ______ in der heym.*   7. *Ir ______ af der Ershter Gas.*

8. *Ikh ______ a lerem.*   9. *Zey ______ itst in shtub.*

**III. Choose the correct form of the verb:**

1. *Mir* (geyt, geyen) *itst af der gas.*
2. *Du* (voyn, voynst) *af der gas.*
3. *Er* (voynt, voynen) *in der heym.*
4. *Ikh* (voyn, voynt) *in der heym.*
5. *Zey* (zingen, zingt) *a lid.*
6. *Der zeyde* (shlofst, shloft) *itst.*
7. *Ikh* (trakht, trakhtn) *nokh a mol.*
8. *Ir* (lernt, lernst) *dem (the) alefbeyz nokh a mol.*
9. *Du* (host, hob) *a blayer, a heft, un a feder.*
10. *Es* (iz, zay) *do a bukh un a feder afn tish.*
11. *Fraynd Goldberg,* (zay, zayt) *azoy gut, git mir di bikher.*
12. *Vos* (herst, hert) *zikh? Es (iz, zay) nito kin nayes.*
13. *Ikh* (gedenken, gedenk) *dos lid.*
14. *Di khsidim* (lernt, lernen) *in shtub.*
15. *Mir* (leyen, leyenen) *un (shrayben, shraybn) Yiddish.*
16. דו (אַרבעטסט, אַרבעט) איידער דו (עססט, עסט).
17. ער (ווּעט, ווּ) די לערערין.   18. מיר *(mir)* (האָבן, האָסט) אַ ליד.
19. זיי (עסן, עס) די בולבעס.   20. זי (האָבן, האָט) עס אין דער האַנט.

**IV. Fill in the correct form of the article using דער, די or דאָס:**
**In sentences where the noun is not in the nominative case, assume that the article is the same as it is for the nominative.**

1. ד____ באָבע עסט בולבעס.   2. ד____ סטודענט האָט אַ גרוס.
3. ד____ זיידע לערנט די קליינע קינדערלעך *(kleyne kinderlekh)*.
4. ער הערט ד____ ליד.   5. זיי עסן ד____ בולבעס.
6. ד____ לערערין זינגט.   7. ד____ טאַטע הייסט בער״ל.

8. ד____ זיידעס רוען אין דער היים (heym).

9. ד____ לערער רעדט.

10. ד____ בוך (bukh) איז דאָרט.

11. ד____ לערערין הייסטביילע.

**V. Translate into Yiddish: (Write either in Yiddish or in transliteration.)**

1. What's new?
2. [There is][3] nothing new.
3. I have only one pencil and two books.
4. There is a pen on the (דעם) table.
5. Really?
6. We remember the (דעם) alphabet.
7. Please say "good morning" again.
8. The children have to (need) think.
9. There is a fire in [the] house.
10. The students read and write now.

**VI. Choose the correct word from the list at the bottom of the exercise and fill in the blanks:**

1. *Vos ________ zikh?*
2. *Du ________ dos lid.*
3. *Es iz ______ a fayerl in shtub.*
4. *Ikh hob eyn bukh ober ikh _____ tsvey.*
5. *A sheynem ________.*
6. *Mir _______ redn Yidish.*
7. *Zey _______ a grus fun Berlen.*
8. *Nito ________.*

*dank*  *hert*  *far vos*  *hobn*  *herst*  *darf*  *do*  *darfn*

## ORAL PRACTICE

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly:**

1. – *Vos lernen* ***zey?*** [1]
   – ***Zey*** [1] *darfn gedenken dem alefbeyz.*
   *a)* ***(mir[1])***   *b)* ***(di kinder[1])***

2. – *Hot* ***der lerer*** [1] *lib di* ***studentn?*** [2]
   – *Yo,* ***ale lerers*** [1] *hobn lib di* ***studentn?*** [2]
   *a)* ***(di bobe,*** [1] ***di kinderlekh[2])***   *b)* ***(der rebe,*** [1] ***di khsidim[2])***

---

[3] In order to make a good idiomatic Yiddish sentence, omit the words in square brackets [ ] and translate the words in parentheses ( ).

3. — *Vos hostu?*
   — *Ikh hob a* ***bukh*** [1] *un tsvey* ***feders.*** [2]
   *a) (****heft,*** [1] ***bikher*** [2]*)* *b) (****shtub,*** [1] ***tishn*** [2]*)*

4. — דו[1] עסט בולבעס?
   — יאָ, איך[2] עס בולבעס. איך[2] האָב ליב בולבעס.
   אַ) (ער,[1] ער[2]) ב) (זיי,[1] זיי[2])

## VIII. Complete the dialogue:

1. — *Vos hert zikh?*
   — *Vos zol zikh hern? Ikh......*

2. — *Hostu lib tsu tantsn?*
   — *Nu, voden? Ale hobn lib tsu tantsn.*
   — *Ikh hob lib tsu tantsn ober.....*

3. — *Du kenst dos lid "Afn pripetshik"?*
   — *Yo, ikh ken dos lid un hob lib dos lid. Es.......*

## IX. Conversation Topics

1. You are choosing a roomate (מיטוווינער mitvoyner). Have a conversation in which you each find out as much as you possibly can about each other.

2. You have just met a relative from another country who speaks only Yiddish. Introduce yourselves and get acquainted.

3. There is a new student in the class. Explain to him or her what you do in the class and what s/he needs to bring to class.

# UNIT 3

## דאָס דריטע קאַפּיטל

## וואָס מאַכסטו?

## I. LETTERS

| ENGLISH EQUIVALENT | YIDDISH NAME | WRITTEN FORM | PRINTED FORM |
|---|---|---|---|
| **Diphthongs** | | | |
| Like **Y** in M**y** Sk**y** | *Pasekh Tsvey Yudn* | ײַ | ײַ |

At the beginning of a word the diphthong ײַ is preceded by a silent **א** as were י, יי and ו. Thus , או, איי, אי and אײַ.

| ENGLISH EQUIVALENT | YIDDISH NAME | WRITTEN FORM | PRINTED FORM |
|---|---|---|---|
| **Consonants** | | | |
| **G** | *Giml* | ג or ג | ג |
| **V** | *Tsvey Vovn* | װ | װ |
| **Kh** as in Ba**ch**, only at the beginning or middle of a word. | *Khof* | כ | כ |
| **Kh** as in Ba**ch**, only at the end of a word. | *Lange(r) Khof* | ך | ך |
| **K** | *Kuf* | ק | ק |
| **M** only at the beginning or middle of a word. | *Mem* | מ | מ |
| **F** only at the beginning or middle of a word | *Fey* | פֿ | פֿ |

## II. VOCABULARY

| MEANING | PRONUNCIATION | WRITTEN FORM | PRINTED FORM |
|---|---|---|---|
| good | gut | גוט | 1. * גוט |
| to go, you (sg.) go | geyn, du geyst | גיין, דו גייסט | 2. * גיין, דו גייסט |
| as long as | abi | אַבי | 3. * אַבי |
| healthy | gezunt | געזונט | 4. * געזונט |
| as long as you're healthy | abi gezunt | אַבי געזונט | 5. * אַבי געזונט |
| to want, I want | veln, ikh vil | וועלן, איך וויל | 6. * וועלן, איך וויל[1] |
| where | vu | וווּ | 7. * וווּ |
| when | ven | ווען | 8. * ווען |
| who | ver | ווער | 9. * ווער |
| what | vos | וואָס | 10.* וואָס |
| whom | vemen | וועמען | 11.* וועמען |
| why | far vos | פֿאַר וואָס | 12.* פֿאַר וואָס |
| which, what | voser | וואָסער | 13.* וואָסער |
| the lunch(es) | dos varemes, | דאָס וואַרעמעס, | 14.* דאָס וואַרעמעס |
| | di varemesn | די וואַרעמעסן | די וואַרעמעסן |
| the day(s) | der tog, | דער טאָג, | 15.* דער טאָג, |
| | di teg | די טעג | די טעג |
| to be, they are | zayn, zey zaynen | זײַן, זיי זײַנען | 16. זײַן, זיי זײַנען |
| to do, I do | ton, ikh tu | טאָן, איך טו | 17.* טאָן, איך טו[1] |
| to learn, I learn | lernen zikh, | לערנען זיך, | 18.* לערנען זיך,[2] |
| | ikh lern zikh | איך לערן זיך | איך לערן זיך |

[1] Note: There is a vowel change in the verbs וועלן and טאָן when they are conjugated in the present tense.

The conjugation of וועלן is: איך וויל, דו ווילסט, ער/זי וויל
מיר ווילן, איר ווילט, זיי ווילן.

The conjugation of טאָן is: איך טו, דו טוסט, ער/זי טוט,
מיר טוען, איר טוט, זיי טוען.

[2] לערנען means "to teach" and "to learn/study." לערנען זיך means only "to learn/study." We recommend you use לערנען for "to teach" and לערנען זיך for "to learn/study."

| | | | |
|---|---|---|---|
| the week(s) | di vokh, | די וואָך, | *19. די וואָך, |
| | di vokhn | די וואָכן | די וואָכן |
| because | vayl | ווײַל | *20. ווײַל |
| clever, smart | klug | קלוג | *21. קלוג |
| the/this time, | dos mol, | דאָס מאָל, | *22. דאָס מאָל, |
| once | eyn mol | איין מאָל | איין מאָל |
| for a change | in a novene | אין אַ נאָוועמע | 23. אין אַ נאָוועמע |
| the kugel(s) (Jewish | der kugl, | דער קוגל, | *24. דער קוגל, |
| pudding(s)) | di kuglen | די קוגלען | די קוגלען |
| the mother(s) | di mame, di mames | די מאַמע, | *25. די מאַמע, |
| | | די מאַמעס | די מאַמעס |
| the money | dos gelt, | דאָס געלט, | 26. דאָס געלט, |
| monies | di gelter | די געלטער | די געלטער |
| from, of | fun | פֿון | 27. פֿון |
| for | far | פֿאַר | *28. פֿאַר |
| Sunday(s) | der Zuntik, | דער זונטיק, | *29. דער זונטיק, |
| | di Zuntikn | די זונטיקן | די זונטיקן[3] |
| Monday(s) | der Montik, | דער מאָנטיק, | *30. דער מאָנטיק, |
| | di Montikn | די מאָנטיקן | די מאָנטיקן |
| Tuesday(s) | der Dinstik, | דער דינסטיק, | *31. דער דינסטיק, |
| | di Dinstikn | די דינסטיקן | די דינסטיקן |
| Wednesday(s) | der Mitvokh, | דער מיטוואָך, | *32. דער מיטוואָך, |
| | di Mitvokhn | די מיטוואָכן | די מיטוואָכן |
| Friday(s) | der Fraytik, | דער פֿרײַטיק, | *33. דער פֿרײַטיק, |
| | di Fraytikn | די פֿרײַטיקן | די פֿרײַטיקן |
| sick, ill | krank | קראַנק | *34. קראַנק |

[3] The plural of the days of the week is used infrequently. For example, the phrase "on Sunday(s)" is simply זונטיק. "On Sunday(s) we're at home" would be זונטיק זײַנען מיר אין דער היים. Notice that Yiddish does not use a preposition before זונטיק or any other day of the week.

## Idioms and Expressions

| | | | |
|---|---|---|---|
| What's the matter? | *Vos is der mer?* | וואָס איז דער מער? | ‎*.35 וואָס איז דער מער? |
| It hurts (me), I have a pain | *Es tut mir vey* | עס טוט מיר ווײ | ‎*.36 עס טוט מיר ווײ |
| My hand hurts | *Es tut mir vey di hant* | עס טוט מיר ווײ די האַנט | ‎*.37 עס טוט מיר ווײ די האַנט |

Learn to recognize the letters ש (sh), ת (s), and the טש (tsh) combination in the following words. These words will appear in the song בולבעס on p. 40.

| MEANING | PRONUNCIATION | WRITTEN FORM | PRINTED FORM |
|---|---|---|---|
| Saturday(s) | *der Shabes, di Shabosim* | דער שבת, די שבתים | * דער שבת, די שבתים |
| Thursday(s) | *der Donershtik, di Donershtikn* | דער דאָנערשטיק, די דאָנערשטיקן | * דער דאָנערשטיק, די דאָנערשטיקן |
| the supper(s) | *di vetshere, di vetsheres* | די וועטשערע, די וועטשערעס | * די וועטשערע, די וועטשערעס |

Here are some words that you have already learned in transliteration. Cover up the transliteration and see if you can read them.

| | | | |
|---|---|---|---|
| the child(ren) | *dos kind, di kinder* | דאָס קינד, די קינדער | ‎.1 דאָס קינד, די קינדער |
| dear, precious | *tayer* | טײַער | ‎.2 טײַער |
| good morning, hello | *gut-morgn* | גוט-מאָרגן | ‎.3 גוט-מאָרגן |
| good year, reply to any greeting starting with *Gut* | *gut-yor* | גוט-יאָר | ‎.4 גוט-יאָר |
| to sing | *zingen* | זינגען | ‎.5 זינגען |
| to know, to be able, can | *kenen* | קענען | ‎.6 קענען |

| | | | |
|---|---|---|---|
| to laugh | *lakhn* | לאַכן | 7. לאַכן |
| the book(s) | *dos bukh,* | דאָס בוך, | 8. דאָס בוך, |
| | *di bikher* | די ביכער | די ביכער |
| really, indeed | *take* | טאַקע | 9. טאַקע |
| the pen | *di feder,* | די פֿעדער, | 10. די פֿעדער, |
| | *di feders* | די פֿעדערס | די פֿעדערס |

## III. READING PRACTICE

1. ווער זינגט? די קינדער זינגען.
2. ווער לאַכט? די קינדער לאַכן.
3. פֿאַר וואָס איז די באָבע קראַנק?
4. איין מאָל אין אַ נאָווענע עסט ער וואַרעמעס.
5. ווער וויל די גוטע בולבעס? זי וויל די גוטע בולבעס.
6. זײַנען די קינדער געזונט? ניין.
7. דער קלוגער טאַטע וויל ביכער פֿאַר די קינדער.
8. די קלוגע מאַמע קען דאָס ליד.
9. זי איז אַ טײַער קינד ווײַל זי לערנט זיך גוט.
10. מאָנטיק, דינסטיק, און מיטוואָך עס איך וואַרעמעס און וועטשערע.
11. ווען עסטו בולבעס? פֿרײַטיק עס איך בולבעס.
12. מיר האָבן אַ גרוס פֿון די סטודענטן. זיי לערנען זיך גוט.
13. וואָס איז דער מער? מיר דאַרפֿן געלט.
14. זײ זײַנען קראַנק. ווײַל זײ עסן ניט.
15. ווער טוט די אַרבעט? איר טוט די אַרבעט.
16. ווו זײַנען די גוטע ביכער? דאָ.
17. וועמען קענט איר דאָ? איך קען די לערערין.
18. דער לערער זאָגט, "גוט-מאָרגן." די קינדער זאָגן, "גוט-מאָרגן, גוט-יאָר."

## IV. MORE PRACTICE

Some people confuse certain letters when reading and/or writing. Here is some more practice in identifying these letters.

Written *Giml* (ג) and written *Zayin* (ז)

Words with ג:

גאָט, דער טאָג, די טעג, גיין, פֿרעגן, גוט, קלוג

Words with ז:

זען, זאָגן, זינגען, אַז, דער זיידע, אַזאַ

*Tes* (ט) and *Mem* (מ)

Words with ט:

טו, טאָן, דער טאָג, די האַנט, דער טאַטע, טאַקע, טײַער

Words with מ:

דאָס וואָרעמעס, דאָס מאָל, ווּעמען, מיט, מיטוואָך, מאַכן

*Zayin* (ז) and *Vov* (ו)

Words with ז: דער זיידע, זאָגן, זען, געזונט, די באָז

Words with ו: גוט, קלוג, די בולבעס, ווו, די וואָך

*Nun* (נ) and *Giml* (ג)

Words with ג:

קלוג, גוט, דער קוגל, גוט-מאָרגן, גאַס, גיין, דער טאָג

Words with נ:

קענען, זײַנען, לערנען, די האַנט, דינסטיק

*Beyz* (ב) and *Nun* (נ)

Words with ב:

די בולבעס, אָבער, איך האָב, די באָבע, בעטן, די אַרבעט, דאָס בוך

Words with נ:

דאָנערשטיק, זינגען, קענען, די הענט, נאָך, זונטיק, געזונט

*Reysh* (ר), *Daled* (ד), and *Lange Khof* (ך)

Words with ר:

וואַסער, פֿרײַטיק, דאָרט, קראַנק, דאָס וואָרעמעס, רעדן

Words with ד:

דער, די, דאָס, דאָרט, דער דינסטיק, דאָס ליד, די לידער

Words with ך:

איך מאַך, איך לאַך, דאָס בוך, דער מיטוואָך, די וואָך

*Vov* (ו) and *Lange Nun* (ן)

Words with ו:

ווּ, איך טו, דו טוסט, געזונט, און, קלוג, דער קוגל, די בולבע

Words with ן:

זײַן, איך בין, מאָרגן, ווען, סאָן, די וואָכן, וועמען, איך קען

## V. CONVERSATION שמועס

### וואָס מאַכסטו?

**וועלוול:** גוט-מאָרגן.

**ליבע:** גוט-מאָרגן, גוט-יאָר.

**וועלוול:** איך געדענק דיך. דו הייסט ליבע.

**ליבע:** יאָ, און דו הייסט וועלוול. וואָס זשע הערט זיך, וועלוול?

**וועלוול:** וואָס זאָל זיך הערן? עס איז ניטאָ קיין נײַעס. וואָס מאַכסטו, ליבע?

**ליבע:** איך בין געזונט, אַ דאַנק.

**וועלוול:** גוט, אַבי געזונט. און וואָס מאַכט דער טאַטע?

**ליבע:** ער איז געזונט.

**וועלוול:** און די באָבע וואָס מאַכט?

**ליבע:** זי איז נעבעך ניט געזונט. זי איז קראַנק און ליגט אין בעט.

**וועלוול:** וואָס איז דער מער?

**ליבע:** עס טוט איר וויי די רעכטע האַנט און עס טוען איר וויי דער האַלדז און די נאָז אויך.

**וועלוול:** אַ שאָד *(shod)*! דאָס איז טאַקע ניט גוט.

**ליבע:** יאָ, טאַקע אַ שאָד. נו, איך דאַרף *(darf)* גיין. זײַ געזונט.

**וועלוול:** זײַ געזונט, ליבע.

## PROVERBS שפּריכווערטער

| | |
|---|---|
| Don't ask the doctor, | פֿרעג(ט) ניט דעם *(dem)* דאָקטער, |
| ask the patient. | פֿרעג(ט) דעם קראַנקן. |
| Laughing is healthy; doctors | לאַכן איז געזונט; דאָקטוירים |
| tell you to laugh. (Sholem Aleichem) | הייסן לאַכן. (שלום-עליכם) |

## VOCABULARY

| | | |
|---|---|---|
| * *di / dos bet(n)* | די/דאָס בעט(ן) | bed |
| *dikh* | דיך | you *(sg. dir. obj.)* |
| * *der dokter (doktoyrim)* | דער דאָקטער (דאָקטוירים) | doctor |
| *der haldz (heldzer)* | דער האַלדז (העלדזער) | throat; neck |
| * *fregn* | פֿרעגן | to ask |
| *heysn* | הייסן | to tell; to order |
| *ir* | איר | her |
| *der kranker (kranke)* | דער קראַנקער (קראַנקע): | sick person, patient |
| *[(dem krankn) dir obj.]* | (דעם קראַנקן) | |
| * *lign* | ליגן | to lie |
| * *nebekh* | נעבעך | poor thing |
| * *di noz (nez)* | די נאָז (נעז) | nose |
| *oykh* | אויך | also |
| * *rekht* | רעכט | right |

### Idioms and Expressions

| | | |
|---|---|---|
| * *A dank* | אַ דאַנק | Thank you |
| *A shod!* | אַ שאָד! | A shame; (A) pity |

# VI. GRAMMAR

## I. The Nominative Case

In Yiddish, articles and adjectives are declined (take on different endings depending on their number, gender, and case). Their function in the sentence determines their case. Most nouns are not declined. We shall discuss those that are in Lesson 11A.

When a word (or words) is the subject of a sentence it is in the ***nominative*** case. We have already learned the forms of the article for the nominative case in Unit 2.

| | |
|---|---|
| **Masc.** | דער טאַטע |
| **Fem.** | די מאַמע |
| **Neut.** | דאָס קינד |
| **Pl.** for all genders | די קינדער |

Notice what happens to the adjectives:

| 3. *Indefinite Article + Adjective* | 2. *Definite Article + Adjective* | 1. *Predicate Adjective* |
|---|---|---|
| אַ גוטער טאַטע אַרבעט. | דער גוטער טאַטע אַרבעט. | דער טאַטע איז גוט. |
| אַ גוטע מאַמע אַרבעט. | די גוטע מאַמע אַרבעט. | די מאַמע איז גוט. |
| אַ גוט קינד עסט. | דאָס גוטע קינד עסט. | דאָס קינד איז גוט. |
| גוטע קינדער רוען. | די גוטע קינדער רוען. | די קינדער זײַנען גוט. |

The adjective גוט in each of the sentences in column 1 is in its *base form*, the shortest possible form of the adjective. Other examples of the base form of the adjective are: קלוג, געזונט, קליין.

The adjective גוט in column 1 is a predicate adjective. A predicate adjective is always in the base form. Rather than standing next to a noun as a modifier, it completes a linking verb such as the verb זײַן (to be). It is not declined regardless of number, gender, or case.

When an adjective modifies the noun, it is declined. In the nominative case, add the following endings to the base form of the adjective:

Masculine: Add ער: דער גוטער טאַטע, אַ גוטער טאַטע

Feminine: Add ע: די גוטע מאַמע, אַ גוטע מאַמע

Neuter preceded by the definite article: Add ע: דאָס גוטע קינד

The neuter adjective preceded by the indefinite article אַ or אַן stays in the base form. This means you add nothing to it. Remember, this applies *only* to neuter nouns with the indefinite article.

| | |
|---|---|
| אַ געזונט קינד, | דאָס געזונטע קינד, |
| אַ גוט בוך, | דאָס גוטע בוך |

Plural: Add ע. The plural is the same in the masculine, feminine, and neuter. The plural form of the definite article is always די.

די גוטע טאַטעס    די גוטע מאַמעס    די גוטע קינדער

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| 1. The good father works at home. | 1. דער גוטער טאַטע אַרבעט אין דער היים. |
| 2. A good father loves the (his) children. | 2. אַ גוטער טאַטע האָט ליב די קינדער. |
| 3. The clever mother remembers the songs. | 3. די קלוגע מאַמע געדענקט די לידער. |
| 4. A clever mother knows her child well. | 4. אַ קלוגע מאַמע קען גוט איר קינד. |
| 5. The sick child cannot learn. | 5. דאָס קראַנקע קינד קען זיך ניט לערנען. |
| 6. A sick child has to lie in bed, poor thing. | 6. אַ קראַנק קינד דאַרף נעבעך ליגן אין בעט. |
| 7. The healthy people see the doctor once in a while. | 7. די געזונטע מענטשן זעען דעם דאָקטער איין מאָל אין אַ נאָווענע. |
| 8. Healthy people can work. | 8. געזונטע מענטשן קענען אַרבעטן. |

**II. Yiddish Word Order**

A crucial rule of Yiddish grammar: In a declarative sentence the inflected verb must always be the second sentence unit. This may or may not mean that it is the second word in the sentence. The following are sentence units. A sentence may have some or all of these:

Subject
Verb/Predicate
Predicate noun or adjective
Direct or indirect object
Adverb or adverbial phrase
Prepositional phrase
Interjection

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| We/are eating/supper/at home. | 1. מיר/עסן/וועטשערע *(vetshere)* /אין דער היים. |
| Keyle and Berl/ speak/well. | 2. קיילע און בערל/רעדן/גוט. |
| The teachers and the students/ are/ smart. | 3. די לערערס און די סטודענטן/ זײַנען/ קלוג. |

| | |
|---|---|
| I/ give/ the children/ money. | 4. איך/גיב/די קינדער/געלט. |
| Yes, we/know /Yiddish. | 5. יאָ, מיר/קענען/יִדיש (Yidish). |
| She/is/a teacher. | 6. זי/ איז/ אַ לערערין. |

**In sentence 1**
מיר is the subject, עסן the verb, וועטשערע the object, אין דער היים a prepositional phrase of place.

**In sentence 2**
קיילע און בערל is the subject, רעדן the verb, גוט an adverb of manner.

**In sentence 3**
די לערערס און די סטודענטן is the subject, זייַנען the verb, קלוג the predicate adjective.*

**In sentence 4**
איך is the subject, גיב the verb, די קינדער the indirect object, געלט the direct object.

**In sentence 5**
מיר is the subject, קענען the verb, יִדיש the direct object. יאָ** an interjection.

**In sentence 6**
זי is the subject, איז the verb, אַ לערערין the predicate noun.

Yiddish word order is quite flexible. Reordering the words may change the emphasis of the sentence, but the following sentences are still correct. Notice that the verb is still the second sentence unit.

1. וועטשערע עסן מיר אין דער היים./ אין דער היים עסן מיר וועטשערע.
2. גוט רעדן קיילע און בערל. 3. קלוג זייַנען די לערערס און די סטודענטן.
4. די קינדער גיב איך געלט. / געלט גיב איך די קינדער.
5. יאָ, יִדיש קענען מיר. 6. אַ לערערין איז זי.

---

* Note: Linking verbs such as זייַן to be, ווערן to become, אויסזען to seem, and others are followed by predicate nouns or adjectives.

** Note: Interjections such as דאַנקען גאָט, יאָ, ניין, etc. are not counted as sentence units.

**III. Yiddish Questions**

In Yiddish there are three ways to form a question which requires a *yes*, *no*, or *maybe* answer.

1. The simplest and most common way is to retain the normal declarative word order and merely change your intonation. For example:

   דאָס איז אַ בוך? ער איז אַ גוטער דאָקטער?

Frequently, although not always, the effect is comic or sarcastic. Such an effect is also possible with the other forms, although not as common.

2. You may also reverse the order of the subject (noun(s) or pronoun(s)) and the predicate (verb). Rather than זי איז געזונט you may say

   איז זי געזונט?

3. You may put the interrogative (question) word צי at the beginning of the sentence and follow it by reversing the order of the subject and predicate as you did in option 2. For example:

   צי איז זי געזונט? צי איז ער אַ גוטער דאָקטער?

The word צי cannot be translated into English; it merely indicates that a question is being asked. This form is on its way out in modern spoken Yiddish, but you may hear it now and again, particularly when the question is not casual but requires reflection or emphasis. You will certainly find it in literature.

In addition, there are a number of interrogative pronouns such as וועמען, פֿאַר וואָס, and ווער, interrogative adverbs such as ווי (אַזוי), ווען, ווו, וואָס, and interrogative adjectives such as וואָסער and וועלכער. These words are placed in the first sentence unit in an interrogative sentence, and are followed by the predicate (verb) and then the subject.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| How does he sing? | 1. ווי (אַזוי) זינגט ער? |
| When do they eat potatoes? | 2. ווען עסן זיי בולבעס? |
| Where does she live? | 3. ווו וווינט זי? |
| Who is sick? | 4. ווער איז קראַנק? |
| What does he want to ask? | 5. וואָס וויל ער פֿרעגן? |
| Whom do you know here? | 6. וועמען קענט איר דאָ? |

| | |
|---|---|
| With whom is he speaking? | 7. מיט וועמען רעדט ער? |
| What/which song does she want to sing? | 8. וואָסער ליד[4] וויל זי זינגען? |
| Why is grandfather resting? | 9. פֿאַר וואָס רוט דער זיידע? |
| Which foot hurts her? | 10. וועלכער פֿוס טוט איר וויי? |

## IV. Verb + סטו

| | |
|---|---|
| How are you? | 1. וואָס מאַכסטו? |
| Where do you live? | 2. וווּ וווינסטו? |
| Monday you're going with me. | 3. מאָנטיק גייסטו מיט מיר. |

If the subject of a sentence is דו and it comes after the verb, then the verbal ending is fused with דו to form סטו. The ד of the pronoun דו is dropped.

This form appears in interrogative constructions and elsewhere when דו follows the verb as in the third example above. No other personal pronouns may be merged with the verb in this manner.

| | | |
|---|---|---|
| מאַכסט דו | = | מאַכסטו |
| גייסט דו | = | גייסטו |
| טוסט דו | = | טוסטו |
| טו איך | = | טו איך |

## V. The Plural of עס איז דאָ

The plural of עס איז דאָ (there is) is עס זײַנען דאָ (there are). For example:

| | |
|---|---|
| There is a child in the class. | 1. עס איז דאָ אַ קינד אין קלאַס. |
| There are children in the class. | 2. עס זײַנען דאָ קינדער אין קלאַס. |
| Yes, there are potatoes in the house. | 3. יאָ, עס זײַנען דאָ בולבעס אין שטוב (*shtub*). |
| There are seven days in a week . | 4. עס זײַנען דאָ זיבן טעג אין אַ וואָך. |

---

[4] Although ליד is the second word, it is not the predicate. In the case of the interrogative adjective וואָסער, וואָסער plus the noun it modifies form one unit which is followed by the predicate. The same applies to וועלכער in sentence 10.

## VII. A SONG: אַ ליד:

### בולבעס

1) זונטיק — בולבעס,
מאָנטיק — בולבעס,
דינסטיק און מיטוואָך — בולבעס,
דאָנערשטיק און פֿרײַטיק — בולבעס,
שבת* אין אַ נאָווענע — אַ בולבע־קוגעלע,
זונטיק — ווײַטער בולבעס.

| | |
|---|---|
| *Broyt mit bulbes,* | 2) ברויט מיט בולבעס, |
| *Fleysh mit bulbes,* | פֿלייש מיט בולבעס, |
| *Varemes un vetshere–bulbes,* | וואַרעמעס און וועטשערע* — בולבעס, |
| *Ober un vider–bulbes,* | אָבער און ווידער — בולבעס, |
| *Eyn mol in a novene –* | איין מאָל אין אַ נאָווענע — |
| *A bulbe-kugele,* | אַ בולבע־קוגעלע, |
| *Zuntik –vayter bulbes.* | זונטיק — ווײַטער בולבעס. |

* Remember ש (sh) as in שבת (*Shabes*) and (טש) (tsh) as in וועטשערע (*vetshere*). If you have forgotten these words, look back to *p.* 30.

## VOCABULARY

From now on, vocabulary will be listed alphabetically according to the Yiddish alphabet.

| | | |
|---|---|---|
| bread | *dos broyt(n)* | * דאָס ברויט(ן) |
| next, further | *vayter* | ווײַטער |
| with | *mit* | * מיט |
| meat | *dos fleysh(n)* | * דאָס פֿלייש |

### Expressions

| | | |
|---|---|---|
| again and again | *ober un vider* | אָבער און ווידער |




פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

## EXERCISES

**I. Fill in the blanks with the correct form of the adjective and article:**

1. דאָס קלוג____ קינד וווינט דאָ.
2. די גוט____ קינדער לערנען זיך.
3. ד___ קראַנק___ באָבע ליגט אין בעט.
4. ד___ געזונט____ טאַטע אַרבעט.
5. ד___ קלוג____ קינד הייסט בערל.
6. קולבאַקס *מאַנטיק* איז אַ גוט____ בוך.
7. ד___ גוט____ קינדער זינגען אין דער היים *(heym)*.
8. ד___ קלוג____ לערער זינגט דאָס ליד נאָך אַ מאָל.

9. עס טוט מיר אויך ווי ד___ רעכט ___ האַנט.
10. ד___ קראַנק___ טאַטע רוט.

**II. Fill in the correct form of the verb זײַן:**

1. מיר ______ קלוג.
2. איר ______ געזונט.
3. דו ______ קראַנק.
4. איך ______ קלוג.
5. עס ______ דאָ קינדער אין גאַס.
6. ווער ______ דאָ?
7. עס ______ דאָ אַ בוך לעבן (near) טיש *(tish)*.
8. ער ______ נעבעך קראַנק.
9. דינסטיק ______ זיי אין דער היים *(heym)*.
10. מיטוואָך ______ איך אין דער היים.
11. בלומעלע ______ אַ טײַער קינד.

**III. Fill in the correct form of the verb in parentheses:**

1. (געדענקען) איר ______ דעם אַלף־בית *(dem alefbeyz)*?
2. (לערנען) ______ ער אין דער היים *(heym)* היינט?
3. (זינגען) וואָס ______ זיי?
4. (זינגען) ווען ______ מיר דאָס ליד?
5. (אַרבעטן) איך ______ דאָרט הײַנט (today) ווײַל הײַנט (זײַן) ______ מאָנטיק.
6. (קענען) וואָס ______ איר טאָן?
7. (האָבן) ווער ______ אַ גוטע וועטשערע?
8. (קענען) זיי ______ דאָס ליד.
9. (עסן) איך ______ איין מאָל אין אַ וואָך בולבעס.
10. (טאָן) יאָ, עס ______ מיר ווי דער האַלדז.
11. (זאָגן) איר ______ "גוט־מאָרגן, גוט־יאָר."
12. (האָבן) ער ______ ליב גוטע נײַעס.
13. (עסן) ______ דו וואַרעמעס אין דער היים?
14. (רוען) דער זיידע ______ פֿרײַטיק.
15. (וווינען) איר ______ דאָרט.
16. (רעדן) מיט וועמען ______ איר?

**IV. Read the following passage and make up four questions using at least three interrogative words. Then answer the questions:**

דאָס קינד הייסט גיטל. זי וווינט אין ניו-יאָרק. זי האָט ליב צו (to -*tsu*) זינגען. זי זינגט גוט. זי זינגט דאָס ליד "בולבעס," אָבער הײַנט (today) זינגט זי ניט. זי איז ניט געזונט, זי איז נעבעך קראַנק און ליגט אין בעט.

**V. Translate into Yiddish: (You should be able to write it all in Yiddish.)**

1. What does he see there?
2. Do they need a notebook?
3. Where do they work?
4. Who has books?
5. Where is the money?
6. What are you doing this (the) week?
7. Is he smart?
8. Whom do you see?
9. What class (קלאַס) are you in (In what class...)?
10. Whom do you know (קענען) here?

**VI. Translate into Yiddish:**

1. There are books at home (in the home).
2. He eats potatoes Wednesday.
3. Tuesday and Thursday he works (works he) there.
4. As long as he does the (די) work!
5. There is a notebook here.
6. How do you (*pl.*) work?
7. When is he giving (גיט) the children the money?
8. I want the books because they are good.
9. We are eating kugel/(kugl) again.
10. Do you need a pencil?
11. No, I need a notebook and a pen.
12. They want books and pencils.

## ORAL PRACTICE

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. — וואָס ווילסטו[1] טאָן די וואָך?

— איך[2] וויל טאַנצן (*tantsn*) מיטוואָך און זינגען דאָנערשטיק.

— און דינסטיק?

— דינסטיק, וויל איך[2] זיך לערנען.

א) (איר,[1] מיר[2]) ב) (זיי,[1] זיי[2])

2. — וואָס איז דער מער?
— די באָבע איז ניט געזונט.
— עס טוט איר וויי די נאָז.[1]
— עס טוען איר וויי די הענט.[2]
א) (די הענט,[1] דער האַלדז[2])

**VIII. Complete the dialogue:**

1. — האָסטו ליב די לערערין?
— יאָ, זי איז קלוג און זי האָט ליב אַלע קינדער.
— זי קען זינגען, אָבער.....

2. — וואָס מאַכט דער זיידע?
— ער איז נעבעך ניט געזונט.
— וואָס איז דער מער?
— . . .

3. — די מענטשן *(mentshn)* ווילן זײַן געזונט.
— וואָס עסן זיי?
— וועטשערע עסן זיי .....

4. — וואָס קען איך טאָן? איך וויל עסן אַ גוטע וועטשערע אָבער איך האָב נאָר בולבעס.
— דו קענסט .....

5. — מאָנטיק און דינסטיק בין איך אין דער היים.
— וואָס טוסטו די אַנדערע (other) טעג?
— נו, מיטוואָך .....

**IX. Rearrange these sentences putting the highlighted words first. Read aloud. The VERB must always be the second sentence unit.**

1. מיר עסן אין דער היים *(heym)* דינסטיק.
2. מיר ווילן דאָס מאָל בולבעס.
3. זיי זײַנען געווען אָבער ניט קלוג.
4. די סטודענטן לערנען זיך מיטוואָך.
5. דער טאַטע וויל די ביכער פֿאַר די קינדער.
6. דער לערער טוט די אַרבעט אַלע מאָל.
7. איך געדענק דיך. דו הייסט קײלע.
8. מיר האָבן טאַקע נאָר איין בלײַער.
9. איך דאַרף אַ פֿעדער.
10. מיר קענען די לערערין.

**X. Conversation Topics:**

1. Your class has moved to a new classroom. Find out about the room. Does it have everything you need for the class?

2. Your parents would like to know how you spend your days at college. Tell them either by phone or in person what you do each day of the week and how you feel in general.

# UNIT 4

## דאָס פֿערטע קאַפּיטל

## וואָס טוט אײַך וויי?

## I. LETTERS

| *ENGLISH EQUIVALENT* | *YIDDISH NAME* | *WRITTEN FORM* | *PRINTED FORM* |
|---|---|---|---|
| **Diphthong** | | | |
| like ***Oy*** in ***Boy*** | *Vov Yud* | וי | וי |

At the beginning of a word וי is preceded by a silent א as are ו, י, ײַ, יי. Thus, או, אי, איַ, איי and אוי .

| *ENGLISH EQUIVALENT* | *YIDDISH NAME* | *WRITTEN FORM* | *PRINTED FORM* |
|---|---|---|---|
| **Consonants** | | | |
| ***P*** | *Pey* | פּ | פּ |
| ***F*** at the end of a word | *Lange(r) Fey* | ף | ף |
| ***Ts*** used at beginning and middle of a word | *Tsadik* | צ | צ |
| ***Ts*** at the end of a word | *Lange(r) Tsadik* | ץ | ץ |
| ***M*** at the end of a word | *Shlos Mem* | ם | ם |
| ***Sh*** | *Shin* | ש | ש |

Note: ף is the ending only for פֿ. פּ at the end of a word remains פּ.

# II. VOCABULARY

| *MEANING* | *PRONUNCIATION* | *WRITTEN FORM* | *PRINTED FORM* |
|---|---|---|---|
| you *(pl. & obj.)* | *aykh* | אײַך | 1. * אײַך |
| your *(pl.)* book | *ayer bukh* | אײַער בוך | 2. אײַער בוך |
| your *(pl.)* books | *ayere bikher* | אײַערע ביכער | 3. אײַערע ביכער |
| also, too | *oykh* | אויך | 4. * אויך |
| the ear(s) | *der/dos oyer,*<br>*di oyern* | דער/דאָס אויער,<br>די אויערן | 5. * דער/דאָס אויער,<br>די אויערן |
| the eye(s) | *dos oyg, di oygn* | דאָס אויג, די אויגן | 6. * דאָס אויג, די אויגן |
| abdomen(s),<br>stomach(s), belly(ies) | *der boykh,*<br>*di baykher* | דער בויך,<br>די בײַכער | 7. * דער בויך,<br>די בײַכער |
| the head(s) | *der kop, di kep* | דער קאָפּ, די קעפּ | 8. * דער קאָפּ, די קעפּ |
| the lip(s) | *di lip, di lipn* | די ליפּ, די ליפּן | 9. * די ליפּ, די ליפּן |
| the foot (feet) | *der fus, di fis* | דער פֿוס, די פֿיס | 10. * דער פֿוס, די פֿיס |
| the right foot | *der rekhter fus* | דער רעכטער פֿוס | 11. * דער רעכטער פֿוס |
| I have a cold | *ikh bin farkilt* | איך בין פֿאַרקילט | 12. * איך בין פֿאַרקילט |
| from, of | *fun* | פֿון | 13. * פֿון |
| to the | *tsum = tsu dem* | צום = צו דעם | 14. צום = צו דעם |
| to come,<br>I am coming | *kumen,*<br>*ikh kum* | קומען,<br>איך קום | 15. * קומען,<br>איך קום |
| all, everything | *alts* | אַלץ | 16. * אַלץ |
| religious, pious | *frum* | פֿרום | 17. * פֿרום |
| the school(s);<br>the synagogue(s) | *di shul(n)* | די שול, די שולן | 18. * די שול, די שולן |
| weak, frail | *shvakh* | שוואַך | 19. שוואַך |
| to smell,<br>she smells (*trans.*)<br>(*i.e.* She smells the flower) | *shmekn,*<br>*zi shmekt* | שמעקן,<br>זי שמעקט | 20. * שמעקן,<br>זי שמעקט |

| | | | |
|---|---|---|---|
| the heart(s) | *dos harts,* | דאָס האַרץ, | 21. * דאָס האַרץ, |
| | *di hertser* | די הערצער | די הערצער |
| the tooth, | *der tson,* | דער צאָן, | 22. דער צאָן, |
| teeth | *di tseyn/er* | די ציין/ער | די ציין/ער |
| one, you, they, people | *me/men* | מע/מען | 23. * מע/מען |
| him | *im* | אים | 24. * אים |
| the mouth(s) | *dos moyl,* | דאָס מויל, | 25. * דאָס מויל, |
| | *di mayler* | די מײַלער | די מײַלער |
| the shoulder(s) | *der aksl,* | דער אַקסל, | 26. * דער אַקסל, |
| | *di aksl/en* | די אַקסל/ען | די אַקסל/ען |
| the back(s) | *der rukn, di rukns* | דער רוקן, | 27. * דער רוקן, |
| | | די רוקנס | די רוקנס |
| the sickness(es) | *di krankayt(n)* | די קראַנקייט/ן | 28. די קראַנקייט/ן |
| girl(s) | *dos meydl* | דאָס מיידל | 29. * דאָס מיידל |
| | *di meydlekh* | די מיידלעך | די מיידלעך |

Here are some words you already know:

| | | | |
|---|---|---|---|
| Thursday | *Donershtik* | דאָנערשטיק | 1. דאָנערשטיק |
| the house(s) | *di shtub,* | די שטוב, | 2. די שטוב, |
| | *di shtiber* | די שטיבער | די שטיבער |
| on | *af, oyf* | אויף | 3. אויף |
| introduces a question | *tsi* | צי | 4. צי |
| the nose(s) | *di noz, di nez(er)* | די נאָז, די נעז(ער) | 5. די נאָז, די נעז(ער) |
| How are you? | *Vos makhstu?* | וואָס מאַכסטו? | 6. וואָס מאַכסטו? |

## III. READING PRACTICE

1. וואָס טוט אײַך וויי? אַלץ טוט מיר וויי.
2. עס טוט מיר וויי דער קאָפּ.
3. די ציין טוען מיר ניט וויי.
4. דער פֿוס טוט אים אויך וויי.
5. צי טוען אײַך וויי די אויגן?
6. עס טוען מיר וויי די אַקסלען.
7. איך גיי אויך צום דאָקטער.
8. די מיידלעך זײַנען אין שול.

9. ווער איז פֿאַרקילט? די לערערין איז נעבעך פֿאַרקילט.
10. "פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן," זאָגט דער פֿרומער ייִד.
11. ווער האָט שוואַרצע אויגן? דאָס מיידל האָט שוואַרצע אויגן.
12. מע הערט מיט די אויערן.
13. מע זעט מיט די אויגן.
14. מע שמעקט ניט מיט דעם בויך, מע שמעקט מיט דער נאָז.
15. מע טראַכט ניט מיט דער נאָז, מע טראַכט מיט דעם קאָפּ.
16. מען עסט מיט די ציין.

## IV. MORE PRACTICE

Many people confuse the Samech (ס) and Shlos-Mem (ם). Practice identifying them in the following words.

Words with ס:

| | | | |
|---|---|---|---|
| דער פּוס | די פּיס | די בולבעס | עסן |
| ווײסן | וואָס | דאָס וואָרעמעס | |

Words with ם:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| דעם | צום | די היים | קום | פּרום |

## V. CONSONANT COMBINATIONS

There are five consonant combinations that together make one sound:

| | | |
|---|---|---|
| ***Dz*** as in *Gour**ds*** | דז | דז |
| ***Zh*** as in ***Zh**ivago* | זש | זש |
| ***Tsh*** or ***Ch*** as in ***Ch**art* | טש | טש |
| ***Dzh or J*** as in ***Jazz, Jungle*** | דזש | דזש |

טש and ש sometimes come together.

| | | |
|---|---|---|
| ***Shch*** as in ***Shch**aransky* | שטש | שטש |

# VOCABULARY

| | | |
|---|---|---|
| exhausted | *oysgemutshet* | * אױסגעמוטשעט |
| us, our | *undz, undzer* | אונדז, אונדזער |
| borsht, beet soup | *der borshtsh, di borshtshn* | דער באָרשטש, די באָרשטשן |
| Jefferson | *Dzheferson* | דזשעפֿערסאָן |
| to buzz, to hum | *zhumen* | זשומען |
| so, then | *zhe* | * זשע |
| *cholnt*, baked dish of meat, potatoes, beans served on Sabbath | *der tsholnt, di tsholnter* | * דער טשאָלנט, די טשאָלנטער |
| the teapot(s) | *der tshaynik, di tshaynikes* | דער טשײַניק, די טשײַניקעס |
| to talk nonsense, to bother someone (*Lit.* "to bang a teapot") | *hakn a tshaynik* | * האַקן אַ טשײַניק |
| the check(s) | *der tshek, di tshekn* | דער טשעק, די טשעקן |
| the duck(s) | *di katshke, di katshkes* | די קאַטשקע, די קאַטשקעס |

Learn these words as well. They will appear in the paragraph below.

| | | |
|---|---|---|
| the soup(s) | *di zup, di zupn* | די זופּ, די זופּן |
| to take | *nemen* | * נעמען |
| that (conj.) | az | אַז * |

## VI. READING PRACTICE

### א. סרולטשע גײט צום דאָקטער

סרולטשע לאַדזשער גײט צום דאָקטער אױף דזשעפֿערסאָן גאַס. דאָקטער טשטשופּאַק פֿרעגט, „װאָס זשע הערט זיך, סרולטשע?" סרולטשע זאָגט אַז עס טוט אים װײ דער האַלדז און עס זשומעט אים אין די אױערן. ער איז אױסגעמוטשעט. דער דאָקטער נעמט דעם טשעק און זאָגט, „סרולטשע, עס טשאָלנט, באָרשטש, און קאַטשקע און האַק ניט קײן טשײַניק."

## ב. צי קענט איר?

אַ סאָוועטישער אַגענט קומט צו אַ ייִד און זאָגט, "איך וויל אײַך פֿרעגן אַ פּאָר פֿראַגעס. איר קענט דעם נאָמען "סטאַלין"?

"ניין" ענטפֿערט דער ייִד.

"איר קענט לענינען?"

"ניין, איך קען ניט קיין לענין."

"קאָסיגינען, גראָמיקאָן, ברעזשניעוון קענט איר?"

"ניין," ענטפֿערט דער ייִד און זאָגט, "איך האָב אַ פּאָר פֿראַגעס פֿאַר אײַך. צי קענט איר בערל זינגערן?"

"ניין," ענטפֿערט דער אַגענט, "איך קען ניט קיין בערל זינגער."

"וועלוול טשעסלערן?"

"ניין."

"זעלדע גאָלדבערגן קענט איר?"

"ניין, איך קען ניט קיין זעלדע גאָלדבערג."

"נו, אַזוי גייט עס," זאָגט דער ייִד. "איר האָט אײַערע פֿרײַנד, און איך האָב מײַנע."

## שפּריכוואָרט PROVERB

| | |
|---|---|
| Tell me who your friend is, and I'll know who you are. | זאָג מיר ווער דײַן חבֿר איז, וועל איך וויסן ווער דו ביסט. |

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| your *(pl. or formal possessor + pl. possessions)* | *ayere* | אײַערע | |
| agent | *agent(n.)* | דער אַגענט(ן) | |
| to know (facts, information) | *visn* | וויסן | * |
| will *(v.) 1st person future* | *vel* | וועל | |
| friend | *der khaver – khaveyrim* | דער חבֿר(ים) | * |
| my | *mayn* | מײַן | |
| my *(pl. possessions)* | *mayne* | מײַנע | |

| | | |
|---|---|---|
| * דער נאָמען (נעמען) | *der nomen (nemen)* | name |
| * ענטפֿערן | *entfern* | to answer |
| די פּאָר(ן) | *di por(n)* | pair, couple |
| * די פֿראַגע(ס) | *di frage(s)* | question |

## Expressions

| | | |
|---|---|---|
| * אַזוי גייט עס. | *Azoy geyt es.* | So it goes. |

## VII. אַ שמועס

### וואָס טוט איַיך וויי?

דאָקטער: וואָס הערט זיך עפּעס? וואָס מאַכט איר?

קראַנקער: וואָס זאָל זיך הערן? ניט גוט, דאָקטער, עס איז ביטער.

דאָקטער: וואָס איז דער מער?

קראַנקער: איך בין פֿאַרקילט און איך קען ניט אָטעמען און שמעקן.

דאָקטער: טוט איַיך אויך וויי דער האַלדז?

קראַנקער: יאָ, יאָ, עס טוט מיר וויי דער האַלדז, די הענט און די פֿיס זיַינען אויך שוואַך.

דאָקטער: און דער קאָפּ? צי טוט איַיך וויי דער קאָפּ?

קראַנקער: יאָ, עס טוט מיר אַזוי וויי דער קאָפּ אַז איך קען אַפֿילו ניט טראַכטן. איך בין אויך זייער אויסגעמוטשעט.

דאָקטער: טוט איַיך וויי דער בויך?

קראַנקער: אוי, דאָקטער, איר זאָלט ניט וויסן פֿון דעם, וואָס טוט מיר ניט וויי? עס טוען מיר וויי די אויגן, די אויערן, דער רוקן, די קני און אַפֿילו דער לינקער אַקסל. אַלץ טוט מיר וויי.

דאָקטער: נו, אויב אַזוי, ליגט אין בעט און רוט זיך אָפּ.

קראַנקער: ליגט אין בעט? ווער האָט ציַיט צו ליגן אין בעט? איך בין, דאַנקען גאָט, אַ געזונטער מענטש.

## שפּריכווערטער און אידיאָמען

| | |
|---|---|
| 1. האָבן גרויסע אויגן (איך האָב, דו האָסט...גרויסע אויגן.) | to want everything one sees (*Lit.* "to have big eyes") |

| | |
|---|---|
| Actions have consequences. (*Lit.* "If you don't eat bones your teeth won't hurt.") | 2. אויב מען עסט ניט קיין ביינער, טוען ניט וויי די ציינער. |
| From your mouth to God's ears. | 3. פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. |

# VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| if | *oyb* | אויב | * |
| so, thus | *azoy* | אַזוי | * |
| to breathe | *otemen* | אָטעמען | |
| in, into | *in* | אין | * |
| even *(adv.)* | *afile* | אַפֿילו | |
| bitter; miserable | *biter* | ביטער | |
| bone(s) | *der beyn(er)* | דער ביין(ער) | |
| big, great; *(diff. forms of adj.)* | *groys, groyse* | גרויס, גרויסע | * |
| your *(sg. possessor + sg. possession)* | *dayn* | דײַן | * |
| very | *zeyer* | זייער | |
| left: *(diff. forms of adj.)* | *link, linker* | לינק, לינקער | * |
| time | *di tsayt(n)* | די צײַט(ן) | |
| knee | *der kni (kni/en)* | דער קני (קני/קניִען) | |

## Idioms and Expressions

| | | | |
|---|---|---|---|
| In that case, If so | *Oyb azoy* | אויב אַזוי | * |
| You shouldn't know from it! May you never know of such a thing! | *Ir zolt nit visn fun dem!* | איר זאָלט ניט וויסן פֿון דעם! | |
| Thank God! | *Danken got!* | דאַנקען גאָט! | * |
| Rest, Relax *(imp.)* | *Ru(t) zikh op* | רו(ט) זיך אָפּ | |

# VIII. GRAMMAR

## I. The Negative

To form the negative in a sentence with no object or predicate noun simply add ניט or נישט after the verb:

| | |
|---|---|
| The student writes well. | דער סטודענט שרײַבט גוט. |
| The student does not write well. | דער סטודענט שרײַבט ניט גוט. |
| We are exhausted. | מיר זײַנען אױסגעמוטשעט. |
| We are not exhausted. | מיר זײַנען ניט אױסגעמוטשעט. |

But, if the verb is followed by an object preceded by an indefinite article, the indefinite article אַ or אַן is replaced by ניט־קײן. This also occurs when a linking verb such as the verb "to be" זײַן is followed by a predicate noun preceded by an indefinite article.

| | |
|---|---|
| The girl has a long neck. | דאָס מײדל האָט אַ לאַנגן האַלדז. |
| The girl does not have a long neck. | דאָס מײדל האָט ניט קײן לאַנגן האַלדז. |
| My friend is a doctor. | מײַן חבֿר *(khåver)* איז אַ דאָקטער. |
| My friend is not a doctor. | מײַן חבֿר איז ניט קײן דאָקטער. |

In the plural ניט־קײן is used before both an object or a predicate noun. It is used here [even though Yiddish, like English, has no indefinite plural article in a positive sentence]:

| | |
|---|---|
| We are good friends. | מיר זײַנען גוטע פֿרײַנד. |
| We are not good friends. | מיר זײַנען ניט קײן גוטע פֿרײַנד. |
| The teacher wants books. | די לערערין װיל ביכער. |
| The teacher doesn't want any books. | די לערערין װיל ניט קײן ביכער. |

If the object or predicate noun is preceded by a definite article, singular or plural, דער, די, דאָס or דעם, you retain the article and simply add ניט:

| | |
|---|---|
| The teacher has the book. | דער לערער האָט דאָס בוך. |
| The teacher does not have the book. | דער לערער האָט ניט דאָס בוך. |

| | |
|---|---|
| You need the pencils. | איר דאַרפֿט די בלײַערס. |
| You don't need the pencils. | איר דאַרפֿט ניט די בלײַערס. |

With a prepositional phrase, ניט follows the verb and קיין replaces the indefinite article and precedes the noun. In most cases, if no other words intervene, ניט-קיין sandwiches the preposition. With a prepositional phrase with a definite article, simply put ניט before the preposition.

| | |
|---|---|
| I live in a house. | איך וווין אין אַ שטוב. |
| I don't live in a house, I live in an apartment. | איך וווין ניט אין קיין שטוב, איך וווין אין אַ דירה. |
| My friend does not live in the (this) house. | מײַן חבֿר וווינט ניט אין דער שטוב. |
| The doctor writes in a notebook. | דער דאָקטער שרײַבט אין אַ העפֿט. |
| The doctor does not write in a notebook. | דער דאָקטער שרײַבט ניט אין קיין העפֿט. |

The negative of עס איז דאָ is עס איז ניטאָ קיין:

| | |
|---|---|
| There is a teacher in the classroom. | עס איז דאָ אַ לערער אין קלאַס. |
| There is no teacher in the classroom. | עס איז ניטאָ קיין לערער אין קלאַס. |
| There are books on the table. | עס זײַנען דאָ ביכער אויפֿן טיש. |
| There aren't any books on the table. | עס זײַנען ניטאָ קיין ביכער אויפֿן טיש. |

ניט and נישט both mean "no" or "not" and are totally interchangeable.

עס איז/זײַנען ניטאָ and עס איז/זײַנען נישטאָ (there is/are not) are also interchangeable.

## II. Use of מען/מע

מען and מע are impersonal pronouns which mean "one, people, you, they" in the general sense. Although both מען and מע appear in Yiddish literature, today מע is used more frequently in speech. However, מען must be used after the verb as in sentences 6 and 8. מען is also usually used before a vowel: it is generally מען עסט and not מע עסט although both forms are acceptable.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| People are walking on the street. | 1. מע גייט אין גאַס. |
| You write it like this. | 2. מע שרײַבט עס אַזוי. |
| One cannot know. | 3. מע קען ניט וויסן. |
| You don't answer like that. | 4. מען ענטפֿערט ניט אַזוי. |
| You don't breathe with your nose. | 5. מען אָטעמט ניט מיט דער נאָז. |

מע and מען are frequently used to express the passive. Sentence 2 above may also be translated as "It is written like this."

| | |
|---|---|
| Hamentashn are eaten on Purim. | 6. המן־טאַשן עסט מען פּורים. |
| Yiddish books are written in America. | 7. מע שרײַבט ייִדישע ביכער אין אַמעריקע. |
| Oy, what is to be done? | 8. אוי, וואָס טוט מען? |

מע and מען are conjugated only with the third person singular of the verb. There is no plural form.

## III. Plural of Nouns

The plural of Yiddish nouns may be formed in several different ways. Frequently, you cannot know what the plural of a noun is by looking at its singular form. You must, therefore, learn each noun separately.

Here are some of the more common endings:

Ending ן or ען: Most nouns ending in ם, ן, נג, נק and syllabic ל will have plural endings in ען.

| | | | |
|---|---|---|---|
| די גאַס | די גאַסן | דאָס אויג | די אויגן |
| דאָס אויער | די אויערן | די ליפּ | די ליפּן |
| דער קוגל | די קוגלען | די הײם | די הײמען |

Ending ס or עס:

| | | | |
|---|---|---|---|
| די מאַמע | די מאַמעס | די באָבע | די באָבעס |
| דער טאַטע | די טאַטעס | די פֿראַגע | די פֿראַגעס |

דער רוקן — די רוקנס     דער רבי — די רבים

דאָס לעבן — די לעבנס     דער פּריפּעטשיק — די פּריפּעטשיקעס

Ending ער:

דאָס ליד — די לידער     דאָס קינד — די קינדער

Ending ער plus change in the vowel:

דער האַלדז — די העלדזער     דאָס מויל — די מײַלער

דאָס בוך — די ביכער     דאָס האַרץ — די הערצער

No ending, but a change in the vowel:

די האַנט — די הענט     דער פֿוס — די פֿיס

דער קאָפּ — די קעפּ     דער טאָג — די טעג

דער צאָן — די צײן

Ending ך or עך. The endings for all diminutives (small) forms is עך. The ending for all iminutives (even smaller) is ך. (Quite often, both forms are referred to as "diminutive.")

דאָס געסל — די געסלעך     דאָס געסעלע — די געסעלעך

דאָס מיידל — די מיידלעך     דאָס מיידעלע — די מיידעלעך

דאָס פֿייַערל — די פֿייַערלעך

Ending ים, sometimes with a shift of stress or change of vowel. For the most part, these words come from Traditional Hebrew and follow its pattern of masculine plural formation. They are, however, pronounced differently in Yiddish.

דער חסיד — די חסידים     דער גנבֿ — די גנבֿים

דער חבֿר — די חבֿרים     דער דאָקטער — די דאָקטוירים

Ending ות (pronounced עס). These words come from Traditional Hebrew and follow its pattern of feminine plural formation. The final ה of the singular is dropped.

די תּורה *(Torah)* — די תּורות

די מזוזה *(mezuzah)* — די מזוזות

## IV. Declension of Names

In Yiddish, adjectives and articles are declined (as you will learn in the next lesson). Nouns generally are not. However, in Standard Yiddish, names of people are declined, - that is to say, an ending is added to them when they are used as direct or indirect objects, or as objects of prepositions. Names of places are not declined.

The ending for direct and indirect objects is ן. It is replaced by ען if the name ends in ם, ן, syllabic ל, or a stressed vowel.

| *INDIRECT OBJECT* | *DIRECT OBJECT* | *SUBJECT* |
|---|---|---|
| איך גיב מאַשען געלט. | איך קען מאַשען. | מאַשע איז אַ לערערין. |
| שלום-עליכם שרײַבט פֿון יאָסעלע סאָלאָווייען. | אסתּר האָט ליב יאָסעלע סאָלאָווייען. | יאָסעלע סאָלאָוויי זינגט גוט. |
| איך גיב וועלוולען אַ בוך. | איך האָב ליב וועלוולען. | וועלוול וויל עסן. |

Note: If you are using both the first and the last name, decline only the last name. As you may have noticed in lines 5, 9, and 13 of the dialogue צי קענט איר? on page 52, names are not declined after the negative article קיין.

| | |
|---|---|
| איך קען הערשל גאָלדן. | הערשל גאָלד איז דאָ. |
| די קינדער רעדן מיט מאָטל לימאַנען. | מאָטל לימאַן איז אַ לערער. |

צי קענט איר בערל ציגלערן? ניין, איך קען ניט קיין בערל ציגלער.

## V. Avoiding the Possessive with Body Parts

With body parts, Yiddish generally uses the definite article rather than the possessive adjective when it is clear to whom these parts belong.

| | |
|---|---|
| My stomach hurts (me). | 1. עס טוט מיר וויי דער בויך. |
| Does your throat hurt? | 2. טוט אײַך וויי דער האַלדז? |
| Her hands hurt (her). | 3. עס טוען איר וויי די הענט. |
| My hand is on your head. | 4. מײַן האַנט איז אויף דײַן קאָפּ. |

# אַ ליד: ווּ איז דאָס געסעלע

פֿאָלקסליד

1) ווּ איז דאָס געסעלע,
ווּ איז די שטוב,[1]
ווּ איז דאָס מיידעלע
וואָס איך האָב ליב?

2) אָט איז דאָס געסעלע,
אָט איז די שטוב,
אָט איז דאָס מיידעלע
וואָס איך האָב ליב.

3) ווּ איז דאָס טײַכעלע,
ווּ איז די מיל,
ווּ איז דאָס דערפֿעלע,
ווּ איז די שיל?[2]

4) אָט איז דאָס טײַכעלע,
אָט איז די מיל,
אָט איז דאָס דערפֿעלע,
אָט איז די שיל.

5) אַרײַן אין דעם שטיבעלע,
מײַן ווייטיק איז גרויס,
אַלץ איז געבליבן
אַ חלום (khŏlem) נאָר בלויז.

6) ניטאָ מער דאָס געסעלע,
ניטאָ מער די שטוב,
ניטאָ מער דאָס מיידעלע
וואָס איך האָב ליב.




[1] The word **שטוב** may be pronounced *"shtub"* or *"shtib"* depending on the dialect. For the purposes of rhyme, pronounce it *"shtib"* in this song.

[2] Depending on the dialect, the word for synagogue may be pronounced and written either **שול** or *שיל*.




Notes provided by Khane Mlotek

# VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| here (in pointing) | *ot* | אָט | |
| in, into | *arayn* | אַרײַן | |
| only | *bloyz* | בלויז | |
| remained | *geblibn: past part. of blaybn* | געבליבן: בלײַבן | |
| street *(imin.)* | *dos gesele(kh):* | דאָס געסעלע(ך): | * |
| | *imin. of di gas(n)* | די גאַס(ן) | |
| village *(imin.)* | *dos derfele(kh):* | דאָס דערפֿעלע(ך): | |
| | *imin. of dos dorf (derfer)* | דאָס דאָרף (דערפֿער) | |

| | | |
|---|---|---|
| pain, ache | *der veytik(n)* | דער ווייטיק(ן) |
| dream | *der kholem (khaloymes)* | דער חלום(ות) |
| river *(imin.)*, | *dos taykhele(kh):* | דאָס טײַכעלע(ך): |
| stream, brook | *imin. of der taykh(n)* | דער טײַך(ן) |
| girl *(imin.)* | *dos meydele(kh):* | * דאָס מיידעלע(ך): |
| | *imin. of di moyd(n)* | די מויד(ן) |
| mill | *di mil(n)* | די מיל(ן) |
| synagogue | *di shul(n)/shil(n)* | * די שול(ן)/שיל(ן) |
| house | *di shtub (shtiber)* | * די שטוב (שטיבער) |
| house *(imin.)* | *dos shtibele(kh):* | * דאָס שטיבעלע(ך): |
| | *imin. of di shtub (shtiber)* | די שטוב (שטיבער) |

## EXERCISES

**I. Fill in the correct word by choosing one of the words at the bottom:**

1. חיים איז ניט __________. עס טוט אים וויי דער קאָפּ. ער קען ניט __________. עס טוען אים וויי די אויגן און ער קען ניט __________. עס טוען אים אויך וויי די ________ און ער קען ניט גיין. עס טוען אים וויי די ________ און ער קען ניט הערן.

טראַכטן    אויערן    געזונט    פּיס    זען

**II. Fill in the appropriate form of the article דער, די or דאָס:**

1. ________ טאַטע זאָגט אַז עס טוט אים וויי ________ קאָפּ.
2. ________ הענט און ________ פּיס טוען אים אויך וויי, אָבער עס איז גוט וואָס ________ בויך און ________ האַלדז טוען ניט וויי.
3. ________ באָבע איז אויך ניט געזונט.
4. עס טוט איר וויי ________ רוקן און ________ לינקע האַנט.

**III. Match the words in column A with the appropriate words in B:**

| A | B |
|---|---|
| די אויגן | הערן |
| די אויערן | שרײַבן |
| דאָס מויל | עסט |
| די הענט | שמעקט |
| די פֿיס | גייען |
| די נאָז | זעען |
| די ליפּן | קושן (kiss) |
| דער בויך | רעדט |

**IV. Answer these questions using מען:**

1. וואָס טוט מען מיט דער נאָז?
2. האָט מען ליב צו שרײַבן מיט אַ פֿעדער אָדער (or) מיט אַ בלײַער?
3. רעדט מען ייִדיש אין דער היים?
4. טראַכט מען מיט דעם קאָפּ?
5. צי לערנט מען ייִדיש אין טאָראָנטאָ?
6. עסט מען בולבעס וואַרעמעס און וועטשערע?
7. צי קען מען וועלוול דזשייקאָבן דאָ?

**V. Write the correct form of the proper noun given in parentheses:**

1. איך קען (פֿערל).
2. דו זעסט (בערל גאָלדבערג).
3. ער וווינט אין (וואַשינגטאָן).
4. מיט וועמען רעדט (סענדער)?
5. דאָס פֿרומע מיידל רעדט מיט (איטע).
6. זיסל וווינט מיט (פֿרומע).
7. זיי שרײַבן צו (מישאַ).
8. אַלע מיידלעך האָבן ליב (חיים-יאַנקל).
9. אַמעריקאַנער האָבן ליב (דזשאָרדזש וואַשינגטאָן).

**VI. Finish the story by adding the appropriate proverb or expression:**

1. מינדל זעט אַ טשאָלנט. זי וויל דאָס אַלץ אויפֿעסן (eat up). די מאַמע לאַכט און זאָגט, "........"

2. ביניש גייט צום דאָקטער. ער זאָגט, "אוי דאָקטער, עס טוט מיר וויי דער בויך. די ציין טוען מיר וויי און איך קען ניט עסן. עס טוט מיר אויך וויי די נאָז און איך קען ניט אָטעמען און ניט שמעקן."

ייִדיש: דאָס פֿערטע קאַפּיטל

דער דאָקטער זאָגט, "בײניש, עס איז גאָרניט (nothing). גיי, נעם אַן אַספּירין און ליג אין בעט."

"אוי דאָקטער, טאַקע?" ענטפֿערט בײניש..........

**VII. Translate into Yiddish:**

1. The teacher is very clever. 2. The thief doesn't remember. 3. They like the work *(fem.)*. 4. This (The) time we are eating at home (in the home). 5. My (the) head hurts me and my (the) feet also hurt. 6. With whom are they speaking? 7. With what does a person breathe? 8. People eat meat with their (the) teeth. 9. What are you taking? Everything. 10. I answer, "I am taking only my book." 11. We are going Thursday. 12. Here is the street where you live. 13. I'm so exhausted, I can't even think. 14. The children want everything.

**VIII. Make the following sentences negative:**

1. דו האָסט אַ בוך. 2. דער פֿרומער ייִדע האָט די ביכער.
3. עס טוען מיר וויי די קני. 4. איר שרײַבט מיט אַ פֿעדער.
5. זיי עסן וועטשערע און וואַרעמעס. 6. איך קען דעם נאָמען.
7. ער עסט מיט די ציין. 8. די באָבע מאַכט אַ קוגל.
9. די קינדער וווינען אין אַ גרויסער שטוב. 10. דער דאָקטער ווייסט אַלץ.
11. דער קראַנקער האַקט אַ טשײַניק. 12. זיי מאַכן אַ טשאָלנט.
13. מיר דאַרפֿן פֿעדערס. 14. עס איז דאָ אַ טיש אין שטוב.
15. עס זײַנען דאָ גוטע מיידלעך אין קלאַס. 16. איר קענט ייִדיש.
17. זי הייסט רעכל. 18. דו האָסט גוטע אויגן.

**IX. Put the highlighted words in the plural and make all necessary corresponding changes. Rewrite the whole sentence:**

1. די סטודענטקע האָט אַ בוך. 2. דער ייִדע שרײַבט מיט אַ פֿעדער.
3. דאָס אויג טוט מיר וויי. 4. דער חבֿר איז פֿאַרקילט.
5. דער מאַן איז לאַנג. 6. דאָס פֿײַערל ברענט אין דער שטוב.
7. דער חסיד איז קלוג. 8. דאָס קינד האָט אַ פֿראַגע.
9. דער ייִדע און די באָבע גייען צו דעם דאָקטער.
10. דער לערער איז פֿאַרקילט. 11. די לערערין שרײַבט אַלץ אין דער העפֿט.
12. דער אַקסל טוט מיר וויי. 13. דער פֿרײַנד וווינט דאָרט.

# ORAL PRACTICE

**X. Substitute the highlighted words with those in parentheses and make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. — וואָס טוט אײַך וויי?
— עס טוט מיר וויי דער קאָפּ[1] און עס טוען מיר אויך וויי די פֿיס.[2]
א) (הענט,[1] בויך[2]) ב) (נאָז,[1] רוקן[2])

2. — וואָס ווילסטו?
— איך וויל אַ[1] בלײַער און אַ[1] פֿעדער, איך דאַרף אויך ___[1] ביכער און ___[1] פּאַפּיר.
א) (ניט-קיין[1])

3. — צי געדענקסטו וועלוועלען?[1]
— יאָ, איך געדענק וועלוועלען.[1] איך קען וועלוועלען[1] און איך האָב וועלוועלען[1] אויך ליב. וועלוועל[1] איז מײַן פֿרײַנד.
א) (ליבע[1]) ב) (הערשל זינגער[1])

4. — וואָס טוט מען מיט דעם מויל?
— מען עסט[1] מיט דעם מויל.
— וואָס טוט מען מיט דער נאָז?
— מע שמעקט[2] מיט דער נאָז.
א) (רעדן,[1] אָטעמען[2])

**XI. Complete the dialogue:**

1. — וואָס מאַכסטו, שיינדל?
— איך בין, דאַנקען גאָט, געזונט אָבער........

2. — גוט-מאָרגן, טײַבל.
— גוט-יאָר, מאָטל, איך האָב ניט קיין צײַט צו רעדן.
— איך האָב אויך ניט קיין צײַט. איך........

3. — ווען אַרבעטסטו, לייבל?
— איך אַרבעט מאָנטיק, דינסטיק, און דאָנערשטיק.
— וואָס טוסטו מיטוואָך און פֿרײַטיק?
— מיטוואָך.........

**XII. Rearrange these sentences putting the highlighted words first. Read aloud. Remember, the verb must always be the second sentence unit.**

1. ער עסט בולבעס.
2. מיר עסן וואַרעמעס מיט אים דינסטיק.
3. דו גייסט מיטוואָך.
4. זיי זינגען לידער פֿרײַטיק.
5. איר קענט דעם אַלף־בית *(alefbeyz)*.
6. דער מענטש וויל דאָס געלט דאָנערשטיק.
7. איך אַרבעט פֿרײַטיק און זונטיק.
8. דער חבֿר *(khaver)* טוט אַלץ.
9. די באָבע איז, דאַנקען גאָט, געזונט.
10. דער סטודענט פֿרעגט גוטע פֿראַגעס.

**XIII. Conversation Topics:**

1. You are a doctor and your patient is a terrible hypochondriac. Try to determine what, if anything, is wrong with him or her.

2. You meet someone who comes from the same city or town as you. You play "Jewish geography" to try to figure out if you have any friends or acquaintances in common.

# UNIT 5

## דאָס פֿינפֿטע קאַפּיטל

## דאָס אויסלטן

## I. LETTERS

There are a number of consonants that appear *only* in words derived from traditional Hebrew and Hebrew-Aramaic. The words formed with these letters are often referred to as the לשון־קודש (*Loshn-Koydesh* - Holy Tongue) component of Yiddish. They are:

| *ENGLISH EQUIVALENT* | *YIDDISH NAME* | *WRITTEN FORM* | *PRINTED FORM* |
|---|---|---|---|
| V | *Veyz* | בֿ | בֿ |
| Kh as in ***Kh**anukah* | *Khes* | ח | ח |
| K | *Kof* | כּ | כּ |
| S | *Sin* | שׂ | שׂ |
| T | *Tof* | תּ | תּ |
| S | *Sof* | ת | ת |

These letters sound the same as other letters you have already learned. Their sound equivalents may be found in words of both Hebrew-Aramaic and other origins:

| | | |
|---|---|---|
| בֿ | sounds the same as | וו |
| ח | sounds the same as | כ |
| כּ | sounds the same as | ק |
| שׂ | sounds the same as | ס |
| ת | sounds the same as | ס |
| תּ | sounds the same as | ט |

If you know Hebrew, note that the same letter may signify different sounds in Yiddish and in Hebrew. For example, in words of non-Hebrew origin:

| | |
|---|---|
| אַ | is pronounced short "*a*." |
| אָ | is pronounced "*o*" and never short "*a*" as it is in Hebrew. |
| ו | One *Vov* is pronounced as "*oo*" and not as "*v*." |
| וו | Two *Vovs* are pronounced as the consonant "*v*." |
| ע | *Ayin* is always short "*e*" and never short "*a*." |

Words derived from Hebrew-Aramaic or *Loshn-Koydesh* should not be referred to as "Hebrew" words in Yiddish. Once they have entered the language they become *Yiddish* words. Words from the *Loshn-Koydesh* component may have different pronunciations, meanings, and grammatical forms than they have in contemporary Hebrew.

For example, in Hebrew, the plural of שַׁבָּת *Shabat* is שַׁבָּתוֹת *Shabbatot*. In Yiddish, the plural of שבת *Shabes* is שבתים *Shabosim*. In Hebrew, the plural of טַלִּית *talit* (prayer shawl) is טַלִּיתוֹת *talitot*. In Yiddish, the plural of טלית *tales* is טליתים *taleysim*. In Hebrew, the word סֵפֶר *sefer* refers to any book, but in Yiddish, ספֿר *seyfer* refers only to a book with Jewish religious content.

In Hebrew, the word בִּטָּחוֹן *bitakhon* most commonly means security, while in Yiddish בטחון *bitokhn* means faith or confidence. The following anecdote told about David Ben-Gurion, the first Prime Minister of the State of Israel, illustrates the difference.

In describing life in Israel during the 1948 War of Independence, Ben-Gurion said, "בטחון *(bitokhn)* איז דאָ, אָבער קיין בטחון *(bitakhon)* איז ניטאָ". (There is faith, but not security).

## II. VOCABULARY

There are many words in Yiddish derived from לשון־קודש *Loshn-Koydesh* that you may already know, such as the names of Jewish holidays:

| MEANING | PRONUNCIATION | WRITTEN FORM | PRINTED FORM |
|---|---|---|---|
| Hanukkah | *Khanike* | חנוכּה | חנוכּה • .1 |
| Purim | *Purim* | פּורים | פּורים • .2 |
| Passover | *Peysekh* | פּסח | פּסח • .3 |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Sabbath, Saturday | Shabes | שבת | שבת * | .4 |
| Jewish New Year | Rosheshone | ראָש־השנה | ראָש־השנה * | .5 |
| Day of Atonement | Yomkiper/Yonkiper | יום־כּיפּור | יום־כּיפּור * | .6 |
| Simkhat-Torah | Simkhes-toyre | שׂימחת־תּורה | שׂימחת־תּורה * | .7 |
| Feast of Tabernacles | Sukes | סוכּות | סוכּות * | .8 |
| the holiday(s) | der yontev, | דער יום־טובֿ | דער יום־טובֿ, * | .9 |
| | di yontoyvim | די יום־טובֿים | די יום־טובֿים | |

Many Yiddish names are also derived from Hebrew:

| | | | |
|---|---|---|---|
| Dvoyre | דבֿורה | דבֿורה | .1 |
| Khaye | חיה | חיה | .2 |
| Rokhl | רחל | רחל | .3 |
| Leye | לאה | לאה | .4 |
| Shmuel | שמואל | שמואל | .5 |
| Yisroyel or Srul | ישׂראל | ישׂראל | .6 |
| Yishaye or Shaye | ישעיה | ישעיה | .7 |
| Moyshe | משה | משה | .8 |
| Shimen | שמעון | שמעון | .9 |
| Yoyne | יונה | יונה | .10 |
| Meylekh | מלך | מלך | .11 |
| Dovid | דוד | דוד | .12 |
| Shloyme | שלמה | שלמה | .13 |
| Lemekh | למך (לעמעך) | למך (לעמעך) | .14 |

## III. READING PRACTICE

Note: The adjectives in each sentence come in pairs of opposites.

1. חיה איז שיין און רחל איז אויך ניט מיאוס.
2. שמעון האָט ברייטע אַקסלען און לאה האָט שמאָלע אַקסלען.
3. שמואל האָט אַ גלײַכן רוקן און יונה האָט אַ קרומען רוקן.

4. מלך איז אַ קלוג ייִנגל אָבער למך איז אַ נאַריש ייִנגל.
5. דוד האָט אַ לאַנג פּנים און שלמה האָט אַ רונד פּנים.
6. ישעיה איז הויך און ישׂראל איז נידעריק.
7. משה איז אַ גוטער תּלמיד און דבֿורה איז אַ שלעכטע תּלמידה.
8. שלמה האָט אַן אַלטע פֿעדער און ישׂראל האָט אַ נײַעם בלײַער.
9. חנוכּה איז אַ לאַנגער יום–טובֿ און פּורים איז אַ קורצער.

# לאָמיר לאַכן

## אַזאַ געזונטער מענטש

1. *דבֿורה:* זײַט מוחל, איר קענט אפֿשר דוד שמולעוויטשן?
2. *שלמה:* איר מיינט דעם דוד שמולעוויטש וואָס האָט אַ שוואַך האַרץ און אַ קראַנקע לעבער?
3. *דבֿורה:* יאָ.
4. *שלמה:* דעם דוד שמולעוויטש וועמען עס טוט אַלע מאָל וויי דער בויך? דעם דוד וואָס האָט אַ געל פּנים און קען ניט גוט אָטעמען?
5. *דבֿורה:* יאָ, איך מיין טאַקע דעם דוד שמולעוויטש.
6. *שלמה:* וואָס איז דער מער?
7. *דבֿורה:* ער איז געשטאָרבן.
8. *שלמה:* טע–טע–טע, אַזאַ געזונטער מענטש!

## איר האָט זיך געביטן

1. צוויי כעלעמער ייִדן זעען זיך אין גאַס. זאָגט יונה דער שוחט, "משה, גוט
2. אײַך צו זען נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט. אָבער איר האָט זיך זייער געביטן."
3. "אָבער, איך בין....." זאָגט דער צווייטער ייִד.
4. "עס מאַכט ניט אויס. איר זעט אויס אַזוי אַנדערש. איך געדענק אײַך ווי אַ
5. הויכער, אַ גלײַכער מיט ברייטע אַקסל. איצט זעט איר אויס אַזוי נידעריק."

6. "אָבער איך....." זאָגט דער צווייטער ייִד.
7. "עס מאַכט ניט אויס. איך געדענק אײַך מיט אַ רונד פּנים און איצט איז
8. אײַער פּנים אַזוי דאַר און לאַנג. און אײַערע שיינע שוואַרצע האָר?! איצט
9. האָט איר אַפֿילו ניט קיין האָר. פֿאַר וואָס האָט איר זיך אַזוי געביטן? איר זײַט
10. חלילה ניט קראַנק?"
11. "איך וויל אײַך זאָגן," ענטפֿערט דער צווייטער ייִד. "איך בין ניט
12. משה."
13. "אוי, זעט נאָר. אײַער נאָמען האָט איר אויך געביטן?!"

## PROVERBS שפּריכווערטער

1. אין איין אויער אַרײַן, פֿון דעם צווייטן אַרויס. — In one ear and out the other.
2. ווענט האָבן אויערן און גאַסן האָבן אויגן. — Walls have ears and streets have eyes.
3. אַ קראַנקן פֿרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען. — The sick are pampered, the healthy are not. (*Lit.* "You ask the sick, you give to the healthy.")

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| אויסזען | to look, to appear | * הויך | high, tall |
| אַלט | old | די וואַנט (ווענט) | wall |
| * אַלע מאָל | all the time | * זייער | very |
| * אַפֿילו [afile] | even *(adv.)* | זיך | oneself; each other |
| אפֿשר [efsher] | maybe, perhaps | זיך זען | to see each other |
| * אַרויס | out | זען אויס ← אויסזען | |
| * אַרײַן | in | חלילה [kholile] | God forbid |
| * ברייט | broad, wide | * דאָס ייִנגל(עך) | boy |
| * גלײַך | straight | * כעלעמער | person from the town Chelm, a city of fools in Jew. folklore *(adj.)* |
| געביטן: בײַטן | changed: *past part. of* to change | * לאַנג | long |
| געל | yellow | די לעבער(ס) | liver |
| געשטאָרבן: שטאַרבן | died: *past part. of* to die | מוחל זײַן [moykhl] | to excuse, to pardon |
| דאַר | skinny, thin | * מיאוס [mies/mis] | ugly |
| * די האָר | hair *(pl.)* | * נאַריש | silly, foolish |
| | | * נידעריק | low, short |

| | | | |
|---|---|---|---|
| black | * שוואַרץ | new | * נײַ |
| *[shoykhet-shokhtim]* | דער שוחט(ים) | *face (ponim-penimer)* | * דאָס פּנים(ער) |
| ritual slaughterer | | second, other | צווייט |
| pretty, beautiful | * שיין | short | * קורץ |
| bad | * שלעכט | crooked | קרום |
| narrow | * שמאָל | round | * רונד |
| *[talmid- talmidim* | * דער תּלמיד(ים) | weak | שוואַך |
| student *(masc.)* | | | |
| *[talmide(s)]* | * די תּלמידה (תּלמידות) | | |
| student *(fem.)* | | | |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| Excuse / Pardon (me) | זײַ(ט) מוחל *[moykhl]* |
| Just look; How do you like that!? | * זע(ט) נאָר |
| It doesn't matter | * עס מאַכט ניט אויס |

## IV. אַ וויגליד: שלאָף, שלאָף, שלאָף

*פֿאָלקסליד*

1) שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע וועט פֿאָרן אין דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ העזעלע
וועט זײַן אַ געזונט אין נעזעלע.

2) וועט ער ברענגען אַן עפּעלע
וועט זײַן אַ געזונט אין קעפּעלע.

3) וועט ער ברענגען אַן ענטעלע
וועט זײַן אַ געזונט אין הענטעלע.

4) וועט ער ברענגען אַ ניסעלע
וועט זײַן אַ געזונט אין פּיסעלע.

Can you make up more verses?

5) וועט ער ברענגען אַ מאכלע *(maykhele)*
וועט זײַן אַ געזונט אין..............................

6) וועט ער ברענגען אַ בײגעלע
וועט זײַן אַ געזונט אין..............................

7) וועט ער ברענגען אַ פּערעלע
וועט זײַן אַ געזונט אין..............................




אַנטאָלאָגיע פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער באַנד א׳, אַ. ווינקאָוועצקי, אַ. קאָוונער, ס. לײַכטער,
פרסומי הר הצופים באמצעות הוצאת ספרים ע״ש י״ל מאגנס, 1984
*Anthology of Yiddish Folksongs*, Vol. 1, edited by A. Vinkovetzky, A. Kovner, S. Leichter, Magnes Press, 1984

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| * דאָס בייגעלע(ך): | bagel: *dim. of* דער בייגל (בייגל) |
| * ברענגען | to bring |
| דאָס העזעלע(ך): | hare: *imin. of* די האָז(ן) |
| * דאָס הענטעלע(ך): | hand: *imin. of* די האַנט (הענט) |
| דאָס הערעלע(ך): | hair: *imin. of* די האָר |
| * דאָס וויגליד(ער) | lullaby |
| וועט | will: *future aux.* (s/he, it, one, you *pl.*) |
| דאָס מאַכלעך *[maykhele(kh)]:* | treat, tasty dish: |
| דער/דאָס מאכל(ים) | *dim. of* *[maykhl-maykholim]* |
| דאָס ניסעלע(ך): | nut: *imin. of* דער נוס (ניס) |
| * דאָס נעזעלע(ך): | nose: *imin. of* די נאָז (נעז) |
| דאָס ענטעלע(ך): | duck: *dim. of* דאָס ענטל(עך) |
| * דאָס עפּעלע(ך): | apple: *dim. of* דער עפּל (עפּל) |
| * דאָס פֿיסעלע(ך): | foot: *imin. of* דער פֿוס (פֿיס) |
| * דאָס קעפּעלע(ך): | head: *imin. of* דער קאָפּ (קעפּ) |

## V. GRAMMAR

### I. The Accusative Case (Direct Object Case)

When a noun is used as the direct object of a verb it is in the ***accusative*** case as are the article and adjective(s) that precede it. Nouns are generally not declined. Exceptions include names of people and a small number of common nouns. These exceptions are explained in Lesson 11A.

In the following sentences the highlighted words are the direct object and are in the ***accusative*** case.

**Sample Sentences**

| | |
|---|---|
| 1. מיר קענען **דאָס קליינע קינד**. | We know *the small child.* |
| 2. די קינדער האָבן ליב **דעם גוטן לערער**. | The children like *the good teacher.* |
| 3. ער גיט דעם חבֿר **אַ שיינעם עפּל**. | He gives his friend *a nice apple.* |

| | |
|---|---|
| The girl has *a pretty short nose.* | 4. דאָס מיידל האָט אַ שײנע קורצע נאָז. |
| The students do not know *the new teacher.* | 5. די סטודענטן קענען ניט די ניַיע לערערין. |
| You are singing *a new song.* | 6. דו זינגסט אַ נײַ ליד. |
| He needs *the big notebooks.* | 7. ער דאַרף די גרויסע העפֿטן. |

In the accusative case, the masculine article דער changes to דעם.

The adjective ends in ן whether it is preceded by the definite or indefinite article.

| | *ACCUSATIVE* | *NOMINATIVE* |
|---|---|---|
| We like the good teacher. | מיר האָבן ליב דעם גוטן לערער. | דער גוטער לערער |
| We like a good teacher. | מיר האָבן ליב אַ גוטן לערער. | אַ גוטער לערער |

If the base form of the adjective ends in ם as in קרום then the adjective will end in ען as in קרומען.

| | |
|---|---|
| He has a crooked back. | ער האָט אַ קרומען רוקן. |

If the base form of the adjective ends in a ן, the adjective will end in עם as in שײנעם, גרינעם, קלײנעם.

| | |
|---|---|
| We like the handsome teacher. | מיר האָבן ליב דעם שײנעם לערער. |
| I need a green pencil. | איך דאַרף אַ גרינעם בלײַער. |
| She wants a small table. | זי וויל אַ קלײנעם טיש. |

If the base form of the adjective ends in a vowel or diphthong the adjective will end in ען as in פֿרײַען, בלויען (free).

| | |
|---|---|
| We like the free person. | מיר האָבן ליב דעם פֿרײַען מענטש. |
| They need the blue table. | זיי דאַרפֿן דעם בלויען טיש. |

The adjective נײַ (*new*) is an exception. The masculine accusative form is נײַעם (not נײַען) as you might have expected.

| | |
|---|---|
| The boy needs a new pencil. | דאָס ײִנגל דאַרף אַ נײַעם בלײַער. |
| The students love the new teacher. | די סטודענטן האָבן ליב דעם נײַעם לערער. |
| We want the new table. | מיר ווילן דעם נײַעם טיש. |

**Feminine Accusative:** The ending for the feminine accusative is the same as for the feminine nominative. The definite article remains די and the adjective ends in ע.

| | *ACCUSATIVE* | *NOMINATIVE* |
|---|---|---|
| We love the good mother. | מיר האָבן ליב די גוטע מאַמע. | די גוטע מאַמע |
| Children love a good mother. | קינדער האָבן ליב אַ גוטע מאַמע. | אַ גוטע מאַמע |

**Neuter Accusative:** The endings for the neuter accusative are exactly the same as for the neuter nominative. The definite article remains דאָס, and the adjective, when it is used with a definite article, ends in ע. With the indefinite article the adjective remains in its base form (no ending).

| | *ACCUSATIVE* | *NOMINATIVE* |
|---|---|---|
| We like the good child. | מיר האָבן ליב דאָס גוטע קינד. | דאָס גוטע קינד |
| We like a good child. | מיר האָבן ליב אַ גוט קינד. | אַ גוט קינד |

**Plural Accusative:** The ending for the accusative plural is the same as for the nominative plural. The article is always די and the adjective always ends in ע regardless of gender.

| | *ACCUSATIVE* | *NOMINATIVE* |
|---|---|---|
| We love the good people. | מיר האָבן ליב די גוטע מענטשן. | די גוטע מענטשן |
| We like good people. | מיר האָבן ליב גוטע מענטשן. | גוטע מענטשן |

**Sample Sentences**

| | |
|---|---|
| They want *a good teacher.* | 1. זיי ווילן אַ גוטן לערער. |
| You have *the blue table.* | 2. דעם בלויען טיש האָט איר. |
| Father wants *a new table.* | 3. דער טאַטע וויל אַ נייַעם טיש. |
| The girl does not have *a long nose.* | 4. דאָס מיידל האָט ניט קיין לאַנגע נאָז. |
| The boy has *a crooked back.* | 5. דאָס ייִנגל האָט אַ קרומען רוקן. |
| The patients like *the fine doctor.* | 6. די קראַנקע האָבן ליב דעם פֿיַנעם דאָקטער. |
| I need *the yellow book.* | 7. דאָס געלע בוך דאַרף איך. |
| The teacher needs *a new book.* | 8. די לערערין דאַרף אַ נייַ בוך. |
| Who knows *the ugly people?* | 9. ווער קען די מיאוסע מענטשן? |
| People like *smart people.* | 10. מע האָט ליב קלוגע מענטשן. |

## II. The Diminutive

Yiddish makes great use of the *diminutive* and *iminutive* (even smaller) forms. Theoretically, every Yiddish noun may be made diminutive and iminutive. A hand is a אַ האַנט, a smaller one אַ הענטל, and an even smaller one אַ הענטעלע. The boundaries between standard size and smaller still are subjective so that one man's בויך is another man's בײַכל.

These forms may also be used to express affection. Thus a man who is six feet tall may be called "Moishele" "משהלע" if the speaker is fond of him. In some contexts, the diminutive and iminutive may also be used ironically or sarcastically. For example !אוי, איז דאָס אַ משהלע - Some Moishele!

Nouns in the diminutive and iminutive are always neuter, regardless of their gender in the base form. There is frequently a vowel change when the noun changes to diminutive or iminutive. This is usually the same vowel change that occurs in forming the plural. For example: .דער קאָפּ, די קעפּ, דאָס קעפּל

| | | | |
|---|---|---|---|
| hand | דאָס הענטעלע | דאָס הענטל | די האַנט |
| foot | דאָס פֿיסעלע | דאָס פֿיסל | דער פֿוס |
| head | דאָס קעפּעלע | דאָס קעפּל | דער קאָפּ |
| eye | דאָס אײגעלע | דאָס אײגל | דאָס אויג |
| nose | דאָס נעזעלע | דאָס נעזל | די נאָז |
| ear | | דאָס אויערל | דאָס אויער |
| ~~tooth~~ teeth | דאָס צײנדעלע | דאָס צײנדל | דער צאָן |
| belly (tummy) | דאָס בײַכעלע | דאָס בײַכל | דער בויך |
| (strand of) hair | דאָס הערעלע | דאָס הערל | די האָר |

**Note:** The plural of diminutive and iminutive forms always ends in עך and ך respectively.

דאָס הענטל – די הענטלעך　　　דאָס הענטעלע – די הענטעלעך

דאָס פֿיסל – די פֿיסלעך　　　דאָס פֿיסעלע – די פֿיסעלעך

Other endings may also be added to **names** to connote endearment:

| | | |
|---|---|---|
| **ניו** | as in | לאהניו, פֿייגעניו, חוהניו, ליובעניו |
| **קע** | as in | חייקע, לאהקע, אַברהמקע, שׂרהקע, הערשקע |
| **שי** | as in | בלומעשי, טויבעשי, חנהשי, פֿייגעשי, שׂרהשי |
| **טשע** | as in | שׂרטשע, לאהטשע, בערטשע, איטשע, חנטשע |

Different endings are used in different dialects. A very abbreviated explanation: Polish Yiddish uses **(ע)לע**, **(ע)שי**, and **טשע**:

חנהלע, חנהשי, חנטשע, בלומעלע, בלומעשי, בלומטשע, טאַטעשי, מאַמעשי

Litvish (Lithuanian) Yiddish uses **קע** and **קעלע**:

לאהקע, לאה קעלע, הערשקע, שׂרקעלע

The Volin (Ukrainian) dialect uses **(ע)לע** and **(ע)ניו**:

הערשעלע, פֿייגעניו, מאַמעלע, מאַמעניו, חוהניו

There are more dialects. Feel free to use whichever endings you like no matter where your family comes from.

## EXERCISES

**I. Fill in the correct form of the article or adjective:**

1. דער גוט___ טאַטע האָט אַ קליינ____ קינד.
2. דו עסט דעם גרויס___ עפּל. 3. מיר ווילן אַ שיינ___ עפּל.
4. ער האָט אַ גרויס___ בויך. 5. ד___ קלוג___ קינדערלעך לערנען זיך גוט.
6. ד___ קראַנק___ פֿרוי פֿרעגט פֿראַגעס. 7. דו האָסט קרומ___ ציין.
8. ער האָט ליב דאָס הויכ___ מיידל ווייַל ער האָט ליב הויכ___ מיידלעך.
9. זי האָט אַ רונד___ פּנים. 10. איר ווילט דעם ברייט___ טיש.
11. דאָס גוט___ קינד וויל ד___ בלוי___ בלייַער.
12. די קלוג___ תּלמידה דאַרף ד___ אַלט___ ביכער.

**II. Answer the questions in full sentences. Make any necessary changes in the articles or adjectives:**

Example: וואָס ווילסטו? (אַ גוט בוך)
איך וויל אַ גוט בוך.

1. וואָס זעען זיי? (די הויכע וואַנט)
2. וואָס האָט ער? (אַ ברייטע נאָז)
3. וואָס קענען זיי גוט? (דאָס קליינע דאָרף)
4. וואָס האָט זי ליב? (אַ קליין דאָרף)
5. וועמען דאַרף מען פֿרעגן? (דער קראַנקער מענטש)
6. וועמען ווילן די חסידים זען? (דער גוטער־ייִד) (hasidic rebbe)
7. וואָס לייענט איר? (דאָס גרויסע בוך)
8. וועמען ווילן די קינדער? (דער פֿײַנער לערער)
9. וואָס האָט דער קראַנקער מענטש? (אַ קרומער אַקסל)
10. וואָס ברענגען זיי? (דער נײַער טיש)
11. מיט וואָס הערט מען? (גוטע אויערן)
12. וועמען האָט דאָס קינד ליב? (דער נײַער חבֿר)
13. וואָס האָט דאָס ייִנגל? (זייער שמאָלע אַקסל)
14. וואָס ווילן מיר? (אַ שיינער טאָג)
15. וועמען זעען מיר? (דאָס נאַרישע ייִנגל)

**III. Rewrite the paragraph using the diminutive form of the highlighted word. Be sure to make any necessary changes:**

דאָס קליינע קינד וווינט אין אַ שטוב אויף מײַן גאַס. זי האָט צוויי שיינע אויגן, און ציין ווי פּערעלעך. איר נאָז איז קורץ און שיין און אַפֿילו די אויערן זײַנען שיין. זי האָט אַ רונדן בויך און פֿיס וואָס ווילן טאַנצן. אַ געזונט אויף איר קאָפּ!

**IV. Rewrite the above paragraph using the iminutive form of the highlighted words wherever possible.**

**V. Write a paragraph describing the most beautiful or interesting-looking person you know.**

**VI. Write a paragraph describing the way you look.**

**VII. Make up five questions based on this paragraph and then answer the questions.**

חנה און רבֿקה ווינען אין איין שטוב. זיי זײַנען קלוגע שיינע אײדלעך. זיי זײַנען פֿרײַנד. חנה איז הויך און האָט אַ גלײַכן רוקן. זי האָט אַ לאַנגן האַלדז און ברייטע אַקסלען. זי האָט רונדע שוואַרצע אויגן און קורצע שוואַרצע האָר. זי האָט ליב צו טאַנצן. רבֿקה האָט ניט קיין שוואַרצע האָר. זי האָט לאַנגע בלאָנדע (blond) האָר, אַ קורץ נעזל און גרינע (green) אויגן. זי האָט ליב צו טאַנצן אָבער זי האָט. נעבעך, צוויי לינקע פֿיס.

**VIII. Translate into Yiddish:**

1. The teacher brings the books. 2. The boy goes to the villages and sees the people. 3. He is such (אַזאַ) [a] healthy man. 4. I have a cold. 5. The good children eat the meat. 6. What's the matter? My (the) stomach hurts me. 7. The smart girl has a straight back. 8. You *(pl.)* do not have to lie in bed. 9. We are not asking the old man any questions. 10. Excuse (me), where is Rifka with the long black hair? 11. My friend has crooked teeth and broad shoulders. 12. We are coming from (the) work. 13. The sick people lie in bed. 14. They are walking on (in) [the] street. 15. How can I know what he wants?!

## ORAL PRACTICE

**IX. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. – קענסטו שׂרהן?

– יאָ, זי האָט לאַנגע האָר[1] און אַ קורצע נאָז[2] זי האָט אויך אַ לאַנגן[1] האַלדז.

א) (פֿיס,[1] האַלדז,[2] שיך[3])

2. – פֿאַר וואָס האָסטו ליב וועלוועלען?

– איך האָב ליב וועלוועלען ווײַל ער איז שיין.[1] ער האָט שיינע[1] אויגן און אויך ברייטע[2] אַקסלען.

א) (קליין,[1] שמאָל[2])

ב) (קלוג,[1] גלײַך[2])

3. דאָס קינד האָט אַ שיינע[1] נאָז און שיינע[1] אויגן, און אַ שיין[1] פּנים. אוי, איז דאָס אַ שיין[1] ייִנגעלע (little boy)!

אַ) (מיאוס')

ב) (גרויס')

**X. Complete the dialogue:**

1. – טראַכטסטו אַז מרים איז שיין?
– יאָ, זי איז שיין ווײַל זי האָט ........

2. – פֿאַר וואָס האָבן די קינדער אַלע ליב דעם לערער?
– זיי האָבן ליב דעם לערער ווײַל ........

3. – סערל, איך האָב אַ ייִנגל פֿאַר דיר!
– איז ער קלוג?
– קיין אײַנשטיין איז ער ניט אָבער ........

**XI. Conversation Topics:**

1a. Pretend you are in a fraternity or sorority and you are trying to interest your friend in going out with another friend of yours. Have a conversation in which you answer your friend's questions on this person's appearance and anything else s/he wants to know.

b. Pretend you are a member of a Hasidic community in Crown Heights, Williamsburg, or Meah She'arim and adjust the conversation accordingly.

2a. You plan to place a personal ad in the Yiddish newspaper. Write the ad or discuss what you should write with your friend.

b. Write a personal ad to which you would be motivated to respond.

## SUPPLEMENTARY READING

Any of the new words introduced here will not be used in the exercises of this lesson. Should they reappear later, they will be reintroduced. This applies to new words in all **Supplementary Readings**.

This very sad and beautiful poem deals with the Holocaust. Your teacher may study it with you now since it makes use of diminutives and is not difficult, or s/he may decide to teach it around the time of the Holocaust Commemoration.

# קינדער פֿון מײַדאַנעק

*אַהרן צײַטלין*

1. בלימעשי,[1] טויבעשי, ריוועלע,
לאַהניו, פֿײגעניו, פּערעלע,
כאַצקעלע, מאָטעלע, קיוועלע,
הערשעלע, לײבעלע, בערעלע.

2. שעיהשי, חיהשי, גאָלדעשי,
מענדעלעך, גנענדעלעך, מינדעלעך,
כ'צייל אין דער נאַכט אין דער שלאָפֿלאָזער
נעמען פֿון ייִדישע קינדערלעך.

3. נעמען פֿון ייִדישע קינדערלעך,
רחלעך, רײַכעלעך, נעכעלעך,
געצעלעך, וועלוועלעך, ביגדורלעך,
יאַנקעלעך, יונהלעך, מעכעלעך.

4. קאָפּעלע, ווו איז דײַן קעפּעלע?
ווו איז דאָס ליכט פֿון דײַן אײגעלע?
ווו איז דײַן הענטעלע, יענטעלע?
ווו איז דײַן פֿיסעלע, פֿײגעלע?

5. נעמען – אָט דאָס איז געבליבן נאָר:
דבורהלע- דוואָשעלע- חיהלע,
שמערעלע- פּערעלע- סערעלע,
שימעלע- שיעלע- שעיהלע.

---

[1] In diminutives the accent falls on the same syllable that was accented in the base form. Generally, this is no longer the penultimate syllable. For example: קינדערלעך, בערעלעך, יאַנקעלעך.

6. ווער קען געפֿינען איצט משהלען,
שאוליקן, שמואליקן, סרוליקן?
גאָט האָט אויף זיי נישט דערבאַרעמט זיך,
האָט זיי געשאָנקען עמלקן.

7. בלימעשי– טויבעשי– ריוועלע.
לאהניו– פֿייגעניו– פּערעלע.
כאַצקעלע– מאָטעלע– קיוועלע.
הערשעלע– לייבעלע– בערעלע.

8. אויס און נישטאָ מער די העשעלעך,
העשעלעך, פּעשעלעך, הינדעלעך.
קלאַנגען, בלויז קלאַנגען, בלויז לידקלאַנגען–
נעמען פֿון ייִדישע קינדערלעך.

9. ווו איז דײַן פּיסעלע, זיסעלע?
ציפּעלע, ווו איז דײַן צעפּעלע?
רויך ביסטו, יענטעלעס הענטעלע!
אַש ביסטו קאָפּעלעס קעפּעלע!

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| no more, over! | אויס |
| ash, ashes | דאָס אַש |
| remained: *past participle of* בלײַבן | געבליבן: |
| to find | געפֿינען |
| give (as a gift): *past participle of* שענקען | געשאָנקען: |
| took pity/ had mercy on: *past participle of* זיך דערבאַרעמען | דערבאַרעמט זיך: |
| light | דאָס/ די ליכט (ליכט) |
| more *(adv.)* | מער |

| | |
|---|---|
| night | די נאַכט (נעכט) |
| no longer here | נישטאָ מער |
| Amolek, nation in the Bible that tried to destroy the Jews | עמלק *[Amolek]* |
| to count | ציילן |
| braid: *dim. of* דער צאָפּ (צעפּ) | דאָס צעפּעלע(ך): |
| sound | דער קלאַנג(ען) |
| smoke | דער רויך(עס) |
| sleepless | שלאָפֿלאָז |

# EXERCISES

**1. Choose the correct word and fill in the blanks:**

1. דער פּאָעט (poet) ______ די נעמען פֿון ייִדישע קינדערלעך.
2. די קינדער זײַנען ______ , מע קען זיי ניט______.
3. ______ בלײַבט פֿון זיי______ אַש.

אין דער נאַכט    נאָר    איצט    ציילט    נישטאָ מער    געפֿינען

**2. Answer the following questions:**

1. וואָס טוט דער פּאָעט (poet)?
2. וואָס איז געבליבן פֿון די ייִדישע קינדערלעך?
3. וועלכע נעמען פֿון די ייִדישע קינדערלעך קענסטו?
4. קענסטו אַנדערע דימינוטיווע (diminutive) ייִדישע נעמען?

# UNIT 6

## דאָס זעקסטע קאַפּיטל

# דער וועטער

### ווי איז אין דרויסן?

1. יונה: זײַ מוחל, משה, אפשר ווייסטו ווי איז אין דרויסן הײַנט? מיינסטו אַז עס איז הײַנט זייער אַ קאַלטער טאָג?
2. משה: גאָט זאָל אָפּהיטן! הײַנט איז זייער שיין אין דרויסן, אַ מחיה! די זון שײַנט און עס גייט ניט קיין רעגן. עס איז וואַרעם און עס בלאָזט ניט קיין ווינט, דער הימל איז בלוי און קלאָר און עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס.
3. יונה: טאַקע אַ מחיה נאָך אַזאַ מיאוסן וועטער.

## PROVERBS שפּריכווערטער

1. די זון שײַנט גלײַך אויף אָרעם און רײַך. The sun shines equally on rich and poor.
2. עס גייט מיך אָן ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי. I don't care. (*Lit*. "It concerns me as much as last year's snow.")

## דאָס וועטער[1]

*רייזל זשיכלינסקי*

1) פֿײַערלעך קלינגט דאָס קול
פֿון ראַדיאָ-אַנאָנסער[2]

---

[1] Although Standard Yiddish is דער וועטער, Reyzl Zhikhlinsky uses the dialectical variation דאָס וועטער. We have remained faithful to the text.

[2] The word אָנזאָגער is actually preferable for "announcer," although the poem uses אַנאָנסער.

ווען ער גיט איבער דעם רעפּאָרט
פֿון וועלטוועטער.

2) פּאַריז 63 (דרײַ און זעכציק), קלאָר,
לאָנדאָן 63 (דרײַ און זעכציק), וואָלקנדיק,
מעקסיקאָ 61 (איין און זעכציק), טיילווײַז פּאַרוואָלקנט,
פּאָרטאָריקאָ 79 (נײַן און זיבעציק), רעגן –

3) אַפּעלירט צו מיר מער
דער קלאָרער הימל אין פּאַריז,
ווי די זון דאָ אין ניו־יאָרק?
בענק איך אַרומצוגיין אין רעגן
ערגעץ וווּ אין פּאָרטאָריקאָ?

4) איך וואַרט דער רעפּאָרטער זאָל מיר נאָך זאָגן
דאָס וועטער פֿון דעם לאַנד,
וואָס איז נישטאָ אויף דער מאַפּע,
נאָר וואָס וואַרט אויף מיר שוין לאַנג.

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| איבערגעבן | to report | בענקען (נאָך) | to miss, to long (for) |
| איין און זעכציק | sixty-one | גיין אָן ← אָנגיין | |
| * אין דרויסן | outside, outdoors | גיין אַרום ← אַרומגיין | |
| אָנגיין | to concern, to matter | * גלײַך | equally |
| אַפּעלירן | to appeal | געבן איבער ← איבערגעבן | |
| אַרומגיין | to go/walk around | דרײַ און זעכציק | sixty-three |
| בלאָזן | to blow | הײַנט | today |
| * בלוי | blue | דער הימל(ען) | sky |

| | | | |
|---|---|---|---|
| seventy-nine | נײַן און זיבעציק | cloud | * דער וואָלקן(ס) |
| somewhere | * ערגעץ ווו | cloudy | וואָלקנדיק |
| Puerto Rico | (דאָס) פּאָרטאָריקאָ | to wait | * וואַרטן |
| Paris | * (דאָס) פּאַריז | warm | * וואַרעם |
| last year's | פֿאַראַיאָריק | wind | * דער ווינט(ן) |
| cloudy | פֿאַרוואָלקנט | weather | * דער/דאָס וועטער(ן) |
| solemn | פֿײַערלעך | sun | * די זון(ען) |
| cold | * קאַלט | partly | טיילווײַז |
| voice | * דאָס קול (קולות) *[kol-koyles]* | London | * (דער/דאָס) לאָנדאָן |
| to ring, to sound | קלינגען | map | * די מאַפּע(ס) |
| radio announcer | דער ראַדיאָ-אַנאָנסער(ס) | pleasure, delight *(fem.) [mekhaye]* | מחיה |
| rain | * דער רעגן(ס) | Mexico | (דער/די) מעקסיקאָ=מעקסיקע |
| report | דער רעפּאָרט(ן) | to think, to believe | * מיינען |
| already | שוין | yet, still | נאָך |
| to shine, to beam | * שײַנען | New York | * (דאָס) ניו-יאָרק |
| snow | * דער שניי(ען) | | |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| outside | * אין דרויסן |
| God forbid! | גאָט זאָל אָפּהיטן! |
| How's the weather? What's it like outside? | * ווי איז אין דרויסן? |
| Excuse me | * זײַ(ט) מוחל *[moykhl]* |
| A wind is (not) blowing. | * עס בלאָזט (ניט) אַ (קיין) ווינט. |
| It is (not) raining. | * עס גייט (ניט) אַ (קיין) רעגן. |
| The sun is (not) shining. | * עס שײַנט (ניט) די זון. |

# אַ רעגן אין כעלעם

1. צוויי כעלעמער ייִדן גייען אַ מאָל שפּאַצירן אויף
2. דער פֿרישער לופֿט. עס איז אַ שיינער און וואַרעמער טאָג.
3. עס שײַנט די זון און עס בלאָזט ניט קיין ווינט. עס זײַנען

4. ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. איז אַ מאָל, הייבט אָן צו
5. רעגענען. "גיך," זאָגט איין כעלעמער ייִד צום צווייטן, "עפֿן
6. גיך אויף דײַן שירעם."
7. "עס וועט גאָרנישט העלפֿן," ענטפֿערט דער צווייטער, "מײַן
8. שירעם איז פֿול מיט לעכער."
9. "נו, אויב אַזוי," פֿרעגט אים דער ערשטער כעלעמער,
10. "פֿאַר וואָס טראָגסטו דעם שירעם?"
11. "איך האָב ניט געמיינט אַז עס גייט הײַנט רעגענען,"
12. ענטפֿערט אים דער צווייטער.

## פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער!

1. איין כעלעמער זאָגט צו אַ צווייטן, "פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער, עס איז
2. קאַלט אין דרויסן."
3. ענטפֿערט אים זײַן חבֿר, "און אַז איך פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער וועט זײַן
4. וואַרעם אין דרויסן?"

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| אויפֿעפֿענען | to open up | דער/די לאָך (לעכער) | hole |
| * אַ מאָל | once | * די לופֿט | air |
| * גאָרניט | (not) at all | מיט אַ מאָל | suddenly, all at once |
| * גיך | fast, quick | עפֿענען אויף ← אויפֿעפֿענען | |
| * העלפֿן | to help | * פֿאַרמאַכן | to close |
| זײַן | his | * פֿול | full |
| (דאָס) כעלעם | Chelm, a city in Poland; in Jewish folklore, a town inhabited by fools | * דער/דאָס פֿענצטער | window |
| | | * פֿריש | fresh |
| | | * צו | to |
| * דער כעלעמער (כעלעמער) | a resident of Chelm | דער שירעם(ס) | umbrella |
| | | שפּאַצירן | to walk, to take a walk |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| in the fresh air | * אויף דער פֿרישער לופֿט |
| to go for a walk | גיין שפּאַצירן |
| It won't help at all, It's no use | * עס וועט גאָרניט העלפֿן |

## GRAMMAR

### I. Imperative (Command Form)

The singular of the imperative is identical to the base of the verb. Simply subtract ן or ען from the infinitive.

| | |
|---|---|
| Sing a song. | זינג אַ ליד. |
| Eat the potatoes. | עס די בולבעס. |
| Be a decent human being./Behave well. | זײַ אַ מענטש. |

The plural or singular formal of the imperative is identical to the second person plural form of the verb in the present tense.

זינגט אַ ליד.
עסט די בולבעס.
זײַט מענטשן.

In Yiddish, as in English, the pronouns are omitted in the imperative.

There is also a first person plural imperative as in "Let's go, let's see," etc. This is formed by using לאָמיר meaning "let us/let's" plus the infinitive.

| | |
|---|---|
| Let's sing a song. | לאָמיר זינגען אַ ליד. |
| Let's eat the potatoes. | לאָמיר עסן די בולבעס. |
| Let's behave well. | לאָמיר זײַן מענטשן. |

To form the negative imperative simply add ניט after the verb:

זינג ניט, זינגט ניט, לאָמיר ניט זינגען

| 1st Person Plural | Plural/Singular Formal | Singular |
|---|---|---|
| לאָמיר ניט זינגען קיין לידער. | זינגט ניט קיין ליד. | זינג ניט קיין ליד. |
| לאָמיר ניט עסן די בולבעס. | עסט ניט די בולבעס. | עס ניט די בולבעס. |
| לאָמיר ניט זײַן קיין קינדער. | זײַט ניט קיין קינדער. | זײַ ניט קיין קינד. |

## II. Use of עס as a Subject

You may have noticed the use of the word עס in sentences like:

| | |
|---|---|
| It is nice outside. | עס איז שיין אין דרויסן. |
| Yes, it is warm today. | יאָ, עס איז הײַנט וואַרעם. |

Here the עס (it) is used much like "it" would be used in English. In these sentences there is no logical subject; that is to say, the עס does not refer back to any concrete or definable "it." The pronoun עס serves as the formal impersonal subject. If, however, the sentence begins with another sentence unit (other than an interjection), the עס disappears. Observe how the sentences above are transformed when this is done.

אין דרויסן איז שיין.
יאָ, הײַנט איז וואַרעם.

However, there is a logical subject in sentences like:

| | |
|---|---|
| It is snowing. | 1. עס גייט אַ שניי. |
| It is raining. | 2. עס גייט אַ רעגן. |
| My back hurts. | 3. עס טוט מיר וויי דער רוקן. |
| My eyes hurt. | 4. עס טוען מיר וויי די אויגן. |
| Yes, the sun is shining. | 5. יאָ,עס שײַנט די זון. |

The logical subjects are respectively, אַ שניי, אַ רעגן, דער רוקן, די אויגן, די זון. The logical subject is placed after the verb if עס takes its place before the verb as the formal subject. In this function עס is called *expletive* because it fills the place normally occupied by the subject.

There is no difference in meaning between עס שײַנט די זון and די זון שײַנט. They are merely alternative ways of saying the same thing. Here again, if the sentence does not begin with עס, it must disappear. עס is used only at the beginning of a sentence.

1. אַ שניי גייט.
2. אַ רעגן גייט.
3. דער רוקן טוט מיר ווײ.
4. די אויגן טוען מיר ווײ.
5. יאָ, די זון שײַנט.

There will be more about עס as a subject in Lesson 10B.

## III. Adverbs Formed from Adjectives

Many adverbs describing how something is done are formed from adjectives. The process is simple. The adverb is identical to the base form of the adjective.

| | |
|---|---|
| Yosl walks quickly. | יאָסל גייט גיך. |
| The children sleep calmly. | די קינדער שלאָפֿן רויִק. |
| Miri writes beautifully. | מירל שרײַבט שיין. |
| Khayim does not speak clearly. | חיים רעדט ניט קלאָר. |

## IV. More about the Present Tense

### A. Modal Verbs

You now know just about everything there is to know about Yiddish verbs in the present tense. There are, however, a few exceptions to the rules you have learned.

The third person singular of modal (pertaining to mood or manner) verbs such as מוזן (must), זאָלן, דאַרפֿן (should), קענען and וועלן does not end in ט as you would expect. It is identical to the first person singular of the verb.

| | |
|---|---|
| he/she/it/one wants | ער/זי/עס/מע וויל |
| he/she/it/one has to | ער/זי/עס/מע דאַרף |
| he/she/it/one should | ער/זי/עס/מע זאָל |
| he/she/it/one can | ער/זי/עס/מע קען |
| he/she/it/one must | ער/זי/עס/מע מוז |

When these modal verbs are followed by an infinitive, you do not use צו before the infinitive. For example:

We want to walk in the fresh air. מיר ווילן שפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט.

For more about verbs plus infinitive see Lesson 10B.

## B. Specific Endings

If the base of the verb (in most cases, this is also the first person singular) ends in בק, נג, ן, ם, or syllabic ל, the infinitive ends in ען as do the first person plural and third person plural.

| Infinitive | 1st &3rd Pers. Pl. + Inf. | 1st Pers. Sg. |
|---|---|---|
| to live | מיר/זיי וווינען | איך וווין |
| to come | מיר/זיי קומען | איך קום |
| to sing | מיר/זיי זינגען | איך זינג |
| to drink | מיר/זיי טרינקען | איך טרינק |
| to smile | מיר/זיי שמייכלען | איך שמייכל |

## C. Irregular Infinitives

Although the infinitive is usually identical to the first and third person plural (which are always identical to each other), this is not the case for some verbs that have irregular infinitives. Some of the most common are:

| | | |
|---|---|---|
| to see | מיר זעען, זיי זעען | זען, |
| to go | מיר גייען, זיי גייען | גיין, |
| to want | איך וויל, דו ווילסט, ער/זי וויל, מיר ווילן, איר ווילט, זיי ווילן | וועלן,* |
| to be | איך בין, דו ביסט, ער/זי איז, מיר זײַנען, איר זײַט, זיי זײַנען | זײַן, |
| to give | איך גיב, דו גיסט, ער/זי גיט, מיר גיבן, איר גיט, זיי גיבן | געבן,* |
| to do | איך טו, דו טוסט, ער/זי טוט, מיר טוען, איר טוט, זיי טוען | טאָן,* |
| to know | איך ווייס, דו ווייסט, ער/זי ווייסט, מיר ווייסן, איר ווייסט, זיי ווייסן | וויסן,* |

* Note the vowel change in the verbs וועלן, געבן, טאָן and וויסן which have been conjugated in full.

Learn the imperative of these verbs:

| Imper. Pl. | Imper. Sg. | Infinitive | Imper. Pl. | Imper. Sg. | Infinitive |
|---|---|---|---|---|---|
| גיט | גיב | געבן | זעט | זע | זען |
| טוט | טו | טאָן | גייט | גיי | גיין |
| ווייסט | ווייס | וויסן | ווילט | וויל | וועלן |
| זײַט וויסן | זײַ וויסן | | זײַט | זײַ | זײַן |

# אַ ליד: אַבֿי געזונט

מאָלי פּיקאָן

מוזיק: אַבֿרהם עלשטיין

1) אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן
אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
אַבֿי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

2) אַ שוך, אַ זאָק
אַ קלייד אָן לאַטעס,
אין קעשענע, אַ דרײַ-פּיר זלאָטעס,
אַבֿי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

3) די לופֿט איז פֿרײַ
פֿאַר יעדן גלײַך,
די זון זי שײַנט פֿאַר יעדן איינעם
אָרעם אָדער רײַך,
רײַך, רײַך, רײַך.

4) אַ ביסל פֿרייד, אַ ביסל לאַכן,
אַ מאָל מיט פֿרײַנד אַ שנעפּסל מאַכן,
אַבֿי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

The following verses may be beyond your level. You may stop here, or attempt to learn the whole song.

5) איינער זוכט עשירות,
איינער זוכט גבֿירות,
אײַנגעמען די גאַנצע וועלט,
איינער מיינט דאָס גאַנצע גליק
הענגט נאָר אָפּ אין געלט.

6) זאָלן אַלע זוכן,
זאָלן אַלע קריכן,
נאָר איך טראַכט בײַ מיר,
איך דאַרף עס אויף כּפּרות
ווײַל דאָס גליק שטייט בײַ מײַן טיר.

7) אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן
אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
אַבֿי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

# ייִדיש: דאָס זעקסטע קאַפּיטל



## ייִדיש: דאָס זעקסטע קאַפּיטל



*Great Songs of the Yiddish Theater,* arranged and selected by N.H.Warembud. Quadrangle The N.Y. Times Book Co. *Abi Gezunt,* Copyright © 1939 by Ethnic Music Publishing Co. (Renewed) by Music Sales Corporation (ASCAP) / International copyright secured. All rights reserved. Reprinted by permission.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| * אַ ביסל | a little, a bit |
| אײַננעמען | to conquer |
| אײנעם | one, one person: *(masc. acc. & masc. & neut. dat. of* אײנער*)* |
| אײנער | one, one person *(masc. pron.)* |
| אָן | without |
| אָפּהענגען | to depend on |
| דאָס/דער אָרט (ערטער) | space, spot |
| אָרעם | poor |
| * דאָס ביסל(עך) | bit |
| גאַנץ | whole, entire |
| דאָס גבֿירות *[gvìres]* | wealth, riches |
| דאָס גליק(ן) | good fortune, good luck |
| * גליקלעך | happy, fortunate |
| דאָס געלט | money |
| הענגען אָפּ ← אָפּהענגען | |
| די זאָק(ן) | sock |
| זוכן | to look for, to seek |

| | |
|---|---|
| די זלאָטע(ס) | zloty (Polish currency) |
| די טיר(ן) | door |
| יעדן: | each: *masc. acc. & masc. & neut. dat.* of יעדער |
| יעדער | each |
| די כּפּרה (כּפּרות) | *[kapore(s)]* a penitential offering representing scapegoat in pre-Yom Kippur atonement ceremony. May be fowl, fish, or money. |

| | |
|---|---|
| לייגן | to lay |
| נאָר | but, only |
| דאָס עשירות *[ashires]* | wealth, riches, fortune |
| פֿיר | four |
| פֿרײַ | free |
| די פֿרייד(ן) | joy, delight |
| די קעשענע(ס) | pocket |
| * קריכן | to crawl |
| רויִק | quiet, calm |
| דער שוך (שיך) | shoe |
| שטיין | to stand |
| דאָס שנעפּסל(עך): דער שנאַפּס(ן) | a shot of liquor or whisky: *dim. of* |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| (דאַרפֿן) אויף כּפּרות *[kapores]* | to have no use for |
| מאַכן אַ שנעפּסל | to take a drink |

## EXERCISES

**I. Fill in the imperative form of the verb in parentheses:**

1. די מאַמע זאָגט צו דודן, "(האַקן) ______ ניט קיין טשײַניק. (נעמען) ______ אַן עפּל און (גיין) ______ שלאָפֿן."
2. דער טאַטע זאָגט צו די קינדער, "(לערנען) ________ זיך גוט. (רעדן) ______ ייִדיש און (געדענקען) ______ דעם אַלף־בית."
3. "פֿרײַנד גיל, (זײַן) ______ אַזוי גוט, (ברענגען) ______ מיר אַן עפּעלע און אַ ניסעלע. (געבן) ______ מיר אויך אַ בייגל," זאָגט דאָס ייִנגל.
4. דער לערער און די סטודענטן זאָגן, "(וואַרטן) ________ און (הערן) ______ די נײַעס; (וויסן) ______ ווי עס איז אין דרויסן איידער מיר גייען. (נעמען) ______ אַלץ וואָס מיר דאַרפֿן."

**II. Rewrite these sentences using עס:**

1. די זון שײַנט.
2. אַ רעגן גייט.
3. אין דרויסן איז שיין.
4. אין דרויסן בלאָזט אַ ווינט.
5. דער לינקער אַקסל טוט מיר וויי.
6. די אויערן טוען מיר אויך וויי.
7. וואָלקנס זײַנען דאָ אין הימל.
8. קיין ווינט בלאָזט ניט.
9. הײַנט איז אַ קאַלטער טאָג אין פּאַריז.
10. אַ שניי גייט.
11. ערגעץ ווו איז וואַרעם אין דרויסן.

**III. Rewrite this paragraph correcting all the mistakes. There are 14 mistakes.**

דאָס קלוגער ייִנגל און קלוגע מיידל רעדטן וועגן וועטער. זיי ווילן אַ שיינער קלאָרער טאָג. איצט עס שײַנט די זון אָבער איצט עס איז קאַלט אין דרויסן. זיי זען גרויסער וואָלקנס אין הימל. אַ רעגן עס גייט. זיי האָבן ניט קיין ליב דער רעגן. זיי ווילן זעען אַ קלאָרער בלויער הימל.

**IV. Fill in the correct form of the verb in parentheses:**

1. זײַ מוחל, מיר (ווילן)______ פֿרעגן אַ פֿראַגע.
2. זײַט מוחל, מע (דאַרפֿן) _____ גיין.
3. זיי (גיין) ______ אין דאָרף.
4. דער טאַטע (קענען)_____ זינגען און די מאַמע (קענען) _______ טאַנצן.
5. זי (ווילן) ___ עסן וואַרעמעס אָדער וועטשערע מיט זיי.
6. מע (דאַרפֿן) ______ אַ נײַעם שירעם.
7. זיי (זען) ______ די שיינע לערערין.
8. מע (מוזן) ______ האָבן אַ נײַעם טיש.
9. מײַנע קינדער (קענען) ______ ניט געדענקען דעם אַלף-בית.
10. די כעלעאער (זײַן) ________ ניט קלוג.
11. מיר (ווילן) ______ וויסן.
12. מיר (זען) ______ די שטוב.
13. ער (געבן) ______ זיי די געלע ביכער.
14. דו (געבן) ________ אים אַ פֿעדער.
15. זיי (געבן) _____ די קינדער געלט.

16. איר (זײַן) _____ קראַנק.
17. דאָס קינד (דאַרפֿן) _______ טרינקען.
18. איך (טאָן) _____ וואָס איך דאַרף טאָן.
19. ווער (וויסן) _____ וואָס צו טאָן?
20. איר (וויסן) _____ ניט ווו צו פֿאָרן.
21. דער קראַנקער מענטש (וועלן) _______ אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן.

**V. Translate into Yiddish:**

1. Take the umbrella. It (he) is on the table.
2. I long for (after) my child.
3. Two men from Chelm are taking a walk.
4. There are no clouds in [the] sky.
5. Good-bye (Be well), Dr. Gold.
6. Good-bye, Reyzl.
7. There is a window in [the] door.
8. The sky is blue and clear.
9. Open the window and close the door.
10. I love the fresh air. A pleasure!
11. Please take the children to the doctor.
12. Wait for (on) the little girls.
13. I need a quiet place to lay my (the) head.

**VI. Replace the dashes by the proper article and adjective endings:**

1. מיר זעען ד _____ בלוי _____ הימל.
2. עס זײַנען דאָ גרויס___ וואָלקנס אין הימל.
3. מיר האָבן ליב ד ___ שײנ ___ זון.
4. דער אַנאָנסער האָט אַ הויכ ___ קול.
5. זיי ווילן אַ גוט___ רעגן.
6. די קינדער האָבן ניט ליב דאָס נאַריש___ ייִנגל.
7. מיר זעען ד___ נײַ___ שײנ___ שניי.
8. איך בענק נאָך ד___ זוניק___ טעג.
9. איר זוכט אַ רויִק___ אָרט.
10. ער האָט אַ גוט___ קאָפּ.
11. דער אָרעמ___ מענטש האָט אַ קלײנ___ קעשענע מיט גרויס___ לעכער.
12. מיר הערן ד___ קלוג ___ חבֿר.

**VII. Translate into Yiddish:**

1. The student does not think clearly.
2. The teacher can sing high.
3. The rebbe must speak loudly (high).
4. The boy speaks Yiddish well.
5. I am waiting long (on) for my friend.
6. The girls sing low.
7. The rich brother writes beautifully.
8. We eat well.
9. You have to eat supper quickly.
10. I cannot walk straight.
11. The old person does not stand straight.
12. The child sleeps quietly.
13. The teacher speaks briefly (short).
14. The students do not learn well.

## ORAL PRACTICE

**VIII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. – האָסטו אַ גרינעם[1] שירעם?
– ניין, איך האָב ניט קיין גרינעם[1] שירעם אָבער איך האָב אַ בלויען[2].

א) (נײַ,[1] אַלט[2]) ב) (גרויס,[1] קליין[2])

2. – פֿאַרמאַך דעם קליינעם פֿענצטער.[1]
– אָבער דער פֿענצטער[1] איז שוין פֿאַרמאַכט.

א) (פֿענצטערל[1]) ב) ((די) טיר[1])

3. – עס איז דאָ אַ וואָלקן[1] אין הימל.
– יאָ, און עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט.[2]

אַ) (וואָלקנס,[1] ווינטן[2])

4. – זעסטו חײמען[1] אין דרויסן?
– יאָ, איך זע חײמען.[1] ער רעדט מיט דודן.[2] ער גייט שפּאַצירן מיט דודן[2] אויף דער פֿרישער לופֿט.

א) (בערל,[1] יאָסל קאַלאַמײַ[2])    ב) (סענדער,[1] רחל[2])

**IX. Complete the dialogue:**

1. – ווי איז אין דרויסן הײַנט, חנה?
   – ס'איז זייער אַ שיינער טאָג.
   – אָבער איך זע ניט די זון.
   – יאָ, אָבער.....

2. – האָסטו ליב אַז עס גייט אַ שניי?
   – יאָ, איך האָב ליב אַז עס גייט אַ שניי.
   – אָבער עס איז קאַלט אַז עס גייט אַ שניי.
   – יאָ, אָבער איך האָב ליב אַז עס גייט אַ שניי, ווײַל.......

3. – זײַ מיר מוחל, וואָס זאָגט דער ראַדיאָ-אַנאָנסער וועגן דעם וועטער הײַנט?
   – ער זאָגט אַז .....

**X. Weather Report:**

Pretend you are a weather forecaster. Give the weather report for:

a) a winter day in Moscow.
b) a summer day in Jerusalem.
c) a fall day in New York.

**XI. Conversation Topics:**

1. You are a parent getting your child(ren) ready for school. Tell him/her (using the imperative form as much as possible) what s/he must do before leaving for school, what s/he must take, how to go to school, and how to behave in class.

2. You and your friend(s) are planning a wind-up activity for your club. The program you choose is very much contingent on the weather. You prefer an outdoor activity but are concerned that the weather may not co-operate. Discuss.

די לערערין שבֿע צוקער(לינקס) און די סטודענטקע אַניאַ שטערנשיס אויף אַ חנוכּה-שׂימחה פֿון דער פּראָגראַם פֿאַר ייִדישע לימודים בײַ דעם רוסישן מלוכה-אוניווערסיטעט פֿאַר הומאַניסטיק, מאָסקווע 1992



Yiddish teacher Sheva Zucker (left) and student Anya Shternshis at a Hanukkah party for the students of Project Judaica at Russian State Humanities University, Moscow 1992

# UNIT 7

## דאָס זיבעטע קאַפּיטל

# די אַשה פֿון חנוכּה[1]

אַ מאָל האָבן ייִדן געוווינט אין זייער לאַנד ארץ-ישׂראל, אָבער אין דעם לאַנד האָבן אַ צײַט געהערשט די גריכן. די גריכן האָבן געהאַט אַ שלעכטן מלך וואָס האָט געהייסן אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס. ער האָט געוואָלט אַז אַלע פֿעלקער אין זײַן אימפּעריע זאָלן ווערן גריכן און דינען גריכישע געטער. אַלע פֿעלקער האָבן געטאָן ווי ער האָט געזאָגט אָבער ניט די ייִדן. זיי האָבן געוואָלט לעבן אַזוי ווי זייערע אָבֿות האָבן געלעבט און געוואָלט היטן די געזעצן פֿון דער תּורה און דינען דעם ייִדישן גאָט.

דער שלעכטער מלך איז געוואָרן אין כּעס און האָט געשיקט סאָלדאַטן קיין ארץ-ישׂראל. די גריכן האָבן אַרײַנגעשטעלט אַ געץ אין בית-המיקדש און געהייסן די ייִדן דינען גריכישע געטער.

האָבן ייִדן געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד. אין שטעטל מודיעין האָט געוווינט אַ ייִד וואָס האָט געהייסן מתּתיהו דער חשמונאַי. ער האָט געהאַט פֿינף שטאַרקע העלדישע זין. זײַן זון יהודה איז געוואָרן דער פֿירער. מע האָט אים גערופֿן יהודה המכּבי (דער האַמער) ווײַל ער האָט געשלאָגן די גריכן ווי אַ האַמער. ער האָט געשאַפֿן אַ ייִדישע אַרמיי. עס איז געווען אַ קליינע אַרמיי אָבער אַ העלדישע.

---

[1] If you get to this reading and it is nowhere near Hanukkah, you may want to move ahead and come back to it at a more appropriate time. Before you go on to the next lesson, make sure to cover the grammar on p. 111 – The Past Tense. You may also want to do the Review Exercises.

יהודה המכּבי און זײַן אַרמײ האָבן פֿאַרטריבן דעם מלכס סאָלדאָטן פֿון ירושלים.

זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן די געצן פֿון בית-המיקדש און ריין געמאַכט דעם בית-המיקדש אַזוי ווי פֿריִער. דערנאָך האָבן זיי געמאַכט אַ יום-טובֿ. דאָס איז דער יום-טובֿ חנוכּה. חנוכּה מיינט באַנײַונג.

אין בית-המיקדש איז געווען אַ מנורה. האָט מען געזוכט בוימל אָנצוצינדן די מנורה. מע האָט געפֿונען נאָר איין קריגעלע מיט ריינעם בוימל וואָס איז געווען גענוג אויף איין טאָג. אָבער עס האָט געטראָפֿן אַ נס. דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג, דערפֿאַר איז חנוכּה אַ יום-טובֿ פֿון אַכט טעג.

מיר צינדן ליכט יעדע נאַכט. מען עסט לאַטקעס, מע שפּילט אין דריידל, קינדער קריגן חנוכּה-געלט, און מע ווינטשט זיך "אַ פֿריילעכן חנוכּה!"

## פֿראַגעס

1. ווו האָבן ייִדן אַ מאָל געוווינט? 2. ווער האָט געהערשט אין ארץ-ישׂראל?
3. ווי האָט געהייסן דער שלעכטער מלך? 4. וואָס האָט אַנטיוכוס געוואָלט?
5. פֿאַר וואָס האָבן די ייִדן ניט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט? 6. וואָס האָט דער מלך געטאָן? 7. ווער האָט געוווינט אין מודיעין? 8. פֿאַר וואָס האָט מען גערופֿן יהודהן "יהודה המכּבי"? 9. וואָס האָבן יהודה און זײַן אַרמײ געטאָן? 10. וואָס מיינט "חנוכּה"? 11. פֿאַר וואָס איז חנוכּה אַ יום-טובֿ פֿון אַכט טעג?

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| די אָבֿות *[oves]* | ancestors, forefathers |
| אויף | for |
| * אַזוי ווי | like, how |
| די אימפּעריע(ס) | empire |
| * אין כּעס *[kas]* | anger |

| | | |
|---|---|---|
| | אַ מאָל | formerly, once (upon a time) |
| | אַנטיאָכוס עפּיפֿאַנעס *[Antiokhus Epifanes]* | Antiochus Epiphanes |
| * | אָנצינדן (אָנגעצונדן) | to light, to kindle |
| | אַרויסגעוואָרפֿן | *past part. of* אַרויסוואַרפֿן to throw out |
| | אַרײַנגעשטעלט | *past part. of* אַרײַנשטעלן to put in |
| | די אַרמיי(ען) | army |
| | (דאָס) ארץ-ישׂראל *[Erets-Yisroel]* | Land of Israel, Palestine |
| | די באַנײַונג(ען) | renewal |
| * | דער בוימל(ען) | oil (edible) |
| * | דער/דאָס בית-המיקדש *[beysamigdesh]* | the temple built by King Solomon |
| * | דער גאָט (געטער) | god (gods) |
| * | געברענט | *past part. of* ברענען to burn |
| * | געהאַט | *past part. of* האָבן to have |
| | געהערשט | *past part. of* הערשן to rule |
| * | געוואָלט | *past part. of* וועלן to want |
| | געוואָרפֿן אַרויס ← אַרויסגעוואָרפֿן | |
| | געוווינט | *past part. of* וווינען to live, to dwell |
| * | געווען | *past part. of* זײַן to be |
| * | געזאָגט | *past part. of* זאָגן to say |
| | געזוכט | *past part. of* זוכן to look for, to seek |
| | דאָס געזעץ(ן) | law |
| * | געטאָן | *past part. of* טאָן to do |
| | געטראָפֿן | *past part. of* טרעפֿן to happen |
| * | געמאַכט | *past part. of* מאַכן to make |
| | גענוג | enough |
| | דער געץ(ן) | idol |
| | גערופֿן | *past part. of* רופֿן to call |
| | געשאַפֿן | *past part. of* שאַפֿן to create, to raise (an army) |
| | געשטעלט אַרײַן ← אַרײַנגעשטעלט | |
| * | געשיקט | *past part. of* שיקן to send |
| | געשלאָגן | *past part. of* שלאָגן to hit, to fight |

| | |
|---|---|
| Greek person | דער גריך(ן) |
| to worship, to serve | דינען (געדינט) |
| afterwards | * דערנאָך |
| therefore | דערפֿאַר |
| *dreydl*, Hanukkah top | דאָס דריידל(עך) |
| hammer | דער האַמער(ס) |
| to keep, to observe | היטן (געהיט) |
| heroic | העלדיש |
| to wish (someone) | ווינטשן (געווונטשן) |
| to become | * ווערן (געוואָרן) |
| should | * זאָלן (געזאָלט) |
| son | * דער זון (זין) |
| his | זײַן |
| their (pl. possessions) | זייערע |
| Hanukah money (gift) | * דאָס חנוכּה־געלט *[Khanike-gelt]* |
| a member of the Hasmonean family | * דער חשמונאָי(ם) *[Khashminoyi(m)]* |
| Judah the Maccabbee | * יהודה המכּבי *[Yuda Hamakabi]* |
| Jerusalem | * (דאָס) ירושלים *[Yerusholayim]* |
| anger | דער כּעס *[kas]* |
| potato pancake | * די לאַטקע(ס) |
| country, land | * דאָס לאַנד (לענדער) |
| candle | * דאָס ליכט (ליכט) |
| to live (exist) | * לעבן (געלעבט) |
| Modin | (דאָס) מודיעין *[Modien]* |
| king | דער מלך(ים) *[melekh-m(e)lokhim]* |
| the seven-branched lamp which stood in the Temple | * די מנורה (מנורות) *[menoyre(s)]* |
| story | * די מעשה (מעשיות) *[mayse(s)]* |
| Mattathias the Hasmonean | * מתתיהו דער חשמונאָי *[Matisyohu der Khashminoyi]* |

| | |
|---|---|
| * דער נס(ים) *[nes-nisim]* | miracle |
| דער סאָלדאַט(ן) | soldier |
| * דאָס פֿאָלק (פֿעלקער) | folk, nation, people |
| פֿאַרטריבן | *past part. of* פֿאַרטרײַבן to drive out |
| * דער פֿירער(ס) | leader |
| פֿריִער | earlier, before, prior |
| * צינדן (געצונדן) | to light, to kindle |
| קיין | to *(prep.* before name of a place) |
| * קריגן (געקראָגן) | to get, to receive |
| דאָס קריגעלע(ך) | pitcher: *dim. of* דער קרוג(ן) pitcher |
| ריין | clean, pure |
| * שטאַרק | strong |
| * דאָס שטעטל(עך) | town |
| * שפּילן (געשפּילט) | to play |
| * די תּורה *[toyre]* | Torah, the Jewish law; Pentateuch |

## Idioms and Expressions

ווערן אין כּעס *[kas]* to become angry * שפּילן אין דריידל to play *dreydl*

## אַ ליד: חנוכּה, אוי חנוכּה

*מ. ריווועסמאַן*
*מוזיק: סאָלאָמאָן גאָלוב*

1) אוי חנוכּה, אוי חנוכּה,
אַ יום-טובֿ אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פֿריילעכער,
ניטאָ נאָך אַזוינער.

2) אַלע נאַכט אין דריידל
שפּילן מיר,
פֿרישע הייסע לאַטקעס
עסן מיר.

3) געשווינדער, צינדט קינדער,
די חנוכּה-ליכטעלעך אָן,
לאָמיר אַלע אין איינעם
צום יום-טובֿ דעם שיינעם } 2
זינגען און טאַנצן אין קאָן.

## Vocabulary

| | | | |
|---|---|---|---|
| merry | לוסטיק | such *(pron.)* | אַזוינער |
| night | * די נאַכט (נעכט) | in one, together | אין איינעם |
| happy, gay | * פֿריילעך | quick(er) | געשווינד(ער) |
| round dance | דער קאָן (קען/קענער) | hot | * הייס |




יום-טובֿדיקע טעג: לידערבוך פֿאַר די ייִדישע יום-טובֿים, מלכה גאָטליב און חנה מלאָטעק,
אַרבעטער-רינג, 1985.

*Songbook for the Jewish Holidays*, Malke Gottlieb and Eleanor Gordon Mlotek, New York: Workmen's Circle, 1985.

# Supplementary Song

## בּרוך אַתּה, זינגט דער טאַטע

*אַבֿרהם רייזען*

*מוזיק: סאָלאָמאָן גאָלוב*

1) בּרוך אַתּה, זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט.
און די שטראַלן, מילדע פֿאַלן
אויף זײַן בלאַס געזיכט.

2) און אַ פֿײַער, הייליק, טײַער
אין די אויגן לײַכט.
און דער מידער מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלײַכט.

3) און עס דאַכט זיך און עס טראַכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ.
ס'איז פֿאַרבליבן וואָס צו ליבן
הייליק איז די שעה.

4) אַלטע קלאַנגען, לאַנג פֿאַרגאַנגען,
ניין, ס'קלינגט נאָך אַצינד.
זינג זשע, טאַטע, בּרוך אַתּה,
און איך בלײַב דײַן קינד.

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אויסגלײַכן (אויסגעגלײַכט) | to straighten out |
| אַצינד | now |
| בלאַס | pale |
| בלײַבן (איז געבליבן) | to stay, to remain |
| בּרוך אַתּה *[bǒrukh ǎte]* | Blessed are you *(Heb.)* (first words of blessing) |
| דאָס גליד(ער) | limb |
| דאָס געזיכט(ער) | face |
| דאַכטן זיך (זיך געדאַכט) | to seem (to) |
| הייליק | holy |
| ליבן (געליבט) | to love |
| לײַכטן (געלויכטן/געלײַכט) | to shine, to give light |
| דער מידער (מידע) | weary/tired person |
| נאָך | yet, still |
| ס'קלינגט=עס קלינגט ← קלינגען | |
| עפּעס | something |
| פֿאַלן (איז געפֿאַלן) | to fall |
| פֿאַרגיין (איז פֿאַרגאַנגען) | to pass away; to disappear |
| דער קלאַנג(ען) | sound |
| קלינגען (געקלונגען) | to ring, to sound |
| דער שטראַל(ן) | ray, beam |
| די שעה(ען) *[shǒ(en)]* | hour |

# Idioms and Expressions

it seems — עס דאַכט זיך




יום-טובֿדיקע טעג: לידערבוך פֿאַר די ייִדישע יום-טובֿים, מלכּה גאָטליב און חנה מלאָטעק, אַרבעטער-רינג, 1985.

# GRAMMAR

## The Past Tense

The past tense in Yiddish is quite simple. In English, we can express the past in a number of ways. For example: I sang, I did sing, I was singing, I have sung. In Yiddish, these are all rendered one way: איך האָב געזונגען.

To form the past tense, you need an auxiliary or helping verb, which, in most cases, is the verb "to have" האָבן. (Some verbs are conjugated with the verb זײַן (to be) and will be discussed in Lesson 9A.) This helping verb is conjugated.

You then add the past participle to the conjugated helping verb. The past participle is sometimes derived from the base of the verb. The prefix גע and the suffix ט are added to the base. It may be easier to think of this, in most cases, as prefixing גע to the third person singular present tense. With these verbs , figuring out the participle is simple, as in:

| | |
|---|---|
| לאַכן | געלאַכט |
| מאַכן | געמאַכט |

Other times changes occur in the base as in:

| | |
|---|---|
| זינגען | געזונגען |
| שרײַבן | געשריבן |

All participles end in ט or in ן. It is impossible to tell for certain what the participle will be by looking at the verb.

## Past Tense Conjugation

### זינגען

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך האָב | געזונגען | מיר האָבן | געזונגען |
| דו האָסט | געזונגען | איר האָט | געזונגען |
| ער האָט | געזונגען | זיי האָבן | געזונגען |
| זי האָט | געזונגען | | |

**Negative Past Tense Conjugation**

איך האָב ניט געזונגען קיין ליד.
דו האָסט ניט געזונגען דאָס ליד.
ער האָט ניט געזונגען קיין לידער.
זי האָט ניט געזונגען די לידער.

מיר האָבן ניט געזונגען
איר האָט ניט געזונגען
זיי האָבן ניט געזונגען
} קיין ליד. / דאָס ליד. / קיין לידער. / די לידער.

Here are the past participles of some verbs you know. The following are completely predictable - they end in ט and there is no vowel change.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| to think | געטראַכט | טראַכטן | to work | געאַרבעט | אַרבעטן |
| to laugh | געלאַכט | לאַכן | to bring | געבראַכט, געברענגט | ברענגען |
| to read | געלייענט | לייענען | to burn | געברענט | ברענען |
| to make | געמאַכט | מאַכן | to need | געדאַרפֿן ,געדאַרפֿט | דאַרפֿן |
| to mean, to think | געמיינט | מיינען | to hear | געהערט | הערן |
| to ask | געפֿרעגט | פֿרעגן | to live | געוווינט | וווינען |
| to know, can | געקענט | קענען | to say | געזאָגט | זאָגן |
| to talk | גערעדט | רעדן | should | געזאָלט | זאָלן |
| to smell | געשמעקט | שמעקן | to dance | געטאַנצט | טאַנצן |

The following past participles are less predictable:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| to see | געזען | זען | to give | געגעבן | געבן |
| to do | געטאָן | טאָן | to have | געהאַט | האָבן |
| to take | גענומען | נעמען | to be called, to order | געהייסן | הייסן |
| to eat | געגעסן | עסן | to know | געוווּסט | וויסן |
| to light | געצונדן | צינדן | to want | געוואָלט | וועלן |
| to write | געשריבן | שרײַבן | to sing | געזונגען | זינגען |

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| Jews lived in their country, the Land of Israel. | 1. ייִדן האָבן געוווינט אין זייער לאַנד ארץ-ישׂראל. |
| They wanted to live as their ancestors had lived. | 2. זיי האָבן געוואָלט לעבן ווי זייערע אָבֿות האָבן געלעבט. |
| You didn't eat any potato pancakes. | 3. איר האָט ניט געגעסן קיין לאַטקעס. |
| Why did you take the pitcher of oil? | 4. פֿאַר וואָס האָסטו גענומען דאָס קריגעלע בוימל? |
| I saw the river in the town. | 5. אין שטעטל האָב איך געזען דעם טייַך. |
| Father did not give [us ] any Hanukkah money. | 6. קיין חנוכּה-געלט האָט דער טאַטע ניט געגעבן. |

## Supplementary Reading

# פֿון: חנוכּה-געלט

*לויט שלום-עליכמען*

נו! קינדער, וואָסער יום-טובֿ איז דער בעסטער פֿון אַלע יום-טובֿים? חנוכּה!

אַכט טעג ניט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס, שפּילן אין דריידל און קריגן פֿון אַלע זייַטן חנוכּה-געלט. נו, דאַרף מען אַ בעסערן יום-טובֿ?

ווינטער. אין דרויסן איז קאַלט. דער פֿראָסט ברענט. די פֿענצטער זייַנען

באַדעקט מיט שניי, און אין שטוב איז וואַרעם. דאָס זילבערנע חנוכּה-לעמפּל איז גרייט. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב און דאַוונט מעריבֿ. ער ענדיקט דאַוונען, נעמט אַ ליכטל (דעם שמש) און זאָגט צו אונדז, צו מיר און מײַן ייִנגערן ברודער מאָטל, "רופֿט אַרײַן די מאַמע צו הערן בענטשן חנוכּה-ליכטלעך."

איך און מײַן ברודער מאָטל לויפֿן, "מאַמעז גיכער, חנוכּה-ליכטלעך!"

די מאַמע לויפֿט אַרײַן און נאָך איר – ברײַנע די קעכין.

דער טאַטע גייט צו צו דעם חנוכּה-לעמפּל מיט דעם שמש און מאַכט די ברכות.

די מאַמע ענטפֿערט "אָמן" און ברײַנע שאָקלט מיטן קאָפּ. זי מאַכט אַזאַ פּנים אַז איך און מײַן ברודער מיינען אַז מיר װעלן לאַכן.

"הנרות הללו," זינגט דער טאַטע און גייט אַרום איבער דער שטוב, קוקט אויפֿן חנוכּה-לעמפּל, זאָגט און זאָגט און זאָגט.... מיר ווילן ער זאָל שוין גיין צו דער קעשענע.

"מאָטל," זאָג איך, "גיי צו, זאָג אים חנוכּה-געלט."

"וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכּה-געלט?"

"אַזוי, ווײַל דו ביסט ייִנגער, דאַרפֿסטו בעטן חנוכּה-געלט."

"אפֿשר פֿאַרקערט, דו ביסט עלטער, דאַרפֿסטו בעטן חנוכּה-געלט."

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| אומגיין (איז אומגעגאַנגען) | to walk around | אַרומגיין (איז אַרומגעגאַנגען) | to walk around |
| אונדז | us | אַרײַנלויפֿן (איז אַרײַנגעלאָפֿן) | to run in |
| אַזוי | because; so | אַרײַנרופֿן (אַרײַנגערופֿן) | to call in |
| איבער | over | באַדעקט | covered *(adj.)* |
| איר | her *(dat.)* | | |

בענטשן (געבענטשט) — to bless

בעסט — best

בעסער — better

די ברכה (ברכות) *[brokhe(s)]* — blessing

גיין אום ← אומגיין

גיין אַרום ← אַרומגיין

גיין צו ← צוגיין

גיכער — quicker

גרייט — ready

הנרות הללו *[haneyros halolu]* — These lights, first words of Hanukkah liturgy recited just after lighting the candles

דער ווינטער(ן) — winter

די זײַט(ן) — side

זילבערן — silver *(adj.)*

דער חדר(ים) *[kheyder-khedorim]* — traditional Hebrew school for boys

דאָס חנוכה-לעמפּל(עך) *[khanike]* — Hanukkah lamp for lighting candles or oil wicks.

ייִנגער — younger

לויט — according to

לויפֿן (איז געלאָפֿן) — to run

לויפֿן אַרײַן ← אַרײַנלויפֿן

דער מעריב *[mayrev]* — Maariv, Jewish evening prayer

עלטער — older

ענדיקן (געענדיקט) — to finish

פֿאַרקערט — on the contrary

דער פֿראָסט (פֿרעסט) — freezing weather

צוגיין (איז צוגעגאַנגען) — to go up to, to approach

קוקן (געקוקט) — to look

די קעכין(ס) — cook

רופֿן אַרײַן ← אַרײַנרופֿן

שאָקלען (געשאָקלט) — to shake, to sway

דער שמש(ים) *[shames-shamosim]* — candle used to light the candles but not counted as one of the eight candles

## Idioms And Expressions

מאַכן אַ פּנים *[ponim]* — to make a face

וואָס עפּעס? — Why in the world?

# EXERCISES

**I. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. ייִדן וווינען אין זייער לאַנד.
2. אין דעם לאַנד הערשן די גריכן.
3. די גריכן האָבן אַ שלעכטן מלך.
4. דער מלך הייסט אַנטיוכוס.
5. די פֿעלקער טוען ווי דער מלך זאָגט.
6. ער שיקט סאָלדאַטן קיין ישראל.
7. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד.
8. מען מאַכט אַ ייִדישע אַרמיי.
9. איר צינדט חנוכּה-ליכט יעדע נאַכט.
10. דו עסט לאַטקעס.
11. איך שפּיל אין דריידל.
12. איר מאַכט אַ יום-טובֿ.
13. מיר קריגן חנוכּה-געלט.
14. מע רופֿט אים יהודה המכבי.
15. איך וויל לעבן ווי מײַנע אָבֿות האָבן געלעבט.

**II. Conjugate in the past:**

וווינען, מאַכן, ניט קריגן, ניט וועלן

# REVIEW

**I. Make the following sentences negative:**

1. עס איז קאַלט אין דרויסן.
2. די זון שײַנט.
3. עס בלאָזט אַ ווינט.
4. די לערערין איז פֿאַרקילט.
5. עס טוט מיר וויי דער האַלדז.
6. חיים איז אײַן פֿרײַנד.
7. איר האָט אײַערע (your) פֿרײַנד.
8. איך האָב אַ פֿראַגע פֿאַר אײַך (you).
9. איר האָט פֿראַגעס פֿאַר מיר.
10. זי איז אַ געזונטער מענטש.
11. די ייִדן ווילן דעם מלך.
12. זי הייסט זעלדע גאָלד.
13. די סטודענטן נעמען די ביכער.
14. שמעון האָט ברייטע אַקסל.
15. מיר דאַרפֿן די נײַע העפֿטן.

**II. Fill in the blanks using the correct adjective and article endings:**

1. ד___ גוט___ בוך ליגט אויפֿן טיש. 2. עס טוט מיר וויי ד______ רעכט___ פֿוס. 3. ד___ שיינ____ מאַמע האָט שלעכט____ אויגן. 4. איך זע ד___ גרויס___ גרוי___ וואָלקן אין הימל. 5. מיר עסן די

גוט ___ וועטשערע אין ד___ היים. 6. ד___ ערשט___ בעלעמער זאָגט, "פֿאַרמאַך ד___קליינ___ פֿענצטער." 7. דער לערער האָט אַ נײַ______ שיינ___ קלאַס. 8. ד___ קליינ___ קינדער האָבן ליב דעם שיינ___ ווײַס שניי. 9. מירל האָט ברייט___ אַקסלען און אַ גלײַכ____ רוקן.
10. ד ____ יידן ווילן ניט ד___ שלעכט___ מלך. 11. איר זײַנען אַ קליינ___ פֿאָלק אָבער אַ שטאַרק___ פֿאָלק. 12. ד קלוג_______ סטודענטן קענען ד___ נײַ___ לערערין. 13. דאָס קינד וויל ד___רויט____ עפּעלע. 14. ד____אַלט____ מתּתיהו האָט פֿינף שטאַרק___ העלדיש___זין. 15. איך וויל אַ נײַ___ בלוי____ ביכל.

**III. Put the highlighted words in the plural and make all necessary corresponding changes. Rewrite the whole sentence:**

1. איך זינג אַ שיין ליד. 2. די באָבע עסט אַ בולבע. 3. דער לערער האָט אַן אָרט. 4. עס טוט מיר ווײ די האַנט. 5. דער סטודענט וויל אַ נײַע העפֿט און פֿעדער. 6. דאָס קינד דאַרף אַ נײַ בוך. 7. איך האָב אַ גוטן זון. 8. עס איז דאָ אַ גרויסער וואָלקן אין הימל. 9. דאָס הויז איז שיין. 10. דער טאָג איז לאַנג. 11. דער לערער האָט אַ שלעכטן תּלמיד און אַ שלעכטע תּלמידה.

**IV. Fill in the blanks with the correct form of the verb in parentheses:**

1. (האָבן) דו _____ נײַע ביכער. 2. (זינגען) מיר _____ יידישע לידער. 3. (טראַכטן) ער _____ וועגן (about) וועטשערע. 4. (זײַן) איך _____ געזונט, אַ דאַנק. 5. (האָבן) ער _____ ברייטע אַקסלען. 6. (זײַן) וווּ איז _____ דאָס געסעלע, וווּ _____ די שטוב? 7. (קענען) ער _____ ניט דודן. 8. (געבן) מיר _____ דעם לערער אַ נײַע פֿעדער. 9. (טאָן) עס _____ מיר ווײ דער קאָפּ. 10. (טאָן) די אויגן _____ מיר ווײ. 11. (דאַרפֿן) זי _____ עסן וואַרעמעס. 12. (הייסן) ווי _____ דו? דו _____ פּערל. (זײַן) דאָס _____ זייער אַ שיינער נאָמען. 13. (וועלן) איר _____ חנוכּה-געלט? נו, וואָדען? 14. (לערנען) איך _____ זיך יידיש. 15. (זײַן) עס _____ ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. 16. (וווינען) איך _____ אויף דער גאַס. 17. (וועלן) דאָס קינד _____ צינדן דאָס ליכט. 18. (פֿאַרמאַכן) איר _____ דעם פֿענצטער. 19. (זען) מיר ____ היימען דאָנערשטיק. 20. (גיין) זיי _____ אין שול.

**V. Complete the proverb:**

1. אַ מענטש טראַכט — גנבֿעט נאָר ביכער.
2. אַ וועלט מיט — קיין טשײַניק.
3. אין איין אויער אַרײַן — אויף אָרעם און רײַך.
4. האַק איר ניט — און גאָט לאַכט.
5. פֿון דײַן מויל — פֿרעג דעם קראַנקן.
6. זאָג איר ווער דײַן חבֿר איז — וועל איך וויסן ווער דו ביסט.
7. אַ ייִדישער גנבֿ — פֿון דעם צווייטן אַרויס.
8. פֿרעג ניט דעם דאָקטער — און גאָטס אויערן.
9. די זון שײַנט גלײַך — וועלטלעך.
10. ווענט האָבן אויערן — און גאַסן האָבן אויגן.

**VI. Rewrite these sentences in the past tense. You may have to look up some of the participles in the dictionary or glossary.**

1. די לערערין האָט אַ נײַ בוך. 2. די ייִדן זוכן בוימל. 3. דער שלעכטער מלך שיקט סאָלדאַטן קיין ארץ־ישׂראל. 4. איך לערן די קינדער דאָס ליד. 5. אַ פֿײַערל ברענט אויפֿן פּריפּעטשיק. 6. די קינדער זאָגן, „קמץ־אַלף־אָ." 7. דער פֿוס טוט איר וויי. 8. דו זעסט דעם דאָקטער. 9. אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. 10. איר וווינט אין דעם הויז. 11. איך הייס סערל גאָלד. 12. איר עסט לאַטקעס. 13. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד. 14. זיי עפֿענען דעם פֿענצטער. 15. איר זינגט שיינע לידער. 16. איך קען וועלוולען. בערלען קען איך ניט. 17. דער טאַטע ברענגט אַן עפּעלע. 18. מיר ווילן אַרבעטן. 19. דו האַקסט אַ טשײַניק. 20. איך שרײַב אַ בוך. 21. מיר האָבן אַ גרויס פּאַר אײַך.

**VII. Make up five questions based on each of the paragraphs below. Use at least four interrogative words each time. Answer the questions:**

1. צירל און מירל גייען אין גאַס. עס איז הײַנט אַ יום־טובֿ. עס איז חנוכּה. עס איז קאַלט אין דרויסן אָבער די זון שײַנט. עס בלאָזט ניט קיין ווינט און עס גייט ניט קיין שניי. די מיידלעך גייען צו דער באָבען. דאָרטן קריגן זיי גוטע הייסע לאַטקעס און חנוכּה־געלט. זיי לאַכן און זײַנען פֿריילעך. זיי האָבן ליב דעם יום־טובֿ.

2. חיים וויל אַ בריוו-חבֿר (pen-pal). ער שרײַבט אין צײַטונג (newspaper),
"איך הייס חיים לעדערמאַן. איך וווין אין ניו-יאָרק. איך האָב איין ברודער.
ער הייסט אַרעלע. איך האָב בלויע אויגן און שוואַרצע האָר. איך האָב ליב
צו לייענען, צו זינגען, און צו עסן. איך לערן זיך ייִדיש און וויל שרײַבן
ייִדישע בריוו (letters). ווילט איר שרײַבן צו מיר?"

**VIII. Translate into Yiddish:**

1. The bad king was called Antiochus. He ruled over the Jews.
2. The king wanted the Jews to become (should become) Greeks.
3. There was no menorah in the Holy Temple. They (One) had [to] search [for] oil.
4. The Jews wanted [to] live in their country.
5. The king was angry (in anger). He sent soldiers to (in) Israel.
6. The heroic soldiers wanted [to] see Yehuda the Maccabee.
7. Yehuda said to the Jews, "Let's raise a Jewish army. The soldiers must be strong. They can fight bravely."
8. Hanukkah one lights candles, eats latkes, and plays (in) *dreydl*.
9. There is a story about a little pitcher of oil. They say it burned [for] eight days. Really?
10. When it is cold outside we want to eat hot latkes.

# ORAL PRACTICE

**IX. Reform these sentences putting the highlighted words first:**

1. זיי האָבן דערנאָך געמאַכט אַ יום-טובֿ. 2. עס האָט געטראָפֿן אַ נס.
3. דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג. 4. עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס
אין הימל. 5. די גריכן האָבן געהאַט אַ שלעכטן מלך. 6. עס איז דאָ
שניי אין דרויסן. 7. אַ ייִד האָט געוווינט אין שטעטל מודיעין. 8. איך טראָג
ניט דאָס קרינגעלע. 9. דו האָסט אויך געביטן (change) דײַן נאָמען.
10. ער לייענט ניט נוט.

**X. Conversation Topics:**

1. You meet someone who knows nothing about Hanukkah. Have a conversation with him/her about why Jews celebrate this holiday. Explain some of the customs connected with it.

2. You and your friend(s) are on the cultural committee of your organization. You are trying to choose a speaker or entertainer for an upcoming event. Discuss the virtues and faults of the suggested people using as many adverbs as possible.

3. You have left your child(ren) with a Yiddish speaking babysitter. When you come home the two of you discuss what your child(ren) did all day long.

# EXERCISES

**I. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. ייִדן וווינען אין זייער לאַנד.
2. אין דעם לאַנד הערשן די גריכן.
3. די גריכן האָבן אַ שלעכטן מלך.
4. דער מלך הייסט אַנטיוכוס.
5. די פֿעלקער טוען ווי דער מלך זאָגט.
6. ער שיקט סאָלדאַטן קיין ישׂראל.
7. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד.
8. מען מאַכט אַ ייִדישע אַרמיי.
9. איר צינדט חנוכּה-ליכט יעדע נאַכט.
10. דו עסט לאַטקעס.
11. איך שפּיל אין דריידל.
12. איר מאַכט אַ יום-טובֿ.
13. מיר קריגן חנוכּה-געלט.
14. מע רופֿט אים יהודה המכּבי.
15. איך וויל לעבן ווי מײַנע אָבֿות האָבן געלעבט.

**II. Conjugate in the past:**

וווינען, מאַכן, ניט קריגן, ניט וועלן

# REVIEW

**I. Make the following sentences negative:**

1. עס איז קאַלט אין דרויסן.
2. די זון שײַנט.
3. עס בלאָזט אַ ווינט.
4. די לערערין איז פֿאַרקילט.
5. עס טוט מיר וויי דער האַלדז.
6. חיים איז מײַן פֿרײַנד.
7. איר האָט אײַערע (your) פֿרײַנד.
8. איך האָב אַ פֿראַגע פֿאַר אײַך(you).
9. איר האָט פֿראַגעס פֿאַר מיר.
10. זי איז אַ געזונטער מענטש.
11. די ייִדן ווילן דעם מלך.
12. זי הייסט זעלדע גאָלד.
13. די סטודענטן נעמען די ביכער.
14. שמעון האָט ברייטע אַקסל.
15. מיר דאַרפֿן די נײַע העפֿטן.

**II. Fill in the blanks using the correct adjective and article endings:**

1. ד___ גוט___ בוך ליגט אויפֿן טיש. 2. עס טוט מיר וויי ד______ רעכט___ פֿוס. 3. ד___ שײנ_____ מאַמע האָט שלעכט____ אויגן. 4. איך זע ד___ גרויס___ גרוי___ וואָלקן אין הימל. 5. מיר עסן די

גוט ___ וועטשערע אין ד___ היים. 6. ד___ ערשט___ כעלעמער זאָגט, "פֿאַרמאַך ד__ קלײנ___ פֿענצטער." 7. דער לערער האָט אַ נ___ ______ שײנ___ קלייד. 8. ד___ קלײנ___ קינדער האָבן ליב דעם שײנ___ ווײַס שניי. 9. מירל האָט בריײט___ אַקסלען און אַ גלײַכ___ רוקן.

10. ד ____ ייִדן ווילן ניט ד___ שלעכט___ מלך. 11. איר לײַנען אַ קלײנ___ פּאַרק אָבער אַ שטאַרק___ פּאַרק. 12. ד קלוג ______ סטודענטן קענען ד___ נײַ___ לערערין. 13. דאָס קינד וויל ד___ רויט___ עפּעלע. 14. ד___ אַלט___ מתּתיהו האָט פֿינף שטאַרק___ העלדיש___ זין. 15. איך וויל אַ נײַ___ בלוי___ ביכל.

**III. Put the highlighted words in the plural and make all necessary corresponding changes. Rewrite the whole sentence:**

1. איך זינג אַ שײן ליד. 2. די באָבע עסט אַ בולבע. 3. דער לערער האָט אַן אַרט. 4. עס טוט מיר וויי די האַנט. 5. דער סטודענט וויל אַ נײַע העפֿט און פֿעדער. 6. דאָס קינד דאַרף אַ נײַ בוך. 7. איך האָב אַ גוטן זון. 8. עס איז דאָ אַ גרויסער וואָלקן אין הימל. 9. דאָס הויז איז שײן. 10. דער טאָג איז לאַנג. 11. דער לערער האָט אַ שלעכטן תּלמיד און אַ שלעכטע תּלמידה.

**IV. Fill in the blanks with the correct form of the verb in parentheses:**

1. (האָבן) דו _____ נײַע ביכער. 2. (זינגען) מיר _____ ייִדישע לידער. 3. (טראַכטן) ער _____ וועגן (about) וועטשערע. 4. (זײַן) איך _____ געזונט, אַ דאַנק. 5. (האָבן) ער _____ ברייטע אַקסלען. 6. (זײַן) ווו איז _____ דאָס געסעלע, ווו _____ די שטוב? 7. (קענען) ער _____ ניט דודן. 8. (געבן) מיר _____ דעם לערער אַ נײַע פֿעדער. 9. (טאָן) עס _____ מיר וויי דער קאָפּ. 10. (טאָן) די אויגן _____ מיר וויי. 11. (דאַרפֿן) זי _____ עסן וואַרעמעס. 12. (הייסן) ווי _____ דו? דו _____ פּערל. (זײַן) דאָס _____ זייער אַ שײנער נאָמען. 13. (וועלן) איר _____ חנוכּה-געלט? נו, וואָדען? 14. (לערנען) איך _____ זיך ייִדיש. 15. (זײַן) עס _____ ניטאָ קײן וואָלקנס אין הימל. 16. (וווינען) איך _____ אויף דער גאַס. 17. (וועלן) דאָס קינד _____ צינדן דאָס ליכט. 18. (פֿאַרמאַכן) איר _____ דעם פֿענצטער. 19. (זען) מיר _____ חיימען דאָנערשטיק. 20. (גײן) זיי _____ אין שול.

**V. Complete the proverb:**

| | |
|---|---|
| 1. אַ מענטש טראַכט | גנבֿעט נאָר ביכער. |
| 2. אַ וועלט מיט | קײן טשײַניק. |
| 3. אין איין אויער אַרײַן | אויף אָרעם און רײַך. |
| 4. האַק מיר ניט | און גאָט לאַכט. |
| 5. פֿון דײַן מויל | פֿרעג דעם קראַנקן. |
| 6. זאָג מיר ווער דײַן חבֿר איז | וועל איך וויסן ווער דו ביסט. |
| 7. אַ ייִדישער גנבֿ | פֿון דעם צווייטן אַרויס. |
| 8. פֿרעג ניט דעם דאָקטער | אין גאַטס אויערן. |
| 9. די זון שײַנט גלײַך | וועלטלעך. |
| 10. ווענט האָבן אויערן | און גאַסן האָבן אויגן. |

**VI. Rewrite these sentences in the past tense. You may have to look up some of the participles in the dictionary or glossary.**

1. די לערערין האָט אַ נײַ בוך. 2. די ייִדן זוכן בוימל. 3. דער שלעכטער מלך שיקט סאָלדאַטן קיין ארץ-ישראל. 4. איך לערן די קינדער דאָס ליד. 5. אַ פֿײַערל ברענט אויפֿן פּריפּעטשיק. 6. די קינדער זאָגן, ״קמץ-אַלף-אָ.״ 7. דער פֿוס טוט מיר וויי. 8. דו זעסט דעם דאָקטער. 9. אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. 10. מיר וווינען אין דעם הויז. 11. איך הייס סערל גאָלד. 12. איר עסט לאַטקעס. 13. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד. 14. זיי עפֿענען דעם פֿענצטער. 15. איר זינגט שיינע לידער. 16. איך קען וועלוולען. בערלען קען איך ניט. 17. דער טאַטע ברענגט אַן עפּעלע. 18. מיר ווילן אַרבעטן. 19. דו האַקסט אַ טשײַניק. 20. איך שרײַב אַ בוך. 21. מיר האָבן אַ גרוס פֿאַר אײַך.

**VII. Make up five questions based on each of the paragraphs below. Use at least four interrogative words each time. Answer the questions:**

1. צירל און מירל גייען אין גאַס. עס איז הײַנט אַ יום-טובֿ. עס איז חנוכּה. עס איז קאַלט אין דרויסן אָבער די זון שײַנט. עס בלאָזט ניט קיין ווינט און עס גייט ניט קיין שניי. די מיידלעך גייען צו דער באָבען. דאָרטן קריגן זיי גוטע הייסע לאַטקעס און חנוכּה-געלט. זיי לאַכן און זײַנען פֿריילעך. זיי האָבן ליב דעם יום-טובֿ.

2. חיים וויל אַ בריוו-חבֿר (pen-pal). ער שרײַבט אין צײַטונג (newspaper), "איך הייס חיים לעדערמאַן. איך וווין אין ניו-יאָרק. איך האָב איין ברודער. ער הייסט אַרעלע. איך האָב בלויע אויגן און שוואַרצע האָר. איך האָב ליב צו לייענען, צו זינגען, און צו עסן. איך לערן זיך יידיש און וויל שרײַבן יידישע בריוו (letters). ווילסט איר שרײַבן צו מיר?"

## VIII. Translate into Yiddish:

1. The bad king was called Antiochus. He ruled over the Jews.
2. The king wanted the Jews to become (should become) Greeks.
3. There was no menorah in the Holy Temple. They (One) had [to] search [for] oil.
4. The Jews wanted [to] live in their country.
5. The king was angry (in anger). He sent soldiers to (in) Israel.
6. The heroic soldiers wanted [to] see Yehuda the Maccabee.
7. Yehuda said to the Jews, "Let's raise a Jewish army. The soldiers must be strong. They can fight bravely."
8. Hanukkah one lights candles, eats latkes, and plays (in) *dreydl.*
9. There is a story about a little pitcher of oil. They say it burned [for] eight days. Really?
10. When it is cold outside we want to eat hot latkes.

# ORAL PRACTICE

## IX. Reform these sentences putting the highlighted words first:

1. זיי האָבן דערנאָך געמאַכט אַ יום-טובֿ. 2. עס האָט געטראָפֿן אַ נס. 3. דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג. 4. עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. 5. די גריכן האָבן געהאַט אַ שלעכטן מלך. 6. עס איז דאָ שניי אין דרויסן. 7. אַ ייִד האָט געוווינט אין שטעטל מודיעין. 8. איך טראָג ניט דאָס קריגעלע. 9. דו האָסט אויך געביטן (change) דײַן נאָמען. 10. ער לייענט ניט גוט.

## X. Conversation Topics:

1. You meet someone who knows nothing about Hanukkah. Have a conversation with him/her about why Jews celebrate this holiday. Explain some of the customs connected with it.

2. You and your friend(s) are on the cultural committee of your organization. You are trying to choose a speaker or entertainer for an upcoming event. Discuss the virtues and faults of the suggested people using as many adverbs as possible.

3. You have left your child(ren) with a Yiddish speaking babysitter. When you come home the two of you discuss what your child(ren) did all day long.

די משפּחה נעכאַמקין - ראָזענבערג, דעטרויט, מישיגאַן, 1920



The Nichamin - Rosenberg family, Detroit, Michigan, 1920

# UNIT 8

## דאָס אַכטע קאַפּיטל

## LESSON 8A לעקציע אַכט א׳

# משפּחה

**לייבל:** האָסטו אַ גרויסע משפּחה?

**מאַשע:** יאָ, מיר האָבן, קיין עין־הרע, זייער אַ גרויסע משפּחה. אונדזער משפּחה וווינט ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אומעטום.

**לייבל:** האָסטו אַ באָבע און אַ זיידן?[1]

**מאַשע:** איך האָב פֿון דער מאַמעס זײַט, ברוך־השם, אַ זיידן און אַ באָבע. זיידע־באָבע פֿון דעם טאַטנס צד זײַנען, צום באַדויערן, געשטאָרבן.

**לייבל:** צי האָט דײַן זיידע געהאַט ברידער און שוועסטער?

**מאַשע:** קיין שוועסטער האָט ער ניט געהאַט אָבער ער האָט געהאַט צוויי ברידער. דער עלטערער האָט געוווינט אין רוסלאַנד, איך האָב שוועסטערקינדער אין רוסלאַנד. דער ייִנגערער ברודער האָט געוווינט אין אַ שטעטל לעבן ניו־יאָרק.

**לייבל:** דו האָסט מומעס אויך?

**מאַשע:** יאָ, איך האָב עטלעכע מומעס פֿון דעם טאַטנס צד. איין מומע, די מומע כאַסיע, איז זייער אַ קלוגע און די אַנדערע צוויי זײַנען זייער רײַך. די ערשטע, די קלוגע, וווינט אין פּאַריז.

**לייבל:** אויב זי איז אַזוי קלוג, פֿאַר וואָס איז זי ניט רײַך?

**מאַשע:** ווײַל זי האָט ניט געוואָלט. זי איז אַ סאָציאַליסטקע. איינע פֿון די אַנדערע מומעס וווינט אין ישׂראל און די אַנדערע אין דרום־אַפֿריקע.

**לייבל:** אײַער משפּחה איז אַן אמתע ייִדישע משפּחה וואָס וווינט טאַקע אומעטום. די מומעס זײַנען חתונה־געהאַטע?

---

[1] זיידע and טאַטע are among the few masculine nouns that are declined in the accusative and the dative. See Lesson 11A for a detailed explanation.

21. מאַשע: איין מומע איז ניט קיין חתונה-געהאַטע אָבער די אַנדערע צוויי,
22. יאָ. איך קען ניט דעם פֿעטער אין דרום-אַפֿריקע. דעם פֿעטער
23. אין פּאַריז, דער מומע כאַסיעס מאַן, קען איך יאָ. איר מאַן איז
24. דער מאַמעס אַ שוועסטערקינד. און איך אַליין בין אויך אַ מומע.
25. לייבל: טאַקע?
26. מאַשע: יאָ, מײַן ברודער האָט צוויי זין און אַ טאָכטער, האָב איך, הייסט
27. עס, צוויי פּלימעניקעס און אַ פּלימעניצע. און דו?
28. לייבל: איך האָב אויך אַ פּלימעניק אָבער ניט קיין פּלימעניצע. איך
29. האָב, קיין עין-הרע, אַ ווײַב און צוויי קלוגע שיינע טעכטער.
30. דעם ווײַבס עלטערן, דאָס הייסט, שווער-און-שוויגער, לעבן
31. נאָך און ווינען לעבן אונדז.
32. מאַשע: ביסטו אַ גוטער איידעם?
33. לייבל: נו, וואָדען? שווער-און-שוויגער זאָגן אַז איך בין ניט קיין איידעם
34. נאָר אַ גן-איידעם!

Here are three more family members you may want to know:

| | |
|---|---|
| grandchild; grandson or granddaughter | דער/דאָס אייניקל(עך) |
| brother-in-law | דער שוואָגער(ס) |
| sister-in-law | די שוועגערין(ס) |

## שפּריכווערטער

1. מע זאָגט דער טאָכטער, מע מיינט די שנור.
To tell something to someone when it is really meant for someone else.
(*Lit.* "You tell your daughter, you mean your daughter-in-law.")

2. איינס מיטן דריטן איז ניט קיין מחותן.[2]
To bear no relationship. (*Lit.* "One person is no in-law to the third person.")

3. קליינע קינדער, קליינע צרות,
גרויסע קינדער, גרויסע צרות.
Little children, little problems,
big children, big problems.

[2] In some dialects מחותן is pronounced *"mekhitn"* and the proverb rhymes.

# VOCABULARY

| | | |
|---|---|---|
| | אומעטום | everywhere |
| * | אונדזער | our |
| * | דער איידעם(ס) | son-in-law |
| * | איינס, איינע | forms of the number one |
| * | אײַער | your (*sg. form. & pl.*)(*sg. possession*) |
| * | איר | her (*poss. adj.*) |
| * | אַליין | alone, oneself, myself, yourself, himself, herself, ourselves, etc. |
| * | (די) אַמעריקע | America |
| | אמת | *[emes]* true, real |
| * | אַנדערע | other (*fem.*), others |
| | (דאָס/די) אַפֿריקע | Africa |
| * | דער ברודער (ברידער) | brother |
| * | ברוך-השם | Thank God, *[borkhashem]* Blessed be the Name |
| | דער גן-איידעם | iron. term *[ganeydem]* for son-in-law; pun on the word גן-עדן (paradise) and איידעם (son-in-law) |
| * | (דאָס/די) דרום-אַפֿריקע | *[Dorem]* South Africa |
| * | דריט | third |
| * | דאָס ווײַב(ער) | wife |
| * | וועגן | about |
| * | זיידע-באָבע | grandparents (*pl.*) |
| | די זײַט(ן) | side |
| * | זייערע | their (thing owned is *pl.*) |
| | חתונה-געהאַט | married (*adj.*) *[khasene]* |
| | חתונה האָבן (ה' געהאַט) | to get married, to marry |
| * | די טאָכטער (טעכטער) | daughter |
| * | ייִנגער | younger |
| | לעבן | near, beside, by |
| * | דער מאַן(ען)/מענער | husband |
| * | די מומע(ס) | aunt |
| * | דער מחותן(ים) | *[mekhutn-mekhutonim]* father of son/daughter-in-law; in pl. relative by marriage |
| * | די משפּחה (משפּחות) | *[mishpokhe(s)]* family |
| | נאָר | but |
| * | די סאָציאַליסטקע(ס) | socialist (*fem.*) |
| * | עטלעכע | several |
| * | עלטער | older |
| | די עלטערן | parents |
| * | די פּלימעניצע(ס) | niece |
| * | דער פּלימעניק(עס) | nephew |
| * | דער פֿעטער(ס) | uncle |
| | דער צד (צדדים) | side (of a family) *[tsad-tsdodim]* |
| * | די צרה (צרות) | problem, trouble *[tsore(s)]* |
| * | (דאָס) רוסלאַנד | Russia |
| * | רײַך | rich |
| * | די שוויגער(ס) | mother-in-law |
| * | די שוועסטער (שוועסטער) | sister |
| * | דאָס שוועסטערקינד(ער) | cousin |
| * | דער שווער(ן) | father-in-law |
| * | שווער-און-שוויגער | parents-in-law, mother-in-law and father-in-law |
| * | די שנור(ן/שניר) | daughter-in-law |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| that is, that means | הייסט עס |
| unfortunately | * צום באַדויערן |
| No evil eye (used like "knock wood" to fight off evil when mentioning stg. positive) | [kin ayn-(h)ore] * קיין עין־הרע |

## GRAMMAR

### I. Possessive Adjectives

Possessive adjectives modifying a singular noun are not declined. The adjective remains the same whether the noun modified is masculine, feminine, or neuter, and whether the possessor is masculine or feminine. These forms apply only when the possessive adjective precedes the noun.

| | | | |
|---|---|---|---|
| our book | אונדזער בוך | my book | מײַן בוך |
| your book | אײַער בוך | your book | דײַן בוך |
| their book | זייער בוך | his book | זײַן בוך |
| | | her book | איר בוך |

When the thing or person possessed is plural, add an ע to the possessive adjective. Again, the adjective remains the same whether the objects owned are masculine, feminine, or neuter, and whether the possessor is masculine or feminine.

| | | | |
|---|---|---|---|
| our books | אונדזערע ביכער | my books | מײַנע ביכער |
| your books | אײַערע ביכער | your books | דײַנע ביכער |
| their books | זייערע ביכער | his books | זײַנע ביכער |
| | | her books | אירע ביכער |

Sometimes, if the singular and plural form of the noun are identical as in:

| | |
|---|---|
| the finger, the fingers | דער פֿינגער, די פֿינגער |
| the sister, the sisters | די שוועסטער, די שוועסטער |

the possessive adjective will indicate whether the noun is singular or plural.

my finger, my fingers — מײַן פֿינגער, מײַנע פֿינגער

my sister, my sisters — מײַן שוועסטער, מײַנע שוועסטער

When the possessive adjective modifies a neuter noun, any other adjectives remain in the base form.

מײַן גוט קינד, מײַן רײַך שוועסטערקינד

## II. One of Someone's

You may have noticed the construction דער מאַמעס אַ שוועסטערקינד in line 24 of the Conversation. This means "one of mother's cousins," or "a cousin of mother." This construction implies that the possessor, i.e., די מאַמע, has more than one of the thing or person possessed, e.g., שוועסטערקינד. If you say דער מאַמעס שוועסטערקינד (mother's cousin), it is not clear whether she has just this one cousin or more than one. The pattern is:

| Thing or Person Possessed | Indefinite Article | Possessor |
|---|---|---|
| שוועסטערקינד | אַ | דער מאַמעס |
| She is one of Leah's nieces/a niece of Leah. פּלימעניצע. | אַ | זי איז לאהס |
| He is one of Mr. Gold's students/a student of Mr. Gold. תּלמיד. | אַ | ער איז לערער[3] גאָלדס |
| My cousin is one of Berl's friends/a friend of Berl. חבֿר. | אַ | מײַן שוועסטערקינד איז בערלס |

It is דער מאַמעס and not די מאַמעס because the possessor is in the dative case which you will learn in Lesson 9 B, p. 167. For now, learn to recognize the form. With names, the possessive is simply formed as it is in English: Name & ס (no apostrophe in most cases).

[3] In the non-Orthodox Yiddish world, teachers are often called לערערין, לערער, חבֿר or חבֿרטע. חבֿר and חבֿרטע actually mean friend or comrade.

**III. To Live: To Dwell and To Exist: לעבן and וווינען**

Yiddish distinguishes between the various usages of the English verb "to live." "To live" in the sense of to be alive, to exist, is לעבן. "To live" in the sense of "to dwell" is וווינען.

| | |
|---|---|
| 1. שמואל וווינט אין אַ הויז. | Shmuel lives in a house. |
| 2. זײַן מאַמע לעבט און זי וווינט אין תּל־אָבֿיבֿ. | His mother is alive and she lives in Tel-Aviv. |
| 3. זאָלסט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק! | May you live until [you are] 120! |
| 4. מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף. | We lived in a village. |
| 5. די באָבע האָט געלעבט ביז זיבעציק. | Grandmother lived until 70. |

## לידי: אונדזער ניגונדל

*ווערטער און מוזיק: נחום שטערנהײַם*

דעפּריין

1) האָבן מיר אַ ניגונדל
אין נחת און אין פֿריידן, (2)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין;
דאָס האָט נאָך געזונגען
די באָבע מיטן זיידן
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

אוי־אוי־אוי, אָט אַזוי זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פֿריילעכס, אַזאַ פֿריילעכס
זינגט זשע קינדער.
אָט אַזוי זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער
אַזאַ פֿריילעכס, לאָמיר אַלע גיין.

2) האָבן מיר אַ ניגונדל
זינגען מיר צוזאַמען, (2)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין;
דאָס האָט נאָך געזונגען
דער טאַטע מיט דער מאַמען[4]
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

3) האָבן מיר אַ ניגונדל
אין אַלץ און אין ברכה (2)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין;
דאָס האָט נאָך געזונגען
די גאַנצע משפּחה.
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

---

[4] די מאַמע and די באָבע are among the few feminine nouns that are declined in the dative. See Lesson 11A for a detailed explanation.

# יידיש: דאָס אַכטע קאַפּיטל




פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| such a | אַזאַ [in song אַזאַ] | satisfaction, pleasure | דאָס/דער נחת [nakhes] |
| now | אַצינדער: אַצינד[5] | tune [nigndl(ekh)]: | * דאָס ניגונגל(עך) |
| blessing [brokhe(s)] | * די ברכה (ברכות) | dim. of [nign-nigunim] | דער ניגון(ים) |
| whole, entire | * גאַנץ | joy, delight | די פֿרייד(ן) |
| past part. of to be | געווען: זײַן | cheerful tune or dance | דאָס פֿריילעכס(ן) |
| luck | * דאָס מזל [mazl] | together | * צוזאַמען |
| yet, still | נאָך | to sound, to ring | * קלינגען (געקלונגען) |

## EXERCISES

**I. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. די מומע וווינט אין שטוב. 2. דער פֿעטער קען ייִדיש. 3. די שוועסטער זינגען אַ ליד. 4. בײַ טאָג אַרבעט דער פּלימעניק. 5. איר פּלימעניצע זינגט שיין. 6. אַלץ טוט דער איידעם. 7. מע זאָגט דער טאָכטער, מע מיינט די שנור. 8. דער מחותּן האָט אַ קליינע שטוב. 9. זײַן שווער שרײַבט אַ בוך. 10. אוי, האָט ער אַ שוויגער! 11. מײַן משפּחה וווינט אומעטום. 12. אומעטום האָט איר שוועסטערקינדער. 13. די מומע נעמט דאָס געלט פֿאַר דער פּלימעניצע. 14. די מאַמע וויל צוויי זין, דער טאַטע וויל אַ טאָכטער. 15. דער שווער הייסט חיים-יאַנקל. 16. די באָבע האָט, קיין עין-הרע, אַ סך איניקלעך. 17. איר זענען שווער-און-שוויגער הײַנט. 18. די מאַמע וויל אַ שנור. 19. די טעכטער דאַרפֿן אַרבעטן. 20. דער פּלימעניק הערט וועגן דעם פֿעטער. 21. די זין זענען די טעכטער איין מאָל אין אַ גאָוועגע. 22. פֿון דער מאַמעס צד קען איך אַלע שוועסטערקינדער. 23. די שוויגער עסט דאָס פֿלייש.

---

[5] אַצינדער and אַצינד both mean "now." אַצינד is more common. Don't forget the synonyms איצט ,איצטער.

**II. Rewrite these sentences in the past tense - negative:**

**III. Fill in the possessive adjective that corresponds to the pronoun in parentheses:**

1. איך הער (זי)_____ קול.
2. מיר האָבן געוואָלט (מיר)______ וועטשערע.
3. (דו)____ פּלימעניצע איז, קיין עין-הרע, שיין.
4. (ער)_____ שוויגער האָט געווינט אומעטום.
5. (איך)____ שוויגער האָט געוואָלט שרײַבן אַ בוך וועגן (זי)____ משפּחה.
6. (זי)______ זיידע איז, צום באַדויערן, קראַנק.
7. (איר)______ פֿעדערס זײַנען אויף דעם טיש.
8. (ער)______ טאַטע האָט צוויי ברידער.
9. די מאַמע האָט נחת פֿון (זי)_____ זין.
10. איך האָב ליב (איך)______ צוויי שוועסטער.
11. מיר האָבן געגעסן (מיר)______ ברויט.
12. די עלטערע מענטשן האָבן ליב (זיי)______ דאָרף.
13. די סטודענטן האָבן גענומען (זיי)________ ביכער.
14. איך האָב געבראַכט (איך)______ העפֿטן.
15. ער האָט געזונגען (ער)_____ נײַע לידער.
16. (מיר)_____ נחת איז גרויס.
17. (איר)_____ לידער קלינגען שיין.
18. (זיי)______ גאַנצע משפּחה האָט געאַרבעט דאָרטן.
19. זי האָט גענומען (זי)_____ עפּלעך.
20. זײַ מוחל, איך האָב געגעסן (דו)_____ בולבעס.

**IV. Fill in the relative who corresponds to the description in parentheses. Use yourself as the point of reference. דער מאַמעס ברודער means my mother's brother.**

1. (דער מאַמעס שוועסטער) __________ האָט געווינט אין דער שטוב.
2. (דער מאַמעס ברודער) ___________ האָט געברענגט די עפּל.
3. (דעם זונס ווײַב) _____________ האָט געאַרבעט דאָרטן.
4. (דעם טאַטנס מאַמע) ____________ האָט געזונגען אַ סך ניגונים.
5. (דעם פֿעטערס טאָכטער) __________ האָט געוואָלט קומען.

6. (דעם מאַנס טאַטע) ____________ האָט געזען זײַנע חבֿרים.
7. (דעם מאַנס מאַמע) ____________ האָט געגעסן וועטשערע מיט דער משפּחה.
8. (דעם זונס ווײַב) ______________ האָט געוואָלט וווינען לעבן שיקאַגאָ.
9. (דער טאָכטערס שווער) __________ האָט געהייסן יצחק.
10. דאָנערשטיק קען (דער מומעס זון) __________ ניט קומען.
11. (דעם איידעמס מאַמע) __________ און (דער טאָכטערס מאַן) _______ רעדן ניט איינער צום צווייטן (to each other).

**V. Complete the story with the appropriate proverb from this lesson:**

1. יונה קומט אַהיים און זאָגט, ״מאַמע, וואָס איז דאָ צו עסן?״
די מאַמע ענטפֿערט, און זאָגט, ״עס איז דאָ פֿלייש און עפּל.״
״פֿלייש און עפּלז״ זאָגט יונה. ״וואָס פֿאַר אַ וועטשערע
(what kind of) איז דאָס.......

2. חנה טראַכט וועגן אירע זין. דער ייִנגערער זון איז אַ גוט
ייִנגל אָבער ער לערנט זיך ניט גוט. דער עלטערער זון האָט
שלעכטע חבֿרים און וויל וווינען אין אויסטראַליע. ״אַזוי גייט עס.״
טראַכט זי, .......

**VI. Translate into Yiddish:**

1. Ask my sisters!
2. My (The) aunt is still rich.
3. Yes, my (the) uncle has grandchildren.
4. The older brother has a clever wife.
5. Take the nephew to the (דעם) doctor.
6. The whole family sang tunes together.
7. Our family has lived everywhere.
8. One of mother's sisters (The mother's a sister) lived near Brooklyn.
9. My father-in-law, poor thing, lives alone.
10. Beyle had two married sisters.

# ORAL PRACTICE

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. ווו וווינען דײַן רײַכע מומע¹ און רײַכער פעטער?²
די רײַכע מומע¹ און דער רײַכער פעטער² וווינען אַצינד אין פּאַריז.
א) (פּלימעניצע,¹ פּלימעניק²)
ב) (שוואָגער,¹ שוועגערין²)

2. איז דײַן קלוגער ברודער¹ אַ גוטער מענטש?
יאָ, ער איז זייער אַ גוטער מענטש אָבער די שוועסטער² איז
ניט קיין גוטע.
א) (שווער,¹ שוויגער²)
ב) (מאַמע,¹ טאַטע²)

3. די עלטערן האָבן ליב דעם קליינעם¹ זון.
זיי האָבן אויך ליב דאָס קליינע¹ טעכטערל און די קליינע¹ פּלימעניצע.
א) (קלוג¹)
ב) (שיין¹)
ג) (גוט¹)

4. האָבן זיי געקענט דײַן קראַנקן שוואָגער?¹
ניין, אָבער זיי האָבן געקענט די קלוגע שוועגערין.²
א) (שוויגער,¹ שווער²)
ב) (ברודער,¹ שוועסטער²)

**VIII. Complete the dialogue:**

1. — ער ווייסט אַ סך וועגן זײַן משפּחה. ווי אַזוי האָט ער דאָס אַלץ
געלערנט?
— בוז ער......

2. — דאָ האָט אַ מאָל געוווינט אײן באָבע.
— האָסט געקענט דײַן באָבע?
— ........

3. — מזל־טובֿ (congratulations)! איך הער אַז דו האָסט אַ נײַע פּלימעניצע.
— יאָ, מײַן שוועסטער האָט געהאַט אַ מיידעלע, בין איך (so I am) דער פֿעטער.
— איז דאָס דײַן ערשטע פּלימעניצע אָדער ערשטער פּלימעניק?
— .......

**IX. Conversation Topics:**

1. You are travelling abroad and decide to call a long-lost distant relative who has never heard of you. Explain to him/her who you are, how you are related, and what you are doing in town.

2. You are travelling abroad and visit a relative. S/he wants to know about various members of the family. You discuss who is still alive and who is dead, where these various relatives live(d), and the state of their health.

# UNIT 8

## דאָס אַכטע קאַפּיטל

## לעקציע אַכט ב׳ LESSON 8B

# אשפּחה

# צוויי ברידער

***אַן אַגדה, לויט ייִדישע קינדער ג׳***

אַ מאָל האָבן געלעבט צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און ניט קיין קינדער. דער ייִנגערער ברודער האָט געהאַט אַ ווײַב מיט קליינע קינדער. בײדע ברידער זײַנען געווען אָרעם. זיי האָבן נאָר געהאַט אַ שטיקל ערד פֿון זייער פֿאָטער. זיי האָבן עס צוזאַמען באַאַרבעט.

ווען זיי האָבן געשניטן די תּבֿואה האָבן זיי געטיילט די גאַרבן העלפֿט אויף העלפֿט. זיי האָבן זיי געלייגט לעבן זייערע הײַזלעך.

איין נאַכט האָט דער עלטערער ברודער ניט געקענט שלאָפֿן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן ברודער, „מײַן ברודער האָט אַ ווײַב מיט זין און טעכטער, מײַנע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און איך בין אַליין, עס איז ניט ריכטיק וואָס איך נעם אַ העלפֿט פֿון דער תּבֿואה.“

אין מיטן נאַכט האָט ער גענומען אַ פּאַק גאַרבן און האָט אים געטראָגן צו זײַן ברודער אין שווערינס הויז.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער ייִנגערער ברודער אויך ניט געקענט שלאָפֿן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן ברודער, „עס איז אַ רחמנות אויף אים. איך האָב אַ ווײַב מיט קינדערלעך. זיי קענען מיר העלפֿן אויף דער עלטער, אָבער ער האָט ניט קיין זין אָדער קיין טעכטער און ניט קיין אייניקלעך. ער האָט ניט קיין אַנדערע ברידער און ניט קיין שוועסטער. ער איז נעבעך אַליין.“

## קינדער און קינדסקינדער פֿון
## דער משפּחה נעכאַמקין - ראָזענבערג, ניו-יאָרק, 1984



Descendants of the Nichamin - Rosenberg family, New York, 1984

גייט דער יינגערער ברודער, נעמט אַ פּאַק גאַרבן און טראָגט אים צו זײַן ברודערס הויז.

אויף מאָרגן זעען די ברידער אַז זיי האָבן די זעלבע צאָל גאַרבן. האָבן זיי זיך ביידע געוווּנדערט און גאָרניט געזאָגט.

די צווייטע נאַכט האָבן די ברידער נאָך אַ מאָל געטאָן דאָס זעלבע.

די דריטע נאַכט ווען די ברידער האָבן געטראָגן זייערע גאַרבן האָבן זיי זיך געזען אין מיטן וועג. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן געקושט.

מע זאָגט אַז מע האָט געבויט דעם בית-המיקדש אויף דעם אָרט ווו די ברידער האָבן זיך געטראָפֿן.

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| די אַגדה (אַגדות) *[agode(s)]* | legends |
| אים | him; it *(acc. + dat.)* |
| אָרעם | poor |
| באַאַרבעטן (באַאַרבעט) | to work on, to cultivate |
| ביידע | both |
| דער גאַרב(ן) | sheaf |
| געווען: זײַן | *past part. of* to be |
| * דאָס הויז (הײַזער): דאָס הײַזל(עך) | house: *dim. of* |
| * די העלפֿט(ן) | half |
| * העלפֿן (געהאָלפֿן) | to help |
| * וואָס | that *(conj.)* |
| וווּנדערן זיך (זיך געוווּנדערט) | to wonder |
| * דער וועג(ן) | road, way |
| * זיי | them *(acc. + dat.)* |
| * זעלב | same |
| טיילן (געטיילט) | to divide |
| * טראָגן (געטראָגן) | to carry |
| טרעפֿן זיך (זיך געטראָפֿן) | to meet |
| * די טרער(ן) | tear |
| * לויט | according to |
| * לייגן (געלייגט) | to lay, to put in lying position |
| * לעבן | near, beside, by |
| * מאָרגן | tomorrow |
| * דער מיטן(ס) | middle |
| * די ערד | earth; land, soil |
| דער פּאַק (פּעק) | pack, bundle |
| * דער פֿאָטער(ס) | father |
| די צאָל(ן) | amount |
| * צוזאַמען | together |
| * קושן (געקושט) | to kiss |
| דאָס רחמנות *[rakhmones]* | pity, compassion |

| | | | |
|---|---|---|---|
| to cut; to harvest | שנײַדן (געשניטן) | right, correct | ריכטיק |
| grain *[tvùe(s)]* | די תּבֿואה (תּבֿואות) | piece: | דאָס שטיקל(עך): |
| | | *dim. of* | דאָס (שטיק(ער) |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| in old age | אויף דער עלטער |
| the next day | אויף מאָרגן |
| to each other | * איינער צום צווייטן |
| in the middle of the road | * אין מיטן וועג |

## פֿראַגעס

1. וועלכער ברודער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און קינדער?
2. וואָס האָבן די ברידער געהאַט פֿון דעם טאַטן?
3. ווו האָבן די ברידער געלייגט זייערע גאַרבן?
4. פֿאַר וואָס האָט דער עלטערער ברודער ניט געקענט שלאָפֿן?
5. וואָס האָט ער געטאָן אין מיטן נאַכט?
6. פֿאַר וואָס האָט דער ייִנגערער ברודער רחמנות געהאַט אויף זײַן ברודער?
7. וואָס האָבן די ברידער געטאָן ווען זיי האָבן זיך געזען אין מיטן וועג?
8. וואָס האָט מען געבויט אויף דעם אָרט ווו די ברידער האָבן זיך געטראָפֿן?

## GRAMMAR

### I. Consecutive Word Order (So)

| | |
|---|---|
| My brother has two sons and a daughter | מײַן ברודער האָט צוויי זין און אַ טאָכטער, |
| so I have two nephews and a niece. | האָב איך צוויי פּלימעניקעס און אַ פּלימעניצע. |

| | |
|---|---|
| The older brother did not have a wife | דער עלטערער ברודער האָט ניט געהאַט קיין |
| and children, so he was alone. | ווײַב און קינדער, איז ער געווען אַליין. |

## ייִדיש: דאָס אַכטע קאַפּיטל

You have learned that the verb is always the second sentence unit. In the sentences above the inflected verb is the first word in the second (subordinate) clause. The second clause in each of these sentences uses the *consecutive word order*. The use of this word order implies *so / thus / therefore....* .

You may also begin a sentence with the *consecutive word order*. In this case, the *so* follows from the previous sentence.

| | |
|---|---|
| So the younger brother goes and takes a bundle of sheaves. | גייט דער ייִנגערער ברודער און נעמט אַ פּאַק גאַרבן. |

Note the difference between:

| | |
|---|---|
| I didn't have any money. | איך האָב ניט געהאַט קיין געלט. |
| So I didn't have any money. | האָב איך ניט געהאַט קיין געלט. |

Wherever עס is used as the impersonal or expletive subject of a sentence, it is dropped in the *consecutive word order*.

| | |
|---|---|
| It's cold outside. | 1. עס איז קאַלט אין דרויסן. |
| It's December now so it's cold outside. | 2. עס איז איצט דעצעמבער, איז קאַלט אין דרויסן. |
| My stomach hurts. | 3. עס טוט מיר וויי דער בויך. |
| I ate too much so my stomach hurts. | 4. איך האָב געגעסן צו פֿיל, טוט מיר וויי דער בויך. |

Where עס functions as the logical subject, i.e., where it refers to an antecedent neuter noun, עס is retained in the *consecutive word order* and is placed where the noun it refers to would have been placed.

| | |
|---|---|
| It's very expensive. | עס איז זייער טײַער. |
| The book is new, so it's very expensive. | דאָס בוך איז נײַ, איז עס זייער טײַער. |

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| The brothers had a piece of land from their father, so they cultivated it together. | 1. די ברידער האָבן געהאַט אַ שטיקל ערד פֿון זייער טאַטן, האָבן זיי עס צוזאַמען באַאַרבעט. |

| | |
|---|---|
| The older brother was thinking about his younger brother, so he couldn't sleep. | 2. דער עלטערער ברודער האָט געטראַכט וועגן דעם ייִנגערן ברודער, האָט ער ניט געקענט שלאָפֿן. |
| My daughter has a son, so I'm a grandmother. | 3. מײַן טאָכטער האָט אַ זון, בין איך אַ באָבע. |
| The sun is shining, so it's nice outside. | 4. די זון שײַנט, איז שיין אין דרויסן. |
| This is a holy place, so the Temple was built here. | 5. דאָס איז אַ הייליק (holy) אָרט, האָט מען דאָ געבויט דעם בית-המיקדש. |

## II. Article versus Possessive Adjective

In Unit 4 we learned that Yiddish generally uses the definite article rather than the possessive adjective with body parts when it is clear to whom these parts belong. Similarly, the definite article, rather than the possessive adjective, is used with family members when the possessive relationship is obvious.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| My head hurts me. | 1. עס טוט מיר וויי דער קאָפּ. |
| I'm putting my hands on my stomach. | 2. איך לייג די הענט אויף דעם בויך. |
| I have two brothers. My older brother lives in Winnipeg. | 3. איך האָב צוויי ברידער. דער עלטערער ברודער וווינט אין וויניפּעג. |
| How's your father? My father is well. | 4. וואָס מאַכט דער טאַטע? דער טאַטע איז געזונט. |
| Grandmother and grandfather still sang that. | 5. דאָס האָט נאָך געזונגען די באָבע מיטן זיידן. |
| Today I spoke to my sister. | 6. איך האָב הײַנט גערעדט מיט דער שוועסטער. |
| I am speaking to your sister. | 7. איך רעד מיט דײַן שוועסטער. |

## III. Adjectives used as Nouns

Sometimes adjectives may be used without nouns. The noun is implied and the adjective is inflected to agree with the implied noun.

| | |
|---|---|
| And the tired (man) and his limbs straightened out. | 1. און דער מידער מיט די גלידער האָט זיך אויסגעגלײַכט. פֿון "ברוך *אַתּה*," אַבֿרהם רייזען |

| | |
|---|---|
| 2. עס זײַנען געווען צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און קינדער. | There were two brothers. The older (brother) did not have a wife and children. |
| 3. איך האָב צוויי מומעס. די עלטערע, די קליגערע, וווינט אין פּאַריז. | I have two aunts. The older (one), the smarter (one) lives in Paris. |
| 4. דו ווילסט ניט זײַן קיין גאַסט צווישן אַלע טויטע. | You don't want to be a guest among all the dead (people). |

פֿון *"אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,"* איציק מאַנגער

## אַ ליד: די מחותּנים גייען

מאַרק וואַרשאַווסקי

1) די מחותּנים גייען, קינדער,
לאָמיר זיך פֿרייען – שאַט, נאָר, שאַט!
דער חתן איז גאָר אַ וווּנדער,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

*רעפֿריין:* אײַ אײַ אײַ אײַ.....

2) דעם חתנס שוועסטער פֿריידל,
זי דרייט זיך ווי אַ דריידל – שאַט נאָר שאַט.
נעמט זי אַרײַן אין רעדל,
און שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

אײַ אײַ אײַ אײַ....

3) אָט גייט דער פֿעטער מינדיק,
וואָס האָבן מיר געזינדיקט? שאַט נאָר שאַט.
ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

אײַ אײַ אײַ אײַ....

4) דאָרט גייט דעם חתן פֿעטער,
דאָס בײַכל גלעט ער — שאַט נאָר שאַט.
ער איז פֿעטער פֿון אַלע פֿעטערס.
שפּילט אַ לידעלע דעם חתן צו.
אײַ אײַ אײַ אײַ ...

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| wonder, marvel | * דער װוּנדער(ס) | turkey | דער אינדיק(עס) |
| to sin | זינדיקן (געזינדיקט) | to puff; to give oneself airs | בלאָזן זיך (זיך געבלאָזן) |
| [khosn-khasanim] bridegroom (to be) | * דער חתן(ים) | altogether, quite | גאָר |
| fat(ter) | פֿעט(ער) | to stroke | גלעטן (געגלעט) |
| to rejoice, to be glad | פֿרייען זיך (זיך געפֿרייט) | to turn, to spin | * דרייען זיך (זיך געדרייט) |
| hush! quiet! wait! | * שאַ(ט) | | |




פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

**More Cognates**

Here is a list of Yiddish words and their English cognates. Where the cognate is not synonymous with the literal translation of the word, the cognate is given in parentheses.

| | | | |
|---|---|---|---|
| fourth | דאָס פֿערטל | weather | דער וועטער |
| (blows) to blow | בלאָזן | (will) to want | וועלן |
| sun | די זון | wind | דער ווינט |
| warm | וואַרעם | to shine | שײַנען |
| clear | קלאָר | blue | בלוי |
| daughter | די טאָכטער | brother | דער ברודער |
| older, elder | עֶלטערער | son | דער זון |
| pack | דער פּאַק | alone | אַלײן |
| to help | העלפֿן | right | ריכטיק |
| sister | די שוועסטער | rich | רײַך |
| (small) narrow | שמאָל | broad | ברייט |
| | | (rucksack) back | דער רוקן |

# EXERCISES

**I. Make complete sentences out of each pair of clauses; put the second clause of each pair in the consecutive word order.**

1. (עס גייט אַ רעגן) + (ער נעמט אַ שירעם (umbrella)).
2. (די זון שײַנט) + (עס איז שיין אין דרויסן).
3. (די זון שײַנט) + (דער הימל איז בלוי).
4. (דער הימל איז בלוי) + (עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס).
5. (עס איז שיין אין דרויסן) +(די כעלעמער גייען שפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט).
6. (עס איז הײַנט חנוכּה) + (איר עסן לאַטקעס).
7. (דער שלעכטער מלך האָט געוואָלט אַז יעדער פֿאָלק זאָלן ווערן גריכיש) + (אַלע פֿעלקער האָבן אַזוי געטאָן).

8. (די ייִדן האָבן ניט געוואָלט דינען די גריכישע געטער) + (דער מלך איז געוואָרן אין כּעס).
9. (דער זיידע האָט געהאַט צוויי ברידער) + (איך האָב צוויי עלטער (great) - פֿעטערס).
10. (מײַן ברודער האָט צוויי טעכטער) + (איך האָב צוויי פּלימעניצעס).
11. (בערלס שוועסטערקינד וווינט אין דרום-אַפֿריקע) + (ער קען אים ניט).
12. (מײַן ווײַבס עלטערן לעבן) + (איך האָב אַ שווער און אַ שוויגער).
13. (די ברידער האָבן געוויינט) + (זיי האָבן טרערן אין די אויגן).
14. (מײַן ברודער האָט אַ ווײַב און קינדער) + (עס איז ניט ריכטיק וואָס איך נעם אַ העלפֿט פֿון דער תּבֿואה).

**II. Complete the sentence using the consecutive word order:**

1. עס טוט מיר ווי דער קאָפּ,
2. בערל האָט געהאַקט אַ טשײַניק,
3. די מומע איז אָרעם,
4. די עלטערע טאָכטער האָט געלייענט דאָס בוך,
5. די באָבע איז קראַנק,
6. די שוועסטער איז פֿאַרקילט,
7. איך לערן זיך ייִדיש,
8. די זין האָבן געוווינט מיט די עלטערן,
9. מיר עסן בולבעס וואַרעמעס און וועטשערע,

**III. Fill in the correct family member.**

1. איך האָב דרײַ קינדער, אַ טאָכטער און צוויי________. איך בין אויך אַ ________ (masc.) ווײַל מײַן שוועסטער האָט אַ זון. דאָס ייִנגעלע איז מײַן ________ און מײַנע קינדער זײַנען זײַנע ________.

2. מײַן מאַמעס מאַמע, דאָס הייסט, מײַן ________, האָט געוווינט לעבן ניו-יאָרק. איצט וווינט זי אין ניו-יאָרק לעבן מײַנע טאַטע-מאַמע. אירע ________. איר מאַן, מײַן ________, איז צום באַדויערן, געשטאָרבן. ער האָט מיך (me) ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם (own) ________ און ניט ווי קיין ________.

3. איך בין אַ באָבע. מײַן טאָכטער און ______ האָבן צוויי קינדער, און מײַן זון און ______ האָבן דרײַ ______ און איין טאָכטער. איך האָב, קיין עין-הרע, זעקס

(6) ______ . איך בין אויך אַ מומע און אַן עלטער (grand) - מומע. דעם מאַנס ברודער, דאָס הייסט, דער______, און זײַן ווײַב, מײַן ______, האָבן אַ סך קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך. איך האָב אַ סך ______ און ______.

**IV. Rewrite the exercise above. Wherever possible use the definite article instead of the possessive adjective.**

**V. Translate into Yiddish:**

1. The sisters put the grain near [the] house. The older [sister] could not sleep.
2. The very poor brother-in-law cultivated the soil.
3. Both sisters divided the potatoes in two equal halves (half on half).
4. The old grandfather had tears in his (the) eyes.
5. Once [there] was a poor grandmother. She lived in a little village.
6. Speak *(sg.)* Yiddish correctly.
7. My (The) nephew took a piece of bread.
8. The two brothers wanted the same amount [of] sheaves [of] grain.
9. One wants joy from children but sometimes (אַ מאָל) one has troubles.
10. The two sisters both said nothing to each other (one to the other).
11. I pity him (It's a pity on him). He lives alone and has nothing.
12. The daughter-in-law saw her mother-in-law in [the] middle [of the] road.
13. My (The) father gave us this piece [of] land.
14. The older brother thinks about the (דעם) younger brother.
15. One must help the poor.

**VI. Fill in the appropriate endings for the articles and adjectives:**

1. ד___ יונג___ פּלימעניק האָט ליב ד___ שיינ___ פּלימעניצע.
2. מיר האָבן געזען ד___ קלוג___ שווער.
3. איך האָב געהאַט אַן עלטער___ ברודער.
4. ד___ רײַכ___ זין האָבן געפֿרעגט עטלעכע גוט___ פֿראַגעס.
5. ד___ אָרעמ___ שוויגער וויל ד___ גײ___ טיש.
6. ד___ ייִנגער___ זון האָט אַ שיינ___ ווײַב.
7. ד___ רײַכ___ שוועסטערקינד האָט געווינט אומעטום.
8. ד___ טאַטע וויל ניט קיין אָרעמ___ איידעם.
9. מיר האָבן אַן אמת___ ייִדיש___ משפּחה.
10. ד___ שנור האָט קראַנק___ עלטערן.

11. ד___ צוויי זין טיילן ד___ תּבֿואה העלפֿט אויף העלפֿט.
12. ד___ גוט___ ברידער זעען זיך אין מיטן וועג.
13. ד___ עלטערער ברודער נעמט ד___ גרויס___ גאַרבן.
14. דער עלטער___ ברודער קושט ד___ ייִנגער___.

# ORAL PRACTICE

**VII. Rearrange these sentences putting the highlighted words first. Read aloud:**

1. צוויי ברידער האָבן אַ מאָל געוווינט אין אַ דערפֿל.
2. זיי האָבן באַאַרבעט די ערד צוזאַמען.
3. מע האָט געלייגט די גאַרבן לעבן הויז.
4. דער ייִנגערער ברודער האָט גענומען אַ פּאַק גאַרבן אין מיטן נאַכט.
5. „עס איז אַ רחמנות אויף אים," טראַכט דער ייִנגערער ברודער.
6. ער האָט געטראָגן אין האַנט אַ פּאַק גאַרבן.
7. זיי האָבן זיך געזעגנט אין מיטן וועג.
8. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן געקושט.
9. ער איז צום באַדויערן קראַנק.
10. איך האָב פֿון דער מאַמעס צד עטלעכע שוועסטערקינדער.
11. דער טאַטע האָט ניט קיין חתונה-געהאַטע טעכטער.
12. דער אָרעמער ברודער האָט נעבעך גרויסע צרות.
13. ער האָט געשריבן אַ בוך וועגן זײַן שטעטל.

# SUPPLEMENTARY READING

This song is more advanced than the rest of the lesson. However, it is very beautiful and popular and ties in with the theme of משפּחה. You may want to try it now - or, perhaps, a little later.

## אויפֿן וועג שטייט אַ בוים

**איציק מאַנגער**

1) אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער אײַנגעבויגן,
אַלע פֿייגל פֿונעם בוים
זײַנען זיך צעפֿלויגן.

2) דרײַ קיין מערבֿ, דרײַ קיין מיזרח,
און דער רעשט – קיין דרום,
און דעם בוים געלאָזט אַליין
הפֿקר פֿאַר דעם שטורעם.

3) זאָג איך צו דער מאַמען: – הער,
זאָלסט מיר נאָר ניט שטערן,
וועל איך, מאַמע, איינס און צוויי
באַלד אַ פֿויגל ווערן...

4) איך וועל זיצן אויפֿן בוים
און וועל אים פֿאַרוויגן
איבערן ווינטער מיט אַ טרייסט,
מיט אַ שיינעם ניגון.

5) זאָגט די מאַמע: -ניטע, קינד, –
און זי וויינט מיט טרערן –
– ווערסט חלילה אויפֿן בוים
מיר פֿאַרפֿרוירן ווערן.

6) זאָג איך: – מאַמע, ס'איז אַ שאָד
דײַנע שיינע אויגן, –
און איידער וואָס און איידער ווען,
בין איך מיר אַ פֿויגל.

7) וויינט די מאַמע: – איציק, קרוין,
זע, אום גאָטעס ווילן,
נעם זיך מיט אַ שאַליקל,
קענסט זיך נאָך פֿאַרקילן.

8) – די קאַלאָשן טו זיך אָן,
ס'גייט אַ שאַרפֿער ווינטער
און די קוטשמע נעם אויך מיט –
וויי איז מיר און ווינד מיר...

9) – און דאָס ווינטער-לײַבל נעם,
טו עס אָן, דו שוטה,
אויב דו ווילסט ניט זײַן קיין גאַסט
צווישן אַלע טויטע.

10) כ'הייב די פֿליגל, ס'איז מיר שווער,
צו פֿיל, צו פֿיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעטאָן
איר פֿייגעלע, דעם שוואַכן.

11) קוק איך טרויעריק מיר אַרײַן
אין מײַן מאַמעס אויגן,
ס'האָט איר ליבשאַפֿט ניט געלאָזט
ווערן מיר אַ פֿויגל...

12) אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער אײַנגעבויגן,
אַלע פֿייגל פֿונעם בוים
זײַנען זיך צעפֿלויגן....




פֿון מ׳יר טראָגן אַ געזאַנג

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| איבערן = איבער דעם | over the |
| אײַנגעבויגן | bent, bowed |
| באַלד | soon |
| דער בוים (ביימער) | tree |
| דער גאַסט (געסט) | guest |
| דרום *[dorem]* | south |
| הייבן (געהויבן) | to raise, to lift |
| הפֿקר *[hefker]* | abandoned *(adj. predicative)* |
| וויינען (געוויינט) | to cry |
| דער ווינטער(ן/ס) | winter |
| דאָס ווינטער-לײַבל(עך) | winter undershirt; jacket |
| די זאַך(ן) | thing |
| זיצן (איז געזעסן) | to sit |
| חלילה *[kholile]* | God forbid! |
| דער טויטער (טויטע) | dead (person) |
| טרויעריק | sadly |
| די טרייסט | comfort, consolation |
| לאָזן (געלאָזט) | to let, to allow |
| די ליבשאַפֿט | love, affection, fondness |
| דאָס לײַבל(עך) | undershirt, jacket |
| מיזרח *[mizrekh]* | east |
| מערבֿ *[mayrev]* | west |
| ניטע | don't |
| פֿאַרוויגן (פֿאַרוויגט) | to lull (to sleep) |
| פֿאַרפֿרוירן (דער פֿאַרפֿרוירענער) | frozen |
| פֿאַרקילן זיך (זיך פֿאַרקילט) | to catch cold |
| דער פֿויגל (פֿייגל) | bird |
| דער פֿליגל (פֿליגל/ען) | wing |
| צווישן | between, among |
| צו פֿיל | too many |
| צעפֿליִען זיך (זײַנען זיך צעפֿלויגן) | to fly in all directions |
| דער קאַלאָש(ן) | galosh, rubber *(n.)* |
| די קוטשמע(ס) | fur cap |
| (די) קרוין | crown *(affec.)* |
| דער/די/דאָס רעשט(ן) | rest |
| דאָס שאַליקל(עך) | scarf |
| שאַרף | sharp |
| שוואַך | weak |
| שווער | heavy, difficult |
| דער שוטה (שוטים) | fool *[shoyte-shoytim]* |
| דער שטורעם(ס) | storm |
| שטיין (איז געשטאַנען) | to stand |
| שטערן (געשטערט) | to bother, to hinder |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| אום גאָטעס ווילן | for God's sake |
| איידער וואָס און איידער ווען | before you know it |
| וויי איז מיר און ווינד מיר! | Woe is me! Alas and alack! |

ווען ער גיט איבער דעם רעפּאָרט
פֿון וועלטוועטער.

2) פּאַריז 63 (דרײַ און זעכציק), קלאָר,
לאָנדאָן 63 (דרײַ און זעכציק), וואָלקנדיק,
מעקסיקאָ 61 (איין און זעכציק), טיילווײַז פּאַרוואָלקנט,
פּאָרטאָריקאָ 79 (נײַן און זיבעציק), רעגן־

3) אַפּעלירט צו מיר מער
דער קלאָרער הימל אין פּאַריז,
ווי די זון דאָ אין ניו־יאָרק?
בענק איך אַרומצוגיין אין רעגן
ערגעץ ווו אין פּאָרטאָריקאָ?

4) איך וואַרט דער רעפּאָרטער זאָל מיר נאָך זאָגן
דאָס וועטער פֿון דעם לאַנד,
וואָס איז נישטאָ אויף דער מאַפּע,
נאָר וואָס וואַרט אויף מיר שוין לאַנג.

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| איבערגעבן | to report | בענקען (נאָך) | to miss, to long (for) |
| איין און זעכציק | sixty-one | גיין אָן ← אָנגיין | |
| * אין דרויסן | outside, outdoors | גיין אַרום ← אַרומגיין | |
| אָנגיין | to concern, to matter | * גלײַך | equally |
| אַפּעלירן | to appeal | געבן איבער ← איבערגעבן | |
| אַרומגיין | to go/walk around | דרײַ און זעכציק | sixty-three |
| בלאָזן | to blow | הײַנט | today |
| * בלוי | blue | דער הימל(ען) | sky |

| | |
|---|---|
| * דער וואָלקן(ס) | cloud |
| וואָלקנדיק | cloudy |
| * וואַרטן | to wait |
| * וואַרעם | warm |
| * דער ווינט(ן) | wind |
| * דער/דאָס וועטער(ן) | weather |
| * די זון(ען) | sun |
| טיילווײַז | partly |
| * (דער/דאָס) לאָנדאָן | London |
| * די מאַפּע(ס) | map |
| מחיה *(fem.) [mekhaye]* | pleasure, delight |
| (דער/די) מעקסיקאָ=מעקסיקע | Mexico |
| * מיינען | to think, to believe |
| נאָך | yet, still |
| * (דאָס) ניו-יאָרק | New York |
| נײַן און זיבעציק | seventy-nine |
| * ערגעץ ווו | somewhere |
| (דאָס) פּאָרטאָריקאָ | Puerto Rico |
| * (דאָס) פּאַריז | Paris |
| פֿאַראַיאָריק | last year's |
| פֿאַרוואָלקנט | cloudy |
| פֿײַערלעך | solemn |
| * קאַלט | cold |
| * דאָס קול (קולות) *[kol-koyles]* | voice |
| קלינגען | to ring, to sound |
| דער ראַדיאָ-אַנאָנסער(ס) | radio announcer |
| * דער רעגן(ס) | rain |
| דער רעפּאָרט(ן) | report |
| שוין | already |
| * שײַנען | to shine, to beam |
| * דער שניי(ען) | snow |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| * אין דרויסן | outside |
| גאָט זאָל אָפּהיטן! | God forbid! |
| * ווי איז אין דרויסן? | How's the weather? What's it like outside? |
| * זײַ(ט) מוחל *[moykhl]* | Excuse me |
| * עס בלאָזט (ניט) אַ (קיין) ווינט. | A wind is (not) blowing. |
| * עס גייט (ניט) אַ (קיין) רעגן. | It is (not) raining. |
| * עס שײַנט (ניט) די זון. | The sun is (not) shining. |

# אַ רעגן אין כעלעם

1. צוויי כעלעמער ייִדן גייען אַ מאָל שפּאַצירן אויף
2. דער פֿרישער לופֿט. עס איז אַ שיינער און וואַרעמער טאָג.
3. עס שײַנט די זון און עס בלאָזט ניט קיין ווינט. עס גײַנען

4. ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. איז אַ מאָל, הייבט אָן צו
5. רעגענען. "גיך," זאָגט איין כעלעמער צום צווייטן, "עפֿן
6. גיך אויף דײַן שירעם."
7. "עס וועט גאָרניט העלפֿן," ענטפֿערט דער צווייטער, "אין
8. שירעם איז פֿול מיט לעכער."
9. "נו, אויב אַזוי," פֿרעגט אים דער ערשטער כעלעמער,
10. "פֿאַר וואָס טראָגסטו דעם שירעם?"
11. "איך האָב ניט געמיינט אַז עס גייט הײַנט רעגענען,"
12. ענטפֿערט אים דער צווייטער.

## פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער!

1. איין כעלעמער זאָגט צו אַ צווייטן, "פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער, עס איז
2. קאַלט אין דרויסן."
3. ענטפֿערט אים זײַן חבֿר, "און אַז איך פֿאַרמאַך דעם פֿענצטער וועט זײַן
4. וואַרעם אין דרויסן?"

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| אויפֿעפֿענען | to open up | דער/די לאָך (לעכער) | hole |
| * אַ מאָל | once | * די לופֿט | air |
| * גאָרניט | (not) at all | מיט אַ מאָל | suddenly, all at once |
| * גיך | fast, quick | עפֿענען אויף ← אויפֿעפֿענען | |
| * העלפֿן | to help | * פֿאַרמאַכן | to close |
| זײַן | his | * פֿול | full |
| (דאָס) כעלעם | Chelm, a city in Poland; in Jewish folklore, a town inhabited by fools | * דער/דאָס פֿענצטער | window |
| | | * פֿריש | fresh |
| | | * צו | to |
| * דער כעלעמער (כעלעמער) | a resident of Chelm | דער שירעם(ס) | umbrella |
| | | שפּאַצירן | to walk, to take a walk |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| in the fresh air | * אויף דער פֿרישער לופֿט |
| to go for a walk | גיין שפּאַצירן |
| It won't help at all, It's no use | * עס וועט גאָרניט העלפֿן |

## GRAMMAR

### I. Imperative (Command Form)

The singular of the imperative is identical to the base of the verb. Simply subtract ן or ען from the infinitive.

| | |
|---|---|
| Sing a song. | זינג אַ ליד. |
| Eat the potatoes. | עס די בולבעס. |
| Be a decent human being./Behave well. | זײַ אַ מענטש. |

The plural or singular formal of the imperative is identical to the second person plural form of the verb in the present tense.

זינגט אַ ליד.
עסט די בולבעס.
זײַט מענטשן.

In Yiddish, as in English, the pronouns are omitted in the imperative.

There is also a first person plural imperative as in "Let's go, let's see," etc. This is formed by using לאָמיר meaning "let us/let's" plus the infinitive.

| | |
|---|---|
| Let's sing a song. | לאָמיר זינגען אַ ליד. |
| Let's eat the potatoes. | לאָמיר עסן די בולבעס. |
| Let's behave well. | לאָמיר זײַן מענטשן. |

To form the negative imperative simply add ניט after the verb:

זינג ניט, זינגט ניט, לאָמיר ניט זינגען

| 1st Person Plural | Plural/Singular Formal | Singular |
|---|---|---|
| לאָמיר ניט זינגען קיין לידער. | זינגט ניט קיין ליד. | זינג ניט קיין ליד. |
| לאָמיר ניט עסן די בולבעס. | עסט ניט די בולבעס. | עס ניט די בולבעס. |
| לאָמיר ניט זײַן קיין קינדער. | זײַט ניט קיין קינדער. | זײַ ניט קיין קינד. |

## II. Use of עס as a Subject

You may have noticed the use of the word **עס** in sentences like:

| | |
|---|---|
| It is nice outside. | **עס איז שיין אין דרויסן.** |
| Yes, it is warm today. | **יאָ, עס איז הײַנט וואַרעם.** |

Here the **עס** (it) is used much like "it" would be used in English. In these sentences there is no logical subject; that is to say, the **עס** does not refer back to any concrete or definable "it." The pronoun **עס** serves as the formal impersonal subject. If, however, the sentence begins with another sentence unit (other than an interjection), the **עס** disappears. Observe how the sentences above are transformed when this is done.

**אין דרויסן איז שיין.**
**יאָ, הײַנט איז וואַרעם.**

However, there is a logical subject in sentences like:

| | |
|---|---|
| It is snowing. | **1. עס גייט אַ שניי.** |
| It is raining. | **2. עס גייט אַ רעגן.** |
| My back hurts. | **3. עס טוט מיר וויי דער רוקן.** |
| My eyes hurt. | **4. עס טוען מיר וויי די אויגן.** |
| Yes, the sun is shining. | **5. יאָ,עס שײַנט די זון.** |

The logical subjects are respectively, **אַ שניי, אַ רעגן, דער רוקן, די אויגן, די זון**. The logical subject is placed after the verb if **עס** takes its place before the verb as the formal subject. In this function **עס** is called *expletive* because it fills the place normally occupied by the subject.

There is no difference in meaning between **עס שײַנט די זון** and **די זון שײַנט**. They are merely alternative ways of saying the same thing. Here again, if the sentence does not begin with **עס**, it must disappear. **עס** is used only at the beginning of a sentence.

1. אַ שניי גייט.
2. אַ רעגן גייט.
3. דער רוקן טוט מיר ווײ.
4. די אויגן טוען מיר ווײ.
5. יאָ, די זון שײַנט.

There will be more about עס as a subject in Lesson 10B.

## III. Adverbs Formed from Adjectives

Many adverbs describing how something is done are formed from adjectives. The process is simple. The adverb is identical to the base form of the adjective.

| | |
|---|---|
| Yosl walks quickly. | יאָסל גייט גיך. |
| The children sleep calmly. | די קינדער שלאָפֿן רויִק. |
| Miri writes beautifully. | מירל שרײַבט שיין. |
| Khayim does not speak clearly. | חיים רעדט ניט קלאָר. |

## IV. More about the Present Tense

### A. Modal Verbs

You now know just about everything there is to know about Yiddish verbs in the present tense. There are, however, a few exceptions to the rules you have learned.

The third person singular of modal (pertaining to mood or manner) verbs such as מוזן (must), זאָלן, דאַרפֿן (should), קענען and וועלן does not end in ט as you would expect. It is identical to the first person singular of the verb.

| | |
|---|---|
| he/she/it/one wants | ער/די/עס/מע וויל |
| he/she/it/one has to | ער/זי/עס/מע דאַרף |
| he/she/it/one should | ער/זי/עס/מע זאָל |
| he/she/it/one can | ער/זי/עס/מע קען |
| he/she/it/one must | ער/זי/עס/מע מוז |

When these modal verbs are followed by an infinitive, you do not use צו before the infinitive. For example:

We want to walk in the fresh air. מיר ווילן שפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט.

For more about verbs plus infinitive see Lesson 10B.

**B. Specific Endings**

If the base of the verb (in most cases, this is also the first person singular) ends in נק, נג, ן, ם, or syllabic ל, the infinitive ends in ען as do the first person plural and third person plural.

| *Infinitive* | *1st &3rd Pers. Pl. + Inf.* | *1st Pers. Sg.* |
|---|---|---|
| to live | מיר/זיי וווינען | איך וווין |
| to come | מיר/זיי קומען | איך קום |
| to sing | מיר/זיי זינגען | איך זינג |
| to drink | מיר/זיי טרינקען | איך טרינק |
| to smile | מיר/זיי שמייכלען | איך שמייכל |

**C. Irregular Infinitives**

Although the infinitive is usually identical to the first and third person plural (which are always identical to each other), this is not the case for some verbs that have irregular infinitives. Some of the most common are:

| | | |
|---|---|---|
| to see | זען. | מיר זעען, זיי זעען |
| to go | גיין. | מיר גייען, זיי גייען |
| to want | וועלן.* | איך וויל, דו ווילסט, ער/זי וויל, מיר ווילן, איר ווילט, זיי ווילן |
| to be | זײַן. | איך בין, דו ביסט, ער/זי איז, מיר זײַנען, איר זײַט, זיי זײַנען |
| to give | געבן.* | איך גיב, דו גיסט, ער/זי גיט, מיר גיבן, איר גיט, זיי גיבן |
| to do | טאָן.* | איך טו, דו טוסט, ער/זי טוט, מיר טוען, איר טוט, זיי טוען |
| to know | וויסן.* | איך ווייס, דו ווייסט, ער/זי ווייסט, מיר ווייסן, איר ווייסט, זיי ווייסן |

* Note the vowel change in the verbs וועלן, געבן, טאָן and וויסן which have been conjugated in full.

Learn the imperative of these verbs:

| *Infinitive* | *Imper. Sg.* | *Imper. Pl.* |
|---|---|---|
| זען | זע | זעט |
| גיין | גיי | גייט |
| וועלן | וויל | ווילט |
| זײַן | זײַ | זײַט |

| *Infinitive* | *Imper. Sg.* | *Imper. Pl.* |
|---|---|---|
| געבן | גיב | גיט |
| טאָן | טו | טוט |
| וויסן | ווייס | ווייסט |
| | זײַ וויסן | זײַט וויסן |

# אַ ליד: אַבי געזונט

מאָלי פּיקאָן

מוזיק: אַבֿרהם עלשטיין

1) אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן
אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
אַבי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

2) אַ שוך, אַ זאָק
אַ קלייד אָן לאַטעס,
אין קעשענע, אַ דרײַ-פֿיר זלאָטעס,
אַבי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

3) די לופֿט איז פֿרײַ
פֿאַר יעדן גלײַך,
די זון זי שײַנט פֿאַר יעדן איינעם
אָרעם אָדער רײַך,
רײַך, רײַך, רײַך.

4) אַ ביסל פֿרייד, אַ ביסל לאַכן,
אַ מאָל מיט פֿרײַנד אַ שנעפּסל מאַכן,
אַבי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

The following verses may be beyond your level. You may stop here, or attempt to learn the whole song.

5) איינער זוכט עשירות,
איינער זוכט גבֿירות,
אײַננעמען די גאַנצע וועלט,
איינער מיינט דאָס גאַנצע גליק
הענגט נאָר אָפּ אין געלט.

6) זאָלן אַלע זוכן,
זאָלן אַלע קריכן,
נאָר איך טראַכט בײַ מיר,
איך דאַרף עס אויף כּפּרות
ווײַל דאָס גליק שטייט בײַ מײַן טיר.

7) אַ ביסל זון, אַ ביסל רעגן
אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
אַבי געזונט
קען מען גליקלעך זײַן.

# ייִדיש: דאָס זעקסטע קאַפּיטל



## ייִדיש: דאָס זעקסטע קאַפּיטל



*Great Songs of the Yiddish Theater,* arranged and selected by N.H.Warembud. Quadrangle The N.Y. Times Book Co. *Abi Gezunt,* Copyright © 1939 by Ethnic Music Publishing Co. (Renewed) by Music Sales Corporation (ASCAP) / International copyright secured. All rights reserved. Reprinted by permission.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| * אַ ביסל | a little, a bit |
| אײַנגעמען | to conquer |
| אײנעם | one, one person: *(masc. acc. & masc. & neut. dat. of* אײנער*)* |
| אײנער | one, one person *(masc. pron.)* |
| אָן | without |
| אָפּהענגען | to depend on |
| דאָס/דער אָרט (ערטער) | space, spot |
| אָרעם | poor |
| * דאָס ביסל(עך) | bit |
| גאַנץ | whole, entire |
| דאָס גבֿירות *[gvires]* | wealth, riches |
| דאָס גליק(ן) | good fortune, good luck |
| * גליקלעך | happy, fortunate |
| דאָס געלט | money |
| הענגען אָפּ ← אָפּהענגען | |
| די זאָק(ן) | sock |
| זוכן | to look for, to seek |

| | |
|---|---|
| די זלאָטע(ס) | zloty (Polish currency) |
| די טיר(ן) | door |
| יעדן: | each: *masc. acc. & masc. & neut. dat.* of יעדער |
| יעדער | each |
| די כּפּרה (כּפּרות) | *[kapore(s)]* a penitential offering representing scapegoat in pre-Yom Kippur atonement ceremony. May be fowl, fish, or money. |

| | |
|---|---|
| לייגן | to lay |
| נאָר | but, only |
| דאָס עשירות *[ashires]* | wealth, riches, fortune |
| פֿיר | four |
| פֿרײַ | free |
| די פֿריידן) | joy, delight |
| די קעשענע(ס) | pocket |
| * קריכן | to crawl |
| רויִק | quiet, calm |
| דער שוך (שיך) | shoe |
| שטיין | to stand |
| דאָס שנעפּסל(עך): דער שנאַפּס(ן) | a shot of liquor or whisky: *dim. of* |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| (דאַרפֿן) אויף כּפּרות *[kapores]* | to have no use for |
| מאַכן אַ שנעפּסל | to take a drink |

## EXERCISES

**I. Fill in the imperative form of the verb in parentheses:**

1. די מאַמע זאָגט צו דודן, "(האַקן) _____ ניט קיין טשײַניק. (נעמען) _____ אַן עפּל און (גיין) _____ שלאָפֿן."
2. דער טאַטע זאָגט צו די קינדער, "(לערנען) _____ זיך גוט. (רעדן) _____ ייִדיש און (געדענקען) _____ דעם אַלף־בית."
3. "פֿרײַנד גיל, (זײַן) _____ אַזוי גוט, (ברענגען) _____ מיר אַן עפּעלע און אַ ניסעלע. (געבן) _____ מיר אויך אַ בייגל," זאָגט דאָס ייִנגל.
4. דער לערער און די סטודענטן זאָגן, "(וואַרטן) _____ און (הערן) _____ די נײַעס; (וויסן) _____ ווי עס איז אין דרויסן איידער מיר גייען. (נעמען) _____ אַלץ וואָס מיר דאַרפֿן."

**II. Rewrite these sentences using עס:**

1. די זון שײַנט.
2. אַ רעגן גייט.
3. אין דרויסן איז שיין.
4. אין דרויסן בלאָזט אַ ווינט.
5. דער לינקער אַקסל טוט מיר וויי.
6. די אויערן טוען מיר אויך וויי.
7. וואָלקנס זײַנען דאָ אין הימל.
8. קיין ווינט בלאָזט ניט.
9. הײַנט איז אַ קאַלטער טאָג אין פּאַריז.
10. אַ שניי גייט.
11. ערגעץ ווו איז וואַרעם אין דרויסן.

**III. Rewrite this paragraph correcting all the mistakes. There are 14 mistakes.**

דאָס קלוגער ייִנגל און קלוגע מיידל רעדטן וועגן וועטער. זיי ווילן אַ שיינער קלאָרער טאָג. איצט עס שײַנט די זון אָבער איצט עס איז קאַלט אין דרויסן. זיי זען גרויסער וואָלקנס אין הימל. אַ רעגן עס גייט. זיי האָבן ניט קיין ליב דער רעגן. זיי ווילן זעען אַ קלאָרער בלויער הימל.

**IV. Fill in the correct form of the verb in parentheses:**

1. זײַ מוחל, מיר (וועלן)_____ פֿרעגן אַ פֿראַגע.
2. זײַט מוחל, מע (דאַרפֿן) _____ גיין.
3. זיי (גיין) _____ אין דאָרף.
4. דער טאַטע (קענען)_____ זינגען און די מאַמע (קענען) _____ טאַנצן.
5. זי (וועלן) ___ עסן וואַרעמעס אָדער וועטשערע מיט זיי.
6. מע (דאַרפֿן) _____ אַ נײַעם שירעם.
7. זיי (זען) _____ די שיינע לערערין.
8. מע (מוזן) _____ האָבן אַ נײַעם טיש.
9. מײַנע קינדער (קענען) _____ ניט געדענקען דעם אַלף-בית.
10. די כעלעמער (זײַן) _____ ניט קלוג.
11. מיר (וועלן) _____ וויסן.
12. מיר (זען) _____ די שטוב.
13. ער (געבן) _____ זיי די געלע ביכער.
14. דו (געבן) _____ אים אַ פֿעדער.
15. זיי (געבן) _____ די קינדער געלט.

16. איר (זײַן) ______ קראַנק.
17. דאָס קינד (דאַרפֿן) ________ טרינקען.
18. איך (טאָן) ______ וואָס איך דאַרף טאָן.
19. ווער (וויסן) ______ וואָס צו טאָן?
20. איר (וויסן) ______ ניט ווו צו פֿאָרן.
21. דער קראַנקער מענטש (וועלן) _______ אַ רויִק אָרט דעם קאָפּ צו לייגן.

**V. Translate into Yiddish:**

1. Take the umbrella. It (he) is on the table.
2. I long for (after) my child.
3. Two men from Chelm are taking a walk.
4. There are no clouds in [the] sky.
5. Good-bye (Be well), Dr. Gold.
6. Good-bye, Reyzl.
7. There is a window in [the] door.
8. The sky is blue and clear.
9. Open the window and close the door.
10. I love the fresh air. A pleasure!
11. Please take the children to the doctor.
12. Wait for (on) the little girls.
13. I need a quiet place to lay my (the) head.

**VI. Replace the dashes by the proper article and adjective endings:**

1. מיר זעען ד ______ בלוי ______ הימל.
2. עס זײַנען דאָ גרויס___ וואָלקנס אין הימל.
3. מיר האָבן ליב ד ___ שיינ ___ זון.
4. דער אַנאָנסער האָט אַ הויכ ____ קול.
5. זיי ווילן אַ גוט___ רעגן.
6. די קינדער האָבן ניט ליב דאָס נאַריש___ ייִנגל.
7. מיר זעען ד___ ניַ___ שיינ___ שניי.
8. איך בענק נאָך ד___ זוניק___ טעג.
9. איר זוכט אַ רויִק___ אָרט.
10. ער האָט אַ גוט___ קאָפּ.
11. דער אָרעמ___ מענטש האָט אַ קליינ___ קעשענע מיט גרויס___ לעכער.
12. מיר הערן ד___ קלוג ____ חבֿר.

**VII. Translate into Yiddish:**

1. The student does not think clearly.
2. The teacher can sing high.
3. The rebbe must speak loudly (high).
4. The boy speaks Yiddish well.
5. I am waiting long (on) for my friend.
6. The girls sing low.
7. The rich brother writes beautifully.
8. We eat well.
9. You have to eat supper quickly.
10. I cannot walk straight.
11. The old person does not stand straight.
12. The child sleeps quietly.
13. The teacher speaks briefly (short).
14. The students do not learn well.

## ORAL PRACTICE

**VIII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

.1 – האָסטו אַ גרינעם[1] שירעם?
– ניין, איך האָב ניט קיין גרינעם[1] שירעם אָבער איך האָב אַ בלויען[2].

א) (ניַ,[1] אַלט[2])　　ב) (גרויס,[1] קליין[2])

.2 – פֿאַרמאַך דעם קליינעם פֿענצטער.[1]
– אָבער דער פֿענצטער[1] איז שוין פֿאַרמאַכט.

א) (פֿענצטערל[1])　　ב) ((די) טיר[1])

.3 – עס איז דאָ אַ וואָלקן[1] אין הימל.
– יאָ, און עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט.[2]

אַ) (וואָלקנס,[1] ווינטן[2])

4. – זעסטו חײמען[1] אין דרויסן?
– יאָ, איך זע חײמען.[1] ער רעדט מיט דודן.[2] ער גייט שפּאַצירן מיט דודן[2]
אויף דער פֿרישער לופֿט.

א) (בערל,[1] יאָסל קאַלאַמײַ[2]) ב) (סענדער,[1] רחל[2])

**IX. Complete the dialogue:**

1. – ווי איז אין דרויסן הײַנט, חנה?
– ס'איז זייער אַ שיינער טאָג.
– אָבער איך זע ניט די זון.
– יאָ, אָבער.....

2. – האָסטו ליב אַז עס גייט אַ שניי?
– יאָ, איך האָב ליב אַז עס גייט אַ שניי.
– אָבער עס איז קאַלט אַז עס גייט אַ שניי.
– יאָ, אָבער איך האָב ליב אַז עס גייט אַ שניי,
ווײַל.......

3. – זײַ מיר מוחל, וואָס זאָגט דער ראַדיאָ-אַנאָנסער וועגן דעם
וועטער הײַנט?
– ער זאָגט אַז .....

**X. Weather Report:**
Pretend you are a weather forecaster. Give the weather report for:
a) a winter day in Moscow.
b) a summer day in Jerusalem.
c) a fall day in New York.

**XI. Conversation Topics:**

1. You are a parent getting your child(ren) ready for school. Tell him/her (using the imperative form as much as possible) what s/he must do before leaving for school, what s/he must take, how to go to school, and how to behave in class.

2. You and your friend(s) are planning a wind-up activity for your club. The program you choose is very much contingent on the weather. You prefer an outdoor activity but are concerned that the weather may not co-operate. Discuss.

די לערערין שבֿע צוקער(לינקס) און די סטודענטקע אַניאַ שטערנשיס אויף אַ חנוכּה-שׂימחה פֿון דער פּראָגראַם פֿאַר ייִדישע לימודים בײַ דעם רוסישן מלוכה-אוניווערסיטעט פֿאַר הומאַניסטיק, מאָסקווע 1992



Yiddish teacher Sheva Zucker (left) and student Anya Shternshis at a Hanukkah party for the students of Project Judaica at Russian State Humanities University, Moscow 1992

# UNIT 7

## דאָס זיבעטע קאַפּיטל

# די אשה פֿון חנוכה[1]

אַ מאָל האָבן ייִדן געוווינט אין זייער לאַנד ארץ-ישׂראל, אָבער אין דעם לאַנד האָבן אַ צײַט געהערשט די גריכן. די גריכן האָבן געהאַט אַ שלעכטן מלך וואָס האָט געהייסן אַנטיוֹכוס עפּיפאַנעס. ער האָט געוואָלט אַז אַלע פֿעלקער אין זײַן אימפּעריע זאָלן ווערן גריכן און דינען גריכישע געטער. אַלע פֿעלקער האָבן געטאָן ווי ער האָט געזאָגט אָבער ניט די ייִדן. זיי האָבן געוואָלט לעבן אַזוי ווי זייערע אָבֿות האָבן געלעבט און געוואָלט היטן די געזעצן פֿון דער תּורה און דינען דעם ייִדישן גאָט.

דער שלעכטער מלך איז געוואָרן אין כּעס און האָט געשיקט סאָלדאַטן קיין ארץ-ישׂראל. די גריכן האָבן אַרײַנגעשטעלט אַ געץ אין בית-המיקדש און געהייסן די ייִדן דינען גריכישע געטער.

האָבן ייִדן געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד. אין שטעטל מודיעין האָט געוווינט אַ ייִד וואָס האָט געהייסן מתתיהו דער חשמונאַי. ער האָט געהאַט פֿינף שטאַרקע העלדישע זין. זײַן זון יהודה איז געוואָרן דער פֿירער. מע האָט אים גערופֿן יהודה המכּבי (דער האַמער) ווײַל ער האָט געשלאָגן די גריכן ווי אַ האַמער. ער האָט געשאַפֿן אַ ייִדישע אַרמיי. עס איז געווען אַ קליינע אַרמיי אָבער אַ העלדישע.

---

[1] If you get to this reading and it is nowhere near Hanukkah, you may want to move ahead and come back to it at a more appropriate time. Before you go on to the next lesson, make sure to cover the grammar on p. 111 – The Past Tense. You may also want to do the Review Exercises.

יהודה המכּבי און זײַן אַרמײ האָבן פֿאַרטריבן דעם מלכּס סאָלדאַטן פֿון ירושלים.

זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן די געצן פֿון בית-המיקדש און ריין געמאַכט דעם בית-המיקדש אַזוי ווי פֿריִער. דערנאָך האָבן זיי געמאַכט אַ יום-טובֿ. דאָס איז דער יום-טובֿ חנוכּה. חנוכּה מיינט באַנײַונג.

אין בית-המיקדש איז געווען אַ מנורה. האָט מען געזוכט בוימל אָנצוצינדן די מנורה. מע האָט געפֿונען נאָר איין קריגעלע מיט ריינעם בוימל וואָס איז געווען גענוג אויף איין טאָג. אָבער עס האָט געטראָפֿן אַ נס. דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג, דערפֿאַר איז חנוכּה אַ יום-טובֿ פֿון אַכט טעג.

מיר צינדן ליכט יעדע נאַכט. מען עסט לאַטקעס, מע שפּילט אין דריידל, קינדער קריגן חנוכּה-געלט, און מע ווינטשט זיך "אַ פֿריילעכן חנוכּה!"

## פֿראַגעס

1. ווו האָבן ייִדן אַ מאָל געוווינט? 2. ווער האָט געהערשט אין ארץ-ישׂראל? 3. ווי האָט געהייסן דער שלעכטער מלך? 4. וואָס האָט אַנטיוכוס געוואָלט? 5. פֿאַר וואָס האָבן די ייִדן ניט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט? 6. וואָס האָט דער מלך געטאָן? 7. ווער האָט געוווינט אין מודיעין? 8. פֿאַר וואָס האָט מען גערופֿן יהודהן "יהודה המכּבי"? 9. וואָס האָבן יהודה און זײַן אַרמײ געטאָן? 10. וואָס מיינט "חנוכּה"? 11. פֿאַר וואָס איז חנוכּה אַ יום-טובֿ פֿון אַכט טעג?

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| די אָבֿות *[oves]* | ancestors, forefathers |
| אויף | for |
| * אַזוי ווי | like, how |
| די אימפּעריע(ס) | empire |
| * אין כּעס *[kas]* | anger |

| | |
|---|---|
| אַ מאָל | formerly, once (upon a time) |
| אַנטיאָכוס עפּיפֿאַנעס *[Antiokhus Epifanes]* | Antiochus Epiphanes |
| * אָנצינדן (אָנגעצונדן) | to light, to kindle |
| אַרויסגעוואָרפֿן | *past part. of* אַרויסוואַרפֿן to throw out |
| אַרײַנגעשטעלט | *past part. of* אַרײַנשטעלן to put in |
| די אַרמיי(ען) | army |
| (דאָס) ארץ-ישׂראל *[Erets-Yisroel]* | Land of Israel, Palestine |
| די באַנײַונג(ען) | renewal |
| * דער בוימל(ען) | oil (edible) |
| * דער/דאָס בית-המיקדש *[beysamigdesh]* | the temple built by King Solomon |
| * דער גאָט (געטער) | god (gods) |
| * געברענט | *past part. of* ברענען to burn |
| * געהאַט | *past part. of* האָבן to have |
| געהערשט | *past part. of* הערשן to rule |
| * געוואָלט | *past part. of* וועלן to want |
| געוואָרפֿן אַרויס ← אַרויסגעוואָרפֿן | |
| געוווינט | *past part. of* וווינען to live, to dwell |
| * געווען | *past part. of* זײַן to be |
| * געזאָגט | *past part. of* זאָגן to say |
| געזוכט | *past part. of* זוכן to look for, to seek |
| דאָס געזעץ(ן) | law |
| * געטאָן | *past part. of* טאָן to do |
| געטראָפֿן | *past part. of* טרעפֿן to happen |
| * געמאַכט | *past part. of* מאַכן to make |
| גענוג | enough |
| דער געץ(ן) | idol |
| גערופֿן | *past part. of* רופֿן to call |
| געשאַפֿן | *past part. of* שאַפֿן to create, to raise (an army) |
| געשטעלט אַרײַן ← אַרײַנגעשטעלט | |
| * געשיקט | *past part. of* שיקן to send |
| געשלאָגן | *past part. of* שלאָגן to hit, to fight |

| | |
|---|---|
| דער גריך(ן) | Greek person |
| דינען (געדינט) | to worship, to serve |
| * דערנאָך | afterwards |
| דערפֿאַר | therefore |
| דאָס דריידל(עך) | *dreydl*, Hanukkah top |
| דער האַמער(ס) | hammer |
| היטן (געהיט) | to keep, to observe |
| העלדיש | heroic |
| ווינטשן (געווונטשן) | to wish (someone) |
| * ווערן (געוואָרן) | to become |
| * זאָלן (געזאָלט) | should |
| * דער זון (זין) | son |
| זײַן | his |
| זייערע | their (pl. possessions) |
| * דאָס חנוכּה־געלט *[Khanike-gelt]* | Hanukah money (gift) |
| * דער חשמונאַי(ם) *[Khashminoyi(m)]* | a member of the Hasmonean family |
| * יהודה המכּבי *[Yuda Hamakabi]* | Judah the Maccabbee |
| * (דאָס) ירושלים *[Yerusholayim]* | Jerusalem |
| דער כּעס *[kas]* | anger |
| * די לאַטקע(ס) | potato pancake |
| * דאָס לאַנד (לענדער) | country, land |
| * דאָס ליכט (ליכט) | candle |
| * לעבן (געלעבט) | to live (exist) |
| (דאָס) מודיעין *[Modien]* | Modin |
| דער מלך(ים) *[melekh-m(e)lokhim]* | king |
| * די מנורה (מנורות) *[menoyre(s)]* | the seven-branched lamp which stood in the Temple |
| * די מעשה (מעשׂיות) *[mayse(s)]* | story |
| * מתּתיהו דער חשמונאַי *[Matisyohu der Khashminoyi]* | Mattathias the Hasmonean |

| | |
|---|---|
| * דער נס(ים) *[nes-nisim]* | miracle |
| דער סאָלדאַט(ן) | soldier |
| * דאָס פֿאָלק (פֿעלקער) | folk, nation, people |
| פֿאַרטריבן | *past part. of* פֿאַרטרײַבן to drive out |
| * דער פֿירער(ס) | leader |
| פֿריִער | earlier, before, prior |
| * צינדן (געצונדן) | to light, to kindle |
| קיין | to *(prep.* before name of a place) |
| * קריגן (געקראָגן) | to get, to receive |
| דאָס קריגעלע(ך) | pitcher: *dim. of* דער קרוג(ן) pitcher |
| ריין | clean, pure |
| * שטאַרק | strong |
| * דאָס שטעטל(עך) | town |
| * שפּילן (געשפּילט) | to play |
| * די תּורה *[toyre]* | Torah, the Jewish law; Pentateuch |

## Idioms and Expressions

ווערן אין כּעס *[kas]* to become angry * שפּילן אין דריידל to play *dreydl*

## אַ ליד: חנוכּה, אוי חנוכּה

*מ. ריוועסמאַן*

*מוזיק: סאָלאָמאָן גאָלוב*

1) אוי חנוכּה, אוי חנוכּה,
אַ יום־טובֿ אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פֿריילעכער,
ניטאָ נאָך אַזוינער.

2) אַלע נאַכט אין דריידל
שפּילן מיר,
פֿרישע הייסע לאַטקעס
עסן מיר.

3) געשווינדער, צינדט קינדער,
די חנוכּה־ליכטעלעך אָן,
לאָמיר אַלע אין איינעם
צום יום־טובֿ דעם שיינעם } 2
זינגען און טאַנצן אין קאָן.

# Vocabulary

| | | | |
|---|---|---|---|
| merry | לוסטיק | such *(pron.)* | אַזוינער |
| night | * די נאַכט (נעכט) | in one, together | אין איינעם |
| happy, gay | * פֿריילעך | quick(er) | געשווינד(ער) |
| round dance | דער קאָן (קען/קענער) | hot | * הייס |




יום־טובֿדיקע טעג: לידערבוך פֿאַר די ייִדישע יום־טובֿים, מלכּה גאָטליב און חנה מלאָטעק, אַרבעטער־רינג, 1985.

*Songbook for the Jewish Holidays*, Malke Gottlieb and Eleanor Gordon Mlotek, New York: Workmen's Circle, 1985.

# Supplementary Song

## ברוך אַתּה, זינגט דער טאַטע

*אַבֿרהם רייזען*

*מוזיק: סאָלאָמאָן גאָלוב*

1) ברוך אַתּה, זינגט דער טאַטע
און ער צינדט די ליכט.
און די שטראַלן, מילדע פֿאַלן
אויף זײַן בלאַס געזיכט.

2) און אַ פֿײַער, הייליק, טײַער
אין די אויגן לײַכט.
און דער מידער מיט די גלידער
האָט זיך אויסגעגלײַכט.

3) און עס דאַכט זיך און עס טראַכט זיך:
ס'איז נאָך עפּעס דאָ.
ס'איז פֿאַרבליבן וואָס צו ליבן
הייליק איז די שעה.

4) אַלטע קלאַנגען, לאַנג פֿאַרגאַנגען,
ניין, ס'קלינגט נאָך אַצינד.
זינג זשע, טאַטע, ברוך אַתּה,
און איך בלײַב דײַן קינד.

---

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אויסגלײַכן (אויסגעגלײַכט) | to straighten out |
| אַצינד | now |
| בלאַס | pale |
| בלײַבן (איז געבליבן) | to stay, to remain |
| ברוך אַתּה *[bórukh áte]* | Blessed are you *(Heb.)* (first words of blessing) |
| דאָס גליד(ער) | limb |
| דאָס געזיכט(ער) | face |
| דאַכטן זיך (זיך געדאַכט) | to seem (to) |
| הייליק | holy |
| ליבן (געליבט) | to love |
| לײַכטן (געלויכטן/געלײַכט) | to shine, to give light |
| דער מידער (מידע) | weary/tired person |
| נאָך | yet, still |
| ס'קלינגט=עס קלינגט ← קלינגען | |
| עפּעס | something |
| פֿאַלן (איז געפֿאַלן) | to fall |
| פֿאַרגיין (איז פֿאַרגאַנגען) | to pass away; to disappear |
| דער קלאַנג(ען) | sound |
| קלינגען (געקלונגען) | to ring, to sound |
| דער שטראַל(ן) | ray, beam |
| די שעה(ען) *[shó(en)]* | hour |

# Idioms and Expressions

it seems — עס דאַכט זיך




יום־טובֿדיקע טעג: לידערבוך פֿאַר די ייִדישע יום־טובֿים, מלכּה גאָטליב און חנה מלאָטעק, אַרבעטער־רינג, 1985.

# GRAMMAR

## The Past Tense

The past tense in Yiddish is quite simple. In English, we can express the past in a number of ways. For example: I sang, I did sing, I was singing, I have sung. In Yiddish, these are all rendered one way: איך האָב געזונגען.

To form the past tense, you need an auxiliary or helping verb, which, in most cases, is the verb "to have" האָבן. (Some verbs are conjugated with the verb זײַן (to be) and will be discussed in Lesson 9A.) This helping verb is conjugated.

You then add the past participle to the conjugated helping verb. The past participle is sometimes derived from the base of the verb. The prefix גע and the suffix ט are added to the base. It may be easier to think of this, in most cases, as prefixing גע to the third person singular present tense. With these verbs , figuring out the participle is simple, as in:

| | |
|---|---|
| לאַכן | געלאַכט |
| מאַכן | געמאַכט |

Other times changes occur in the base as in:

| | |
|---|---|
| זינגען | געזונגען |
| שרײַבן | געשריבן |

All participles end in ט or in ן. It is impossible to tell for certain what the participle will be by looking at the verb.

## Past Tense Conjugation

### זינגען

| | | | |
|---|---|---|---|
| איך האָב | געזונגען | מיר האָבן | געזונגען |
| דו האָסט | געזונגען | איר האָט | געזונגען |
| ער האָט | געזונגען | זיי האָבן | געזונגען |
| זי האָט | געזונגען | | |

**Negative Past Tense Conjugation**

| | |
|---|---|
| איך האָב ניט געזונגען קיין ליד. | מיר האָבן ניט געזונגען קיין ליד. |
| דו האָסט ניט געזונגען דאָס ליד. | איר האָט ניט געזונגען דאָס ליד. |
| ער האָט ניט געזונגען קיין לידער. | זיי האָבן ניט געזונגען קיין לידער. |
| זי האָט ניט געזונגען די לידער. | די לידער. |

Here are the past participles of some verbs you know. The following are completely predictable - they end in ט and there is no vowel change.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| to work | אַרבעטן | געאַרבעט | to think | טראַכטן | געטראַכט |
| to bring | ברענגען | געבראַכט, געברענגט | to laugh | לאַכן | געלאַכט |
| to burn | ברענען | געברענט | to read | לייענען | געלייענט |
| to need | דאַרפֿן | געדאַרפֿט, געדאַרפֿן | to make | מאַכן | געמאַכט |
| to hear | הערן | געהערט | to mean, to think | מיינען | געמיינט |
| to live | וווינען | געוווינט | to ask | פֿרעגן | געפֿרעגט |
| to say | זאָגן | געזאָגט | to know, can | קענען | געקענט |
| should | זאָלן | געזאָלט | to talk | רעדן | גערעדט |
| to dance | טאַנצן | געטאַנצט | to smell | שמעקן | געשמעקט |

The following past participles are less predictable:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| to give | געבן | געגעבן | to see | זען | געזען |
| to have | האָבן | געהאַט | to do | טאָן | געטאָן |
| to be called, to order | הייסן | געהייסן | to take | נעמען | גענומען |
| to know | וויסן | געוווּסט | to eat | עסן | געגעסן |
| to want | וועלן | געוואָלט | to light | צינדן | געצונדן |
| to sing | זינגען | געזונגען | to write | שרײַבן | געשריבן |

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| Jews lived in their country, the Land of Israel. | 1. ייִדן האָבן געוווינט אין זייער לאַנד ארץ־ישׂראל. |
| They wanted to live as their ancestors had lived. | 2. זיי האָבן געוואָלט לעבן ווי זייערע אָבֿות האָבן געלעבט. |
| You didn't eat any potato pancakes. | 3. איר האָט ניט געגעסן קיין לאַטקעס. |
| Why did you take the pitcher of oil? | 4. פֿאַר וואָס האָסטו גענומען דאָס קריגעלע בוימל? |
| I saw the river in the town. | 5. אין שטעטל האָב איך געזען דעם טײַך. |
| Father did not give [us ] any Hanukkah money. | 6. קיין חנוכּה־געלט האָט דער טאַטע ניט געגעבן. |

## Supplementary Reading

### פֿון: חנוכּה־געלט

*לויט שלום־עליכמען*

נו! קינדער, וואָסער יום־טובֿ איז דער בעסטער פֿון אַלע יום־טובֿים? חנוכּה!

אַכט טעג ניט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס, שפּילן אין דריידל און קריגן פֿון אַלע זײַטן חנוכּה־געלט. נו, דאַרף מען אַ בעסערן יום־טובֿ?

ווינטער. אין דרויסן איז קאַלט. דער פֿראָסט ברענט. די פֿענצטער זײַנען

באַדעקט מיט שניי, און אין שטוב איז וואַרעם. דאָס זילבערנע חנוכּה-לעמפּל איז גרייט. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב און דאַוונט מעריבֿ. ער ענדיקט דאַוונען, נעמט אַ ליכטל (דעם שמש) און זאָגט צו אונדז, צו מיר און מײַן ייִנגערן ברודער מאָטל, "רופֿט אַרײַן די מאַמע צו הערן בענטשן חנוכּה-ליכטלעך."

איך און מײַן ברודער מאָטל לויפֿן, "מאַמעז גיכער, חנוכּה-ליכטלעך!"

די מאַמע לויפֿט אַרײַן און נאָך איר – ברײַנע די קעכין.

דער טאַטע גייט צו צו דעם חנוכּה-לעמפּל מיט דעם שמש און מאַכט די ברכות.

די מאַמע ענטפֿערט "אָמן" און ברײַנע שאָקלט מיטן קאָפּ. זי מאַכט אַזאַ פּנים אַז איך און מײַן ברודער מיינען אַז מיר וועלן לאַכן.

"הנרות הללו," זינגט דער טאַטע און גייט אַרום איבער דער שטוב, קוקט אויפֿן חנוכּה-לעמפּל, זאָגט און זאָגט און זאָגט.... מיר ווילן ער זאָל שוין גיין צו דער קעשענע.

"מאָטל," זאָג איך, "גיי צו, זאָג אים חנוכּה-געלט."

"וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכּה-געלט?"

"אַזוי, ווײַל דו ביסט ייִנגער, דאַרפֿסטו בעטן חנוכּה-געלט."

"אפֿשר פֿאַרקערט, דו ביסט עלטער, דאַרפֿסטו בעטן חנוכּה-געלט."

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| אומגיין (איז אומגעגאַנגען) | to walk around | אַרומגיין (איז אַרומגעגאַנגען) | to walk around |
| אונדז | us | אַרײַנלויפֿן (איז אַרײַנגעלאָפֿן) | to run in |
| אַזוי | because; so | אַרײַנרופֿן (אַרײַנגערופֿן) | to call in |
| איבער | over | באַדעקט | covered (adj.) |
| איר | her (dat.) | | |

| | |
|---|---|
| to bless | בענטשן (געבענטשט) |
| best | בעסט |
| better | בעסער |
| blessing *[brokhe(s)]* | די ברכה (ברכות) |
| | גיין אום ← אומגיין |
| | גיין אַרום ← אַרומגיין |
| | גיין צו ← צוגיין |
| quicker | גיכער |
| ready | גרייט |
| These lights, *[haneyros halolu]* first words of Hanukkah liturgy recited just after lighting the candles | הנרות הללו |
| winter | דער ווינטער(ן) |
| side | די זײַט(ן) |
| silver *(adj.)* | זילבערן |
| traditional Hebrew school for boys *[kheyder-khedorim]* | דער חדר(ים) |
| *[khanike]* Hanukkah lamp for lighting candles or oil wicks. | דאָס חנוכּה-לעמפּל(עך) |
| younger | ייִנגער |
| according to | לויט |
| to run | לויפֿן (איז געלאָפֿן) |
| | לויפֿן אַרײַן ← אַרײַנלויפֿן |
| *Maariv*, Jewish evening prayer *[mayrev]* | דער מעריב |
| older | עלטער |
| to finish | ענדיקן (געענדיקט) |
| on the contrary | פֿאַרקערט |
| freezing weather | דער פֿראָסט (פֿרעסט) |
| to go up to, to approach | צוגיין (איז צוגעגאַנגען) |
| to look | קוקן (געקוקט) |
| cook | די קעכין(ס) |
| | רופֿן אַרײַן ← אַרײַנרופֿן |
| to shake, to sway | שאָקלען (געשאָקלט) |
| *[shames-shamosim]* candle used to light the candles but not counted as one of the eight candles | דער שמש(ים) |

## Idioms And Expressions

| | |
|---|---|
| to make a face *[ponim]* | מאַכן אַ פּנים |
| Why in the world? | וואָס עפּעס? |

# EXERCISES

**I. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. יִידן וווינען אין זייער לאַנד.
2. אין דעם לאַנד הערשן די גריכן.
3. די גריכן האָבן אַ שלעכטן מלך.
4. דער מלך הייסט אַנטיוכוס.
5. די פֿעלקער טוען ווי דער מלך זאָגט.
6. ער שיקט סאָלדאַטן קיין ישראל.
7. די יִידן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד.
8. מען מאַכט אַ יִידישע אַרמיי.
9. איר צינדט חנוכה-ליכט יעדע נאַכט.
10. זי עסט לאַטקעס.
11. איך שפּיל אין דריידל.
12. איר מאַכט אַ יום-טובֿ.
13. מיר קריגן חנוכה-געלט.
14. מע רופֿט אים יהודה המכבי.
15. איך וויל לעבן ווי מײַנע אָבֿות האָבן געלעבט.

**II. Conjugate in the past:**

וווינען, מאַכן, ניט קריגן, ניט ווערן

# REVIEW

**I. Make the following sentences negative:**

1. עס איז קאַלט אין דרויסן.
2. די זון שײַנט.
3. עס בלאָזט אַ ווינט.
4. די לערערין איז פֿאַרקילט.
5. עס טוט מיר וויי דער האַלדז.
6. חיים איז מײַן פֿרײַנד.
7. איר האָט אײַערע (your) פֿרײַנד.
8. איך האָב אַ פֿראַגע פֿאַר אײַך(you).
9. איר האָט פֿראַגעס פֿאַר מיר.
10. זי איז אַ געזונטער מענטש.
11. די יִידן ווילן דעם מלך.
12. זי הייסט זעלדע גאָלד.
13. די סטודענטן נעמען די ביכער.
14. שמעון האָט ברייטע אַקסל.
15. מיר דאַרפֿן די נײַע העפֿטן.

**II. Fill in the blanks using the correct adjective and article endings:**

1. ד___ גוט___ בוך ליגט אויפֿן טיש. 2. עס טוט מיר וויי ד______ רעכט___ פֿוס. 3. ד____ שיינ_____ מאַמע האָט שלעכט____ אויגן. 4. איך זע ד___ גרויס___ גרוי___ וואָלקן אין הימל. 5. מיר עסן די

גוט ___ וועטשערע אין ד___ היים. 6. ד___ ערשט___ בעלעמער זאָגט, "פֿאַרמאַך ד__קלײנ__ פֿענצטער." 7. דער לערער האָט אַ נײ______ שײנ__ קלאַס. 8. ד___ קלײנ___ קינדער האָבן ליב דעם שײנ___ ווײַס שניי. 9. מירל האָט ברייט___ אַקסלען און אַ גלײַכ____ רוקן.
10. ד ____ ייִדן ווילן ניט ד___ שלעכט____ מלך. 11. איר זײַנען אַ קלײנ__ פֿאָלק אַבער אַ שטאַרק___ פֿאָלק. 12. ד קלוג______ סטודענטן קענען ד__ נײַ___ לערערין. 13. דאָס קינד וויל ד___רויט____ עפּעלע. 14. ד____אַלט____ מתּתיהו האָט פֿינף שטאַרק___ העלדיש___זין. 15. איך וויל אַ נײַ____ בלוי____ ביכל.

**III. Put the highlighted words in the plural and make all necessary corresponding changes. Rewrite the whole sentence:**

1. איך זינג אַ שיין ליד. 2. די באָבע עסט אַ בולבע. 3. דער לערער האָט אַן אָרט. 4. עס טוט מיר וויי די האַנט. 5. דער סטודענט וויל אַ נײַע העפֿט און פֿעדער. 6. דאָס קינד דאַרף אַ נײַ בוך. 7. איך האָב אַ גוטן זון. 8. עס איז דאָ אַ גרויסער וואָלקן אין הימל. 9. דאָס הויז איז שיין. 10. דער טאָג איז לאַנג. 11. דער לערער האָט אַ שלעכטן תּלמיד און אַ שלעכטע תּלמידה.

**IV. Fill in the blanks with the correct form of the verb in parentheses:**

1. (האָבן) דו _____ נײַע ביכער. 2. (זינגען) מיר _____ ייִדישע לידער. 3. (טראַכטן) ער _____ וועגן (about) וועטשערע. 4. (זײַן) איך _____ געזונט, אַ דאַנק. 5. (האָבן) ער _____ ברייטע אַקסלען. 6. (זײַן) ווו איז _____ דאָס געסעלע, ווו _____ די שטוב? 7. (קענען) ער _____ ניט דודן. 8. (געבן) מיר _____ דעם לערער אַ נײַע פֿעדער. 9. (טאָן) עס _____ מיר וויי דער קאָפּ. 10. (טאָן) די אויגן _____ מיר וויי. 11. (דאַרפֿן) זי _____ עסן וואַרעמעס. 12. (הייסן) ווי _____ דו? דו _____ פּערל. (זײַן) דאָס _____ זייער אַ שיינער נאָמען. 13. (ווערן) איר _____ חנוכּה-געלט? נו, וואָדען? 14. (לערנען) איך _____ זיך ייִדיש. 15. (זײַן) עס _____ ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. 16. (וווינען) איך _____ אויף דער גאַס. 17. (ווערן) דאָס קינד _____ צינדן דאָס ליכט. 18. (פֿאַרמאַכן) איר _____ דעם פֿענצטער. 19. (זען) מיר _____ היימען דאָנערשטיק. 20. (גיין) זיי _____ אין שול.

**V. Complete the proverb:**

| | |
|---|---|
| 1. אַ מענטש טראַכט | גנבֿעט נאָר ביכער. |
| 2. אַ וועלט מיט | קײן טשײַניק. |
| 3. אין איין אויער אַרײַן | אויף אָרעם און רײַך. |
| 4. האַק מיר ניט | און גאָט לאַכט. |
| 5. פֿון דײַן מויל | פֿרעג דעם קראַנקן. |
| 6. זאָג מיר ווער דײַן חבֿר איז | וועל איך וויסן ווער דו ביסט. |
| 7. אַ ייִדישער גנבֿ | פֿון דעם צווייטן אַרויס. |
| 8. פֿרעג ניט דעם דאָקטער | אין גאָטס אויערן. |
| 9. די זון שײַנט גלײַך | וועלטלעך. |
| 10. ווענט האָבן אויערן | און גאַסן האָבן אויגן. |

**VI. Rewrite these sentences in the past tense. You may have to look up some of the participles in the dictionary or glossary.**

1. די לערערין האָט אַ נײַ בוך. 2. די ייִדן זוכן בוימל. 3. דער שלעכטער מלך שיקט סאָלדאַטן קיין ארץ-ישׂראל. 4. איך לערן די קינדער דאָס ליד. 5. אַ פֿײַערל ברענט אויפֿן פּריפּעטשיק. 6. די קינדער זאָגן, "קמץ-אַלף-אָ." 7. דער פֿוס טוט מיר וויי. 8. דו זעסט דעם דאָקטער. 9. אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. 10. מיר ווינען אין דעם הויז. 11. איך הייס סערל גאָלד. 12. איר עסט לאַטקעס. 13. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד. 14. זיי עפֿענען דעם פֿענצטער. 15. איר זינגט שיינע לידער. 16. איך קען וועלוולען. בערלען קען איך ניט. 17. דער טאַטע ברענגט אַן עפּעלע. 18. מיר ווילן אַרבעטן. 19. דו האַקסט אַ טשײַניק. 20. איך שרײַב אַ בוך. 21. מיר האָבן אַ גרוס פֿאַר אײַך.

**VII. Make up five questions based on each of the paragraphs below. Use at least four interrogative words each time. Answer the questions:**

1. צירל און מירל גייען אין גאַס. עס איז הײַנט אַ יום-טובֿ. עס איז חנוכה. עס איז קאַלט אין דרויסן אָבער די זון שײַנט. עס בלאָזט ניט קיין ווינט און עס גייט ניט קיין שניי. די מיידלעך גייען צו דער באָבען. דאָרטן קריגן זיי גוטע הייסע לאַטקעס און חנוכה-געלט. זיי לאַכן און זינגען פֿריילעך. זיי האָבן ליב דעם יום-טובֿ.

2. חיים וויל אַ בריוו-חבֿר (pen-pal). ער שרײַבט אין צײַטונג (newspaper), "איך הייס חיים לעדערמאַן. איך וווין אין ניו-יאָרק. איך האָב איין ברודער. ער הייסט אַרעלע. איך האָב בלויע אויגן און שוואַרצע האָר. איך האָב ליב צו לייענען, צו זינגען, און צו עסן. איך לערן זיך ייִדיש און וויל שרײַבן ייִדישע בריוו (letters). ווילט איר שרײַבן צו מיר?"

**VIII. Translate into Yiddish:**

1. The bad king was called Antiochus. He ruled over the Jews.
2. The king wanted the Jews to become (should become) Greeks.
3. There was no menorah in the Holy Temple. They (One) had [to] search [for] oil.
4. The Jews wanted [to] live in their country.
5. The king was angry (in anger). He sent soldiers to (in) Israel.
6. The heroic soldiers wanted [to] see Yehuda the Maccabee.
7. Yehuda said to the Jews, "Let's raise a Jewish army. The soldiers must be strong. They can fight bravely."
8. Hanukkah one lights candles, eats latkes, and plays (in) *dreydl*.
9. There is a story about a little pitcher of oil. They say it burned [for] eight days. Really?
10. When it is cold outside we want to eat hot latkes.

# ORAL PRACTICE

**IX. Reform these sentences putting the highlighted words first:**

1. זיי האָבן דערנאָך געמאַכט אַ יום-טובֿ. 2. עס האָט געטראָפֿן אַ נס. 3. דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג. 4. עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. 5. די גריכן האָבן געהאַט אַ שלעכטן מלך. 6. עס איז דאָ שניי אין דרויסן. 7. אַ ייִד האָט געוווינט אין שטעטל מודיעין. 8. איך טראָג ניט דאָס קרינגעלע. 9. דו האָסט אויך געביטן (change) דײַן נאָמען. 10. ער לייענט ניט נוט.

**X. Conversation Topics:**

1. You meet someone who knows nothing about Hanukkah. Have a conversation with him/her about why Jews celebrate this holiday. Explain some of the customs connected with it.

2. You and your friend(s) are on the cultural committee of your organization. You are trying to choose a speaker or entertainer for an upcoming event. Discuss the virtues and faults of the suggested people using as many adverbs as possible.

3. You have left your child(ren) with a Yiddish speaking babysitter. When you come home the two of you discuss what your child(ren) did all day long.

# EXERCISES

**I. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. ייִדן וווינען אין זייער לאַנד.
2. אין דעם לאַנד הערשן די גריכן.
3. די גריכן האָבן אַ שלעכטן מלך.
4. דער מלך הייסט אַנטיוכוס.
5. די פֿעלקער טוען ווי דער מלך זאָגט.
6. ער שיקט סאָלדאַטן קיין ישׂראל.
7. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד.
8. מען מאַכט אַ ייִדישע אַרמיי.
9. איר צינדט חנוכּה-ליכט יעדע נאַכט.
10. דו עסט לאַטקעס.
11. איך שפּיל אין דריידל.
12. איר מאַכט אַ יום-טובֿ.
13. מיר קריגן חנוכּה-געלט.
14. מע רופֿט אים יהודה המכבי.
15. איך וויל לעבן ווי מײַנע אָבֿות האָבן געלעבט.

**II. Conjugate in the past:**

וווינען, מאַכן, ניט קריגן, ניט וועלן

# REVIEW

**I. Make the following sentences negative:**

1. עס איז קאַלט אין דרויסן.
2. די זון שײַנט.
3. עס בלאָזט אַ ווינט.
4. די לערערין איז פֿאַרקילט.
5. עס טוט מיר וויי דער האַלדז.
6. חיים איז מײַן פֿרײַנד.
7. איר האָט אײַערע (your) פֿרײַנד.
8. איך האָב אַ פֿראַגע פֿאַר אײַך(you).
9. איר האָט פֿראַגעס פֿאַר מיר.
10. זי איז אַ געזונטער מענטש.
11. די ייִדן ווילן דעם מלך.
12. זי הייסט זעלדע גאָלד.
13. די סטודענטן נעמען די ביכער.
14. שמעון האָט ברייטע אַקסל.
15. מיר דאַרפֿן די נײַע העפֿטן.

**II. Fill in the blanks using the correct adjective and article endings:**

1. ד___ גוט___ בוך ליגט אויפֿן טיש. 2. עס טוט מיר וויי ד______ רעכט___ פֿוס. 3. ד___ שיינ_____מאַמע האָט שלעכט____ אויגן. 4. איך זע ד___ גרויס___ גרוי___ וואָלקן אין הימל. 5. מיר עסן די

גוט ___ וועטשערע אין ד___ היים. 6. ד___ ערשט___ כעלעמער זאָגט,
"פֿאַרמאַך ד___קלײנ___ פֿענצטער." 7. דער לערער האָט אַ נײַ______
שײנ___ קלײד. 8. ד___ קלײנ___ קינדער האָבן ליב דעם שײנ___ וויַס
שניי. 9. מירל האָט ברייט___ אַקסלען און אַ גלײַכ___ רוקן.
10. ד ____ ייִדן ווילן ניט ד___ שלעכט___ מלך. 11. איר זײַנען אַ
קלײנ___ פֿאָלק אָבער אַ שטאַרק___ פֿאָלק. 12. ד קלוג ______
סטודענטן קענען ד___ נײַ___ לערערין. 13. דאָס קינד וויל
ד___ רויט___ עפּעלע. 14. ד___אַלט___ מתתיהו האָט פֿינף
שטאַרק___ העלדיש___ זין. 15. איך וויל אַ נײַ___ בלוי___ ביכל.

**III. Put the highlighted words in the plural and make all necessary corresponding changes. Rewrite the whole sentence:**

1. איך זינג אַ שײן ליד. 2. די באָבע עסט אַ בולבע. 3. דער לערער האָט אַן
אָרט. 4. עס טוט מיר וויי די האַנט. 5. דער סטודענט וויל אַ נײַע העפֿט און
פֿעדער. 6. דאָס קינד דאַרף אַ נײַ בוך. 7. איך האָב אַ גוטן זון. 8. עס איז דאָ אַ
גרויסער וואָלקן אין הימל. 9. דאָס הויז איז שײן. 10. דער טאָג איז לאַנג. 11. דער
לערער האָט אַ שלעכטן תּלמיד און אַ שלעכטע תּלמידה.

**IV. Fill in the blanks with the correct form of the verb in parentheses:**

1. (האָבן) דו _____ נײַע ביכער. 2. (זינגען) מיר _____ ייִדישע לידער.
3. (טראַכטן) ער _____ וועגן (about) וועטשערע. 4. (זײַן) איך _____ געזונט,
אַ דאַנק. 5. (האָבן) ער _____ ברייטע אַקסלען. 6. (זײַן) ווו איז _____ דאָס
געסעלע, ווו _____ די שטוב? 7. (קענען) ער _____ ניט דודן. 8. (געבן)
מיר _____ דעם לערער אַ נײַע פֿעדער. 9. (טאָן) עס _____ מיר וויי דער
קאָפּ. 10. (טאָן) די אויגן _____ מיר וויי. 11. (דאַרפֿן) זי _____ עסן
וואַרעמעס. 12. (הייסן) ווי _____ דו? דו _____ פּערל. (זײַן) דאָס
_____ זייער אַ שײנער נאָמען. 13. (וועלן) איר _____ חנוכּה-געלט? נו,
וואָדען? 14. (לערנען) איך _____ זיך ייִדיש. 15. (זײַן) עס _____ ניטאָ קיין
וואָלקנס אין הימל. 16. (וווינען) איך _____ אויף דער גאַס. 17. (וועלן) דאָס
קינד _____ צינדן דאָס ליכט. 18. (פֿאַרמאַכן) איר _____ דעם פֿענצטער.
19. (זען) מיר _____ חיימען דאָנערשטיק. 20. (גיין) זיי _____ אין שול.

**V. Complete the proverb:**

| | |
|---|---|
| 1. אַ מענטש טראַכט | גנבֿעט נאָר ביכער. |
| 2. אַ וועלט מיט | קיין טשײַניק. |
| 3. אין איין אויער אַרײַן | אויף אָרעם און רײַך. |
| 4. האַק מיר ניט | און גלייבט לײַכט. |
| 5. פֿון דײַן מויל | פֿרעג דעם קראַנקן. |
| 6. זאָג מיר ווער דײַן חבֿר איז | וועל איך וויסן ווער דו ביסט. |
| 7. אַ ייִדישער גנבֿ | פֿון דעם צווייטן אַרויס. |
| 8. פֿרעג ניט דעם דאָקטער | אין גאָטס אויערן. |
| 9. די זון שײַנט גלײַך | וועלטלעך. |
| 10. ווענט האָבן אויערן | און גאַסן האָבן אויגן. |

**VI. Rewrite these sentences in the past tense. You may have to look up some of the participles in the dictionary or glossary.**

1. די לערערין האָט אַ נײַ בוך. 2. די ייִדן זוכן בוימל. 3. דער שלעכטער מלך שיקט סאָלדאַטן קיין ארץ-ישׂראל. 4. איך לערן די קינדער דאָס ליד. 5. אַ פֿײַערל ברענט אויפֿן פּריפּעטשיק. 6. די קינדער זאָגן, „קמץ-אַלף-אָ.“ 7. דער פֿוס טוט מיר וויי. 8. דו זעסט דעם דאָקטער. 9. אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. 10. איר וווינען אין דעם הויז. 11. איך הייס סערל גאָלד. 12. איר עסט לאַטקעס. 13. די ייִדן מאַכן אַן אויפֿשטאַנד. 14. זיי עפֿענען דעם פֿענצטער. 15. איר זינגט שיינע לידער. 16. איך קען וועלוולען. בערלען קען איך ניט. 17. דער טאַטע ברענגט אַן עפּעלע. 18. מיר ווילן אַרבעטן. 19. דו האַקסט אַ טשײַניק. 20. איך שרײַב אַ בוך. 21. מיר האָבן אַ גרויס פּאַר אײַך.

**VII. Make up five questions based on each of the paragraphs below. Use at least four interrogative words each time. Answer the questions:**

1. צירל און מירל גייען אין גאַס. עס איז היַנט אַ יום-טובֿ. עס איז חנוכּה. עס איז קאַלט אין דרויסן אָבער די זון שײַנט. עס בלאָזט ניט קיין ווינט און עס גייט ניט קיין שניי. די מיידלעך גייען צו דער באָבען. דאָרטן קריגן זיי גוטע הייסע לאַטקעס און חנוכּה-געלט. זיי לאַכן און זײַנען פֿריילעך. זיי האָבן ליב דעם יום-טובֿ.

.2 חיים וויל אַ בריוו-חבֿר (pen-pal). ער שרײַבט אין צײַטונג (newspaper), "איך הייס חיים לעדערמאַן. איך וווין אין ניו-יאָרק. איך האָב איין ברודער. ער הייסט אַרעלע. איך האָב בלויע אויגן און שוואַרצע האָר. איך האָב ליב צו לייענען, צו זינגען, און צו עסן. איך לערן זיך ייִדיש און וויל שרײַבן ייִדישע בריוו (letters). ווילט איר שרײַבן צו מיר?"

**VIII. Translate into Yiddish:**

1. The bad king was called Antiochus. He ruled over the Jews.
2. The king wanted the Jews to become (should become) Greeks.
3. There was no menorah in the Holy Temple. They (One) had [to] search [for] oil.
4. The Jews wanted [to] live in their country.
5. The king was angry (in anger). He sent soldiers to (in) Israel.
6. The heroic soldiers wanted [to] see Yehuda the Maccabee.
7. Yehuda said to the Jews, "Let's raise a Jewish army. The soldiers must be strong. They can fight bravely."
8. Hanukkah one lights candles, eats latkes, and plays (in) *dreydl*.
9. There is a story about a little pitcher of oil. They say it burned [for] eight days. Really?
10. When it is cold outside we want to eat hot latkes.

# ORAL PRACTICE

**IX. Reform these sentences putting the highlighted words first:**

.1 זיי האָבן דערנאָך געמאַכט אַ יום-טובֿ. .2 עס האָט געטראָפֿן אַ נס. .3 דער בוימל האָט געברענט אַכט טעג. .4 עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. .5 די גריכן האָבן געמאַכט אַ שלעכטן מלך. .6 עס איז דאָ שניי אין דרויסן. .7 אַ ייִד האָט געוווינט אין שטעטל מודיעין. .8 איך טראָג נישט דאָס קרינעלע. .9 דו מאַכסט אויך געביטן (change) דײַן נאָמען.
.10 ער לייענט נישט גוט.

**X. Conversation Topics:**

1. You meet someone who knows nothing about Hanukkah. Have a conversation with him/her about why Jews celebrate this holiday. Explain some of the customs connected with it.

2. You and your friend(s) are on the cultural committee of your organization. You are trying to choose a speaker or entertainer for an upcoming event. Discuss the virtues and faults of the suggested people using as many adverbs as possible.

3. You have left your child(ren) with a Yiddish speaking babysitter. When you come home the two of you discuss what your child(ren) did all day long.

די משפּחה נעכאַמקין - ראָזענבערג, דעטרויט, מישיגאַן, 1920



The Nichamin - Rosenberg family, Detroit, Michigan, 1920

# UNIT 8

## דאָס אַכטע קאַפּיטל

## LESSON 8A לעקציע אַכט א׳

## משפּחה

**ליבל:** האָסטו אַ גרויסע משפּחה?

**מאַשע:** יאָ, מיר האָבן, קיין עין-הרע, זייער אַ גרויסע משפּחה. אונדזער משפּחה וווינט ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אומעטום.

**ליבל:** האָסטו אַ באָבע און אַ זיידן?[1]

**מאַשע:** איך האָב פֿון דער מאַמעס זײַט, ברוך-השם, אַ זיידן און אַ באָבע. זיידע-באָבע פֿון דעם טאַטנס צד זײַנען, צום באַדויערן, געשטאָרבן.

**ליבל:** צי האָט דײַן זיידע געהאַט ברידער און שוועסטער?

**מאַשע:** קיין שוועסטער האָט ער ניט געהאַט אָבער ער האָט געהאַט צוויי ברידער. דער עלטערער האָט געוווינט אין רוסלאַנד, איך האָב שוועסטערקינדער אין רוסלאַנד. דער ייִנגערער ברודער האָט געוווינט אין אַ שטעטל לעבן ניו-יאָרק.

**ליבל:** דו האָסט מומעס אויך?

**מאַשע:** יאָ, איך האָב עטלעכע מומעס פֿון דעם טאַטנס צד. איין מומע, די מומע כאַסיע, איז זייער אַ קלוגע און די אַנדערע צוויי זײַנען זייער רײַך. די ערשטע, די קלוגע, וווינט אין פּאַריז.

**ליבל:** אויב זי איז אַזוי קלוג, פֿאַר וואָס איז זי ניט רײַך?

**מאַשע:** ווײַל זי האָט ניט געוואָלט. זי איז אַ סאָציאַליסטקע. איינע פֿון די אַנדערע מומעס וווינט אין ישׂראל און די אַנדערע אין דרום-אַפֿריקע.

**ליבל:** אײַער משפּחה איז אַן אמתע ייִדישע משפּחה וואָס וווינט טאַקע אומעטום. די מומעס זײַנען חתונה-געהאַטע?

---

[1] זיידע and טאַטע are among the few masculine nouns that are declined in the accusative and the dative. See Lesson 11A for a detailed explanation.

21. מאַשע: איין מומע איז ניט קיין חתונה-געהאַטע אָבער די אַנדערע צוויי,
22. יאָ. איך קען ניט דעם פֿעטער אין דרום-אַפֿריקע. דעם פֿעטער
23. אין פּאַריז, דער מומע כאַסיעס מאַן, קען איך יאָ. איר מאַן איז
24. דער מאַמעס אַ שוועסטערקינד. און איך אַליין בין אויך אַ מומע.
25. לייבל: טאַקע?
26. מאַשע: יאָ, מײַן ברודער האָט צוויי זין און אַ טאָכטער, האָב איך, הייסט
27. עס, צוויי פּלימעניקעס און אַ פּלימעניצע. און דו?
28. לייבל: איך האָב אויך אַ פּלימעניק אָבער ניט קיין פּלימעניצע. איך
29. האָב, קיין עין-הרע, אַ ווײַב און צוויי קלוגע שיינע טעכטער.
30. דעם ווײַבס עלטערן, דאָס הייסט, שווער-און-שוויגער, לעבן
31. נאָך און ווינען לעבן אונדז.
32. מאַשע: ביסטו אַ גוטער איידעם?
33. לייבל: נו, וואָדען? שווער-און-שוויגער זאָגן אַז איך בין ניט קיין איידעם
34. נאָר אַ גן-איידעם!

Here are three more family members you may want to know:

| | |
|---|---|
| grandchild; grandson or granddaughter | דער/דאָס אייניקל(עך) |
| brother-in-law | דער שוואָגער(ס) |
| sister-in-law | די שוועגערין(ס) |

## שפּריכווערטער

1. מע זאָגט דער טאָכטער, מע מיינט די שנור. — To tell something to someone when it is really meant for someone else. (*Lit.* "You tell your daughter, you mean your daughter-in-law.")

2. איינס מיטן דריטן איז ניט קיין מחותּן.[2] — To bear no relationship. (*Lit.* "One person is no in-law to the third person.")

3. קליינע קינדער, קליינע צרות, גרויסע קינדער, גרויסע צרות. — Little children, little problems, big children, big problems.

[2] In some dialects מחותּן is pronounced "*mekhitn*" and the proverb rhymes.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אומעטום | everywhere |
| * אונדזער | our |
| * דער אײדעם(ס) | son-in-law |
| * אײנס, אײנע | forms of the number one |
| * אײַער | your (*sg. form. & pl.*) (*sg. possession*) |
| * איר | her (*poss. adj.*) |
| * אַלײן | alone, oneself, myself, yourself, himself, herself, ourselves, etc. |
| * (די) אַמעריקע | America |
| אמת *[emes]* | true, real |
| * אַנדערע | other (*fem.*), others |
| (דאָס/די) אַפֿריקע | Africa |
| * דער ברודער (ברידער) | brother |
| * ברוך-השם | Thank God, *[borkhashem]* Blessed be the Name |
| דער גן-אײדעם | iron. term *[ganeydem]* for son-in-law; pun on the word גן-עדן (paradise) and אײדעם (son-in-law) |
| * (דאָס/די) דרום-אַפֿריקע | *[Dorem]* South Africa |
| * דריט | third |
| * דאָס װײַב(ער) | wife |
| * װעגן | about |
| * זיידע-באָבע | grandparents (*pl.*) |
| די זײַט(ן) | side |
| * זײַערע | their (thing owned is *pl.*) |
| חתונה-געהאַט | married (*adj.*) *[khasene]* |
| חתונה האָבן (ה' געהאַט) | to get married, to marry |
| * די טאָכטער (טעכטער) | daughter |
| * ייִנגער | younger |
| לעבן | near, beside, by |
| * דער מאַן(ען)/מענער | husband |
| *די מומע(ס) | aunt |
| * דער מחותן(ים) | *[mekhutn-mekhutonim]* father of son/daughter-in-law; in pl. relative by marriage |
| *די משפחה (משפחות) | *[mishpokhe(s)]* family |
| נאָר | but |
| * די סאָציאַליסטקע(ס) | socialist (*fem.*) |
| * עטלעכע | several |
| * עלטער | older |
| די עלטערן | parents |
| * די פּלימעניצע(ס) | niece |
| * דער פּלימעניק(עס) | nephew |
| * דער פֿעטער(ס) | uncle |
| דער צד (צדדים) | side (of a *[tsad-tsdodim]* family) |
| * די צרה (צרות) | problem, trouble *[tsore(s)]* |
| * (דאָס) רוסלאַנד | Russia |
| * רײַך | rich |
| * די שװיגער(ס) | mother-in-law |
| * די שװעסטער (שװעסטער) | sister |
| * דאָס שװעסטערקינד(ער) | cousin |
| * דער שװער(ן) | father-in-law |
| * שװער-און-שװיגער | parents-in-law, mother-in-law and father-in-law |
| * די שנור(ן/שניר) | daughter-in-law |

## Idioms and Expressions

| | | |
|---|---|---|
| that is, that means | | הייסט עס |
| unfortunately | | * צום באַדויערן |
| No evil eye (used like "knock wood" to fight off evil when mentioning stg. positive) | [kin ayn-(h)ore] | * קיין עין־הרע |

## GRAMMAR

### I. Possessive Adjectives

Possessive adjectives modifying a singular noun are not declined. The adjective remains the same whether the noun modified is masculine, feminine, or neuter, and whether the possessor is masculine or feminine. These forms apply only when the possessive adjective precedes the noun.

| | | | |
|---|---|---|---|
| our book | אונדזער בוך | my book | מײַן בוך |
| your book | אײַער בוך | your book | דײַן בוך |
| their book | זייער בוך | his book | זײַן בוך |
| | | her book | איר בוך |

When the thing or person possessed is plural, add an ע to the possessive adjective. Again, the adjective remains the same whether the objects owned are masculine, feminine, or neuter, and whether the possessor is masculine or feminine.

| | | | |
|---|---|---|---|
| our books | אונדזערע ביכער | my books | מײַנע ביכער |
| your books | אײַערע ביכער | your books | דײַנע ביכער |
| their books | זייערע ביכער | his books | זײַנע ביכער |
| | | her books | אירע ביכער |

Sometimes, if the singular and plural form of the noun are identical as in:

| | |
|---|---|
| the finger, the fingers | דער פֿינגער, די פֿינגער |
| the sister, the sisters | די שוועסטער, די שוועסטער |

the possessive adjective will indicate whether the noun is singular or plural.

| | |
|---|---|
| my finger, my fingers | מײַן פֿינגער, מײַנע פֿינגער |
| my sister, my sisters | מײַן שוועסטער, מײַנע שוועסטער |

When the possessive adjective modifies a neuter noun, any other adjectives remain in the base form.

מײַן גוט קינד, מײַן רײַך שוועסטערקינד

## II. One of Someone's

You may have noticed the construction דער מאַמעס אַ שוועסטערקינד in line 24 of the Conversation. This means "one of mother's cousins," or "a cousin of mother." This construction implies that the possessor, i.e., די מאַמע, has more than one of the thing or person possessed, e.g., שוועסטערקינד. If you say דער מאַמעס שוועסטערקינד (mother's cousin), it is not clear whether she has just this one cousin or more than one. The pattern is:

| Thing or Person Possessed | Indefinite Article | Possessor |
|---|---|---|
| שוועסטערקינד | אַ | דער מאַמעס |
| She is one of Leah's nieces/a niece of Leah. פּלימעניצע. | אַ | זי איז לאהס |
| He is one of Mr. Gold's students/a student of Mr. Gold. תּלמיד. | אַ | ער איז לערער[3] גאָלדס |
| My cousin is one of Berl's friends/a friend of Berl. חבֿר. | אַ | מײַן שוועסטערקינד איז בערלס |

It is דער מאַמעס and not די מאַמעס because the possessor is in the dative case which you will learn in Lesson 9 B, p. 167. For now, learn to recognize the form. With names, the possessive is simply formed as it is in English: Name & ס (no apostrophe in most cases).

[3] In the non-Orthodox Yiddish world, teachers are often called לערערין, לערער, חבֿר or חבֿרטע. חבֿר and חבֿרטע actually mean friend or comrade.

**III. To Live: To Dwell and To Exist: לעבן and וווינען**

Yiddish distinguishes between the various usages of the English verb "to live." "To live" in the sense of to be alive, to exist, is לעבן. "To live" in the sense of "to dwell" is וווינען.

| | |
|---|---|
| 1. שמואל וווינט אין אַ הויז. | Shmuel lives in a house. |
| 2. זײַן מאַמע לעבט און זי וווינט אין תּל־אָבֿיבֿ. | His mother is alive and she lives in Tel-Aviv. |
| 3. זאָלסט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק! | May you live until [you are] 120! |
| 4. מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף. | We lived in a village. |
| 5. די באָבע האָט געלעבט ביז זיבעציק. | Grandmother lived until 70. |

## ליד: אונדזער ניגונדל

*ווערטער און מוזיק: נחום שטערנהײַם*

דעפּריין

1) האָבן מיר אַ ניגונדל
אין נחת און אין פֿריידן, (2)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין;
דאָס האָט נאָך געזונגען
די באָבע מיטן זיידן
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

אוי־אוי־אוי, אָט אַזוי זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער,
אַזאַ פֿריילעכס, אַזאַ פֿריילעכס
זינגט זשע קינדער.
אָט אַזוי זשע
ווי דער ניגון קלינגט אַצינדער
אַזאַ פֿריילעכס, לאָמיר אַלע גיין.

2) האָבן מיר אַ ניגונדל
זינגען מיר צוזאַמען, (2)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין;
דאָס האָט נאָך געזונגען
דער טאַטע מיט דער מאַמען[4]
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

3) האָבן מיר אַ ניגונדל
אין מזל און אין ברכה (2)
זינגען מיר עס, זינגען מיר עס,
קלינגט עס אַזוי שיין;
דאָס האָט נאָך געזונגען
די גאַנצע משפּחה.
ווען זיי זײַנען קינדער נאָך געווען.

[4] די מאַמע and די באָבע are among the few feminine nouns that are declined in the dative. See Lesson 11A for a detailed explanation.




פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

## VOCABULARY

אַזאַ [in song אַזאַ] — such a

אַצינדער: אַצינד[5] — now

* די בְרכה (בְרכות) — blessing [brokhe(s)]

* גאַנץ — whole, entire

געווען: זײַן — past part. of to be

* דאָס מזל — luck [mazl]

נאָך — yet, still

דאָס/דער נחת — satisfaction, pleasure [nakhes]

* דאָס ניגונגל(עך) — tune [nigndl(ekh)]: dim. of [nign-nigunim] דער ניגון(ים)

די פֿרייד(ן) — joy, delight

דאָס פֿריילעכס(ן) — cheerful tune or dance

* צוזאַמען — together

* קלינגען (געקלונגען) — to sound, to ring

## EXERCISES

**I. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. די מומע וווינט אין שטוב. 2. דער פֿעטער קען ייִדיש. 3. די שוועסטער זינגען אַ ליד. 4. בײַ טאָג אַרבעט דער פּלימעניק. 5. איר פּלימעניצע זינגט שיין. 6. אַלץ טוט דער איידעם. 7. מע זאָגט דער טאָכטער, מע מיינט די שנור. 8. דער מחותּן האָט אַ קליינע שטוב. 9. זײַן שווער שרײַבט אַ בוך. 10. אוי, האָט ער אַ שוויגער! 11. מײַן משפּחה וווינט אומעטום. 12. אומעטום האָט איר שוועסטערקינדער. 13. די מומע נעמט דאָס געלט פֿאַר דער פּלימעניצע. 14. די מאַמע וויל צוויי זין, דער טאַטע וויל אַ טאָכטער. 15. דער שווער הייסט חיים-יאַנקל. 16. די באָבע האָט, קיין עין-הרע, אַ סך אייניקלעך. 17. איר געסן שווער-און-שוויגער הײַנט. 18. די מאַמע וויל אַ שנור. 19. די טעכטער דאַרפֿן אַרבעטן. 20. דער פּלימעניק הערט וועגן דעם פֿעטער. 21. די זין זענען די טעכטער איין מאָל אין אַ גאָוועגע. 22. פֿון דער מאַמעס צד קען איך אַלע שוועסטערקינדער. 23. די שוויגער עסט דאָס פֿלייש.

---

[5] אַצינדער and אַצינד both mean "now." אַצינד is more common. Don't forget the synonyms איצט, איצטער.

**II. Rewrite these sentences in the past tense - negative:**

**III. Fill in the possessive adjective that corresponds to the pronoun in parentheses:**

1. איך הער (זי)_____ קול.
2. מיר האָבן געוואָלט (מיר)______ וועטשערע.
3. (דו)____ פּלימעניצע איז, קיין עין־הרע, שיין.
4. (ער)_____ שוויגער האָט געווינט אומעטום.
5. (איך)____ שוויגער האָט געוואָלט שרײַבן אַ בוך וועגן (זי)____ משפּחה.
6. (זי)_____ זיידע איז, צום באַדויערן, קראַנק.
7. (איר)_____ פֿעדערס זײַנען אויף דעם טיש.
8. (ער)_____ עלטערן האָבן צוויי ברידער.
9. די מאַמע האָט נחת פֿון (זי)_____ זין.
10. איך האָב ליב (איך)_____ צוויי שוועסטער.
11. מיר האָבן געגעסן (מיר)_____ ברויט.
12. די עלטערע מענטשן האָבן ליב (זיי)_____ דאָרף.
13. די סטודענטן האָבן גענומען (זיי)________ ביכער.
14. איך האָב געברענגט (איך)_____ העפֿטן.
15. ער האָט געזונגען (ער)_____ נײַע לידער.
16. (מיר)_____ נחת איז גרויס.
17. (איר)_____ לידער קלינגען שיין.
18. (זיי)_____ גאַנצע משפּחה האָט געאַרבעט דאָרטן.
19. זי האָט גענומען (זי)_____ עפּעלעך.
20. זײַ מוחל, איך האָב געגעסן (דו)_____ בולבעס.

**IV. Fill in the relative who corresponds to the description in parentheses. Use yourself as the point of reference. דער מאַמעס ברודער means my mother's brother.**

1. (דער מאַמעס שוועסטער) __________ האָט געווינט אין דער שטוב.
2. (דער מאַמעס ברודער) __________ האָט געברענגט די עפּל.
3. (דעם זונס ווײַב) __________ האָט געאַרבעט דאָרטן.
4. (דעם טאַטנס מאַמע) __________ האָט געקענט אַ סך ניגונים.
5. (דעם פֿעטערס טאָכטער) __________ האָט געוואָלט קומען.

6. (דעם מאַנס טאַטע) __________ האָט געזען זײַנע חבֿרים.
7. (דעם מאַנס מאַמע) __________ האָט געגעסן װעטשערע מיט דער משפּחה.
8. (דעם זונס װײַב) __________ האָט געװאָלט װױנען לעבן שיקאַגאָ.
9. (דער טאָכטערס שװער) __________ האָט געהייסן יצחק.
10. דאָנערשטיק קען (דער מומעס זון) __________ ניט קומען.
11. (דעם איידעמס מאַמע) __________ און (דער טאָכטערס מאַן) __________ רעדן ניט איינער צום צװייטן (to each other).

**V. Complete the story with the appropriate proverb from this lesson:**

1. יונה קומט אַהיים און זאָגט, ״מאַמע, װאָס איז דאָ צו עסן?״
די מאַמע ענטפֿערט, און זאָגט, ״עס איז דאָ פֿלייש און עפּל.״
״פֿלייש און עפּלז״ זאָגט יונה. ״װאָס פֿאַר אַ װעטשערע איז דאָס......(what kind of)

2. חנה טראַכט װעגן אירע זין. דער ״ייִנגערער זין איז אַ גוט ייִנגל, אָבער ער לערנט זיך ניט גוט. דער עלטערער זין האָט שלעכטע חבֿרים און װיל װױנען אין אױסטראַליע. ״אַזױ גייט עס,״ טראַכט זי, .......

**VI. Translate into Yiddish:**

1. Ask my sisters!
2. My (The) aunt is still rich.
3. Yes, my (the) uncle has grandchildren.
4. The older brother has a clever wife.
5. Take the nephew to the (דעם) doctor.
6. The whole family sang tunes together.
7. Our family has lived everywhere.
8. One of mother's sisters (The mother's a sister) lived near Brooklyn.
9. My father-in-law, poor thing, lives alone.
10. Beyle had two married sisters.

# ORAL PRACTICE

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. ווו וווינען דײַן רײַכע מומע[1] און רײַכער פֿעטער?[2]
די רײַכע מומע[1] און דער רײַכער פֿעטער[2] וווינען אַצינד אין פּאַריז.
א) (פּלימעניצע,[1] פּלימעניק[2])
ב) (שוואָגער,[1] שוועגערין[2])

2. איז דײַן קלוגער ברודער[1] אַ גוטער מענטש?
יאָ, ער איז זייער אַ גוטער מענטש אָבער די שוועסטער[2] איז
ניט קיין גוטע.
א) (שווער,[1] שוויגער[2])
ב) (מאַמע,[1] טאַטע[2])

3. די עלטערן האָבן ליב דעם קליינעם[1] זון.
זיי האָבן אויך ליב דאָס קליינע[1] טעכטערל און די קליינע[1] פּלימעניצע.
א) (קלוג[1])
ב) (שיין[1])
ג) (גוט[1])

4. האָבן זיי געקענט דײַן קראַנקן שוואָגער?[1]
ניין, אָבער זיי האָבן געקענט די קלוגע שוועגערין.[2]
א) (שוויגער,[1] שווער[2])
ב) (ברודער,[1] שוועסטער[2])

**VIII. Complete the dialogue:**

1. — ער ווייסט אַ סך וועגן זײַן משפּחה. ווי אַזוי האָט ער דאָס אַלץ געלערנט?
— פֿון ער......

2. — דאָ האָט אַ מאָל געוווינט מײַן באָבע.
— האָסטו געקענט דײַן באָבע?
— ........

3. — מזל־טובֿ (congratulations)! איך הער אַז דו האָסט אַ נײַע פּלימעניצע.
— יאָ, מײַן שוועסטער האָט געהאַט אַ מיידעלע, בין איך (so I am) דער פֿעטער.
— איז דאָס דײַן ערשטע פּלימעניצע אָדער ערשטער פּלימעניק?
— .......

**IX. Conversation Topics:**

1. You are travelling abroad and decide to call a long-lost distant relative who has never heard of you. Explain to him/her who you are, how you are related, and what you are doing in town.

2. You are travelling abroad and visit a relative. S/he wants to know about various members of the family. You discuss who is still alive and who is dead, where these various relatives live(d), and the state of their health.

# UNIT 8

## דאָס אַכטע קאַפּיטל

## לעקציע אַכט ב׳ LESSON 8B

# משפּחה

# צוויי ברידער

***אַן אַגדה, לויט ייִדישע קינדער ג׳***

אַ מאָל האָבן געלעבט צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און ניט קיין קינדער. דער ייִנגערער ברודער האָט געהאַט אַ ווײַב מיט קליינע קינדער. ביידע ברידער זײַנען געווען אָרעם. זיי האָבן נאָר געהאַט אַ שטיקל ערד פֿון זייער פֿאָטער. זיי האָבן עס צוזאַמען באַאַרבעט.

ווען זיי האָבן געשניטן די תּבֿואה האָבן זיי געטיילט די גאַרבן העלפֿט אויף העלפֿט. זיי האָבן זיי געלייגט לעבן זייערע הײַזלעך.

איין נאַכט האָט דער עלטערער ברודער ניט געקענט שלאָפֿן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן ברודער, "מײַן ברודער האָט אַ ווײַב מיט זין און טעכטער, מײַנע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און איך בין אַליין, עס איז ניט ריכטיק וואָס איך נעם אַ העלפֿט פֿון דער תּבֿואה."

אין מיטן נאַכט האָט ער גענומען אַ פּאַק גאַרבן און האָט אים געטראָגן צו זײַן ברודער און שוועגערינס הויז.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער ייִנגערער ברודער אויך ניט געקענט שלאָפֿן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן ברודער, "עס איז אַ רחמנות אויף אים. איך האָב אַ ווײַב מיט קינדערלעך. זיי קענען מיר העלפֿן אויף דער עלטער, אָבער ער האָט ניט קיין זין אָדער קיין טעכטער און ניט קיין אייניקלעך. ער האָט ניט קיין אַנדערע ברידער און ניט קיין שוועסטער. ער איז נעבעך אַליין."

## קינדער און קינדסקינדער פֿון
## דער משפּחה נעכאַמקין - ראָזענבערג, ניו-יאָרק, 1984



Descendants of the Nichamin - Rosenberg family, New York, 1984

גייט דער ייִנגערער ברודער, נעמט אַ פּאַק גאַרבן און טראָגט אים צו זײַן ברודערס הויז.

אויף מאָרגן זעען די ברידער אַז זיי האָבן די זעלבע צאָל גאַרבן. האָבן זיי זיך ביידע געוווּנדערט און גאָרניט געזאָגט.

די צווייטע נאַכט האָבן די ברידער נאָך אַ מאָל געטאָן דאָס זעלבע.

די דריטע נאַכט ווען די ברידער האָבן געטראָגן זייערע גאַרבן האָבן זיי זיך געזען אין מיטן וועג. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן געקושט.

מע זאָגט אַז מע האָט געבויט דעם בית-המיקדש אויף דעם אָרט וווּ די ברידער האָבן זיך געטראָפֿן.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| די אַגדה (אַגדות) *[agode(s)]* | legends |
| אים | him; it *(acc. + dat.)* |
| אָרעם | poor |
| באַאַרבעטן (באַאַרבעט) | to work on, to cultivate |
| ביידע | both |
| דער גאַרב(ן) | sheaf |
| געווען: זײַן | *past part. of* to be |
| * דאָס הויז (הײַזער): | house: |
| דאָס הײַזל(עך) | *dim. of* |
| * די העלפֿט(ן) | half |
| * העלפֿן (געהאָלפֿן) | to help |
| * וואָס | that *(conj.)* |
| וווּנדערן זיך (זיך געוווּנדערט) | to wonder |
| * דער וועג(ן) | road, way |
| * זיי | them *(acc. + dat.)* |
| * זעלב | same |
| טיילן (געטיילט) | to divide |
| * טראָגן (געטראָגן) | to carry |
| טרעפֿן זיך (זיך געטראָפֿן) | to meet |
| * די טרער(ן) | tear |
| * לויט | according to |
| * לייגן (געלייגט) | to lay, to put in lying position |
| * לעבן | near, beside, by |
| * מאָרגן | tomorrow |
| * דער מיטן(ס) | middle |
| * די ערד | earth; land, soil |
| דער פּאַק (פּעק) | pack, bundle |
| * דער פֿאָטער(ס) | father |
| די צאָל(ן) | amount |
| * צוזאַמען | together |
| * קושן (געקושט) | to kiss |
| דאָס רחמנות *[rakhmones]* | pity, compassion |

| | | | |
|---|---|---|---|
| to cut; to harvest | שנײַדן (געשניטן) | right, correct | ריכטיק |
| grain *[tvùe(s)]* | די תּבֿואה (תּבֿואות) | piece: | דאָס שטיקל(עך): |
| | | *dim. of* | דאָס (שטיק(ער) |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| in old age | אויף דער עלטער |
| the next day | אויף מאָרגן |
| to each other | * איינער צום צווייטן |
| in the middle of the road | * אין מיטן וועג |

## פֿראַגעס

1. וועלכער ברודער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און קינדער?
2. וואָס האָבן די ברידער געהאַט פֿון דעם טאַטן?
3. ווּ האָבן די ברידער געלייגט זייערע גאַרבן?
4. פֿאַר וואָס האָט דער עלטערער ברודער ניט געקענט שלאָפֿן?
5. וואָס האָט ער געטאָן אין מיטן נאַכט?
6. פֿאַר וואָס האָט דער ייִנגערער ברודער רחמנות געהאַט אויף זײַן ברודער?
7. וואָס האָבן די ברידער געטאָן ווען זיי האָבן זיך געזען אין מיטן וועג?
8. וואָס האָט מען געבויט אויף דעם אָרט ווּ די ברידער האָבן זיך געטראָפֿן?

## GRAMMAR

### I. Consecutive Word Order (So)

| | |
|---|---|
| My brother has two sons and a daughter | מײַן ברודער האָט צוויי זין און אַ טאָכטער, |
| so I have two nephews and a niece. | האָב איך צוויי פּלימעניקעס און אַ פּלימעניצע. |

| | |
|---|---|
| The older brother did not have a wife | דער עלטערער ברודער האָט ניט געהאַט קיין |
| and children, so he was alone. | ווײַב און קינדער, איז ער געווען אַליין. |

You have learned that the verb is always the second sentence unit. In the sentences above the inflected verb is the first word in the second (subordinate) clause. The second clause in each of these sentences uses the *consecutive word order*. The use of this word order implies *so / thus / therefore....* .

You may also begin a sentence with the *consecutive word order*. In this case, the *so* follows from the previous sentence.

| | |
|---|---|
| So the younger brother goes and takes a bundle of sheaves. | גייט דער ייִנגערער ברודער און נעמט אַ פּאַק גאַרבן. |

Note the difference between:

| | |
|---|---|
| I didn't have any money. | איך האָב ניט געהאַט קיין געלט. |
| So I didn't have any money. | האָב איך ניט געהאַט קיין געלט. |

Wherever עס is used as the impersonal or expletive subject of a sentence, it is dropped in the *consecutive word order*.

| | |
|---|---|
| It's cold outside. | 1. עס איז קאַלט אין דרויסן. |
| It's December now so it's cold outside. | 2. עס איז איצט דעצעמבער, איז קאַלט אין דרויסן. |
| My stomach hurts. | 3. עס טוט מיר וויי דער בויך. |
| I ate too much so my stomach hurts. | 4. איך האָב געגעסן צו פֿיל, טוט מיר וויי דער בויך. |

Where עס functions as the logical subject, i.e., where it refers to an antecedent neuter noun, עס is retained in the *consecutive word order* and is placed where the noun it refers to would have been placed.

| | |
|---|---|
| It's very expensive. | עס איז זייער טײַער. |
| The book is new, so it's very expensive. | דאָס בוך איז נײַ, איז עס זייער טײַער. |

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| The brothers had a piece of land from their father, so they cultivated it together. | 1. די ברידער האָבן געהאַט אַ שטיקל ערד פֿון זייער טאַטן, האָבן זיי עס צוזאַמען באַאַרבעט. |

| | |
|---|---|
| The older brother was thinking about his younger brother, so he couldn't sleep. | 2. דער עלטערער ברודער האָט געטראַכט וועגן דעם ייִנגערן ברודער, האָט ער ניט געקענט שלאָפֿן. |
| My daughter has a son, so I'm a grandmother. | 3. מײַן טאָכטער האָט אַ זון, בין איך אַ באָבע. |
| The sun is shining, so it's nice outside. | 4. די זון שײַנט, איז שיין אין דרויסן. |
| This is a holy place, so the Temple was built here. | 5. דאָס איז אַ הייליק (holy) אָרט, האָט מען דאָ געבויט דעם בית-המיקדש. |

## II. Article versus Possessive Adjective

In Unit 4 we learned that Yiddish generally uses the definite article rather than the possessive adjective with body parts when it is clear to whom these parts belong. Similarly, the definite article, rather than the possessive adjective, is used with family members when the possessive relationship is obvious.

### Sample Sentences:

| | |
|---|---|
| My head hurts me. | 1. עס טוט מיר וויי דער קאָפּ. |
| I'm putting my hands on my stomach. | 2. איך לייג די הענט אויף דעם בויך. |
| I have two brothers. My older brother lives in Winnipeg. | 3. איך האָב צוויי ברידער. דער עלטערער ברודער וווינט אין וויניפּעג. |
| How's your father? My father is well. | 4. וואָס מאַכט דער טאַטע? דער טאַטע איז געזונט. |
| Grandmother and grandfather still sang that. | 5. דאָס האָט נאָך געזונגען די באָבע מיטן זיידן. |
| Today I spoke to my sister. | 6. איך האָב הײַנט גערעדט מיט דער שוועסטער. |
| I am speaking to your sister. | 7. איך רעד מיט דײַן שוועסטער. |

## III. Adjectives used as Nouns

Sometimes adjectives may be used without nouns. The noun is implied and the adjective is inflected to agree with the implied noun.

| | |
|---|---|
| And the tired (man) and his limbs straightened out. | 1. און דער מידער מיט די גלידער האָט זיך אויסגעגלײַכט. פֿון "ברוך אתּה," אַבֿרהם רייזען |

2. עס זײַנען געווען צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווײַב און קינדער.

There were two brothers. The older (brother) did not have a wife and children.

3. איך האָב צוויי מומעס. די עלטערע, די קליגערע, וווינט אין פּאַריז.

I have two aunts. The older (one), the smarter (one) lives in Paris.

4. דו ווילסט ניט זײַן קיין גאַסט צווישן אַלע טויטע.

You don't want to be a guest among all the dead (people).

פֿון "אויפֿן וועג שטייט אַ בוים," איציק מאַנגער

## אַ ליד: די מחותּנים גייען

מאַרק וואַרשאַווסקי

1) די מחותּנים גייען, קינדער,
לאָמיר זיך פֿרייען – שאַט, נאָר, שאַט!
דער חתן איז גאָר אַ וווּנדער,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

רעפֿרײן: אײַ אײַ אײַ אײַ.....

2) דעם חתנס שוועסטער פֿריידל,
זי דרייט זיך ווי אַ דריידל – שאַט נאָר שאַט.
נעמט זי אַרײַן אין רעדל,
און שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

אײַ אײַ אײַ אײַ....

3) אָט גייט דער פֿעטער מינדיק,
וואָס האָבן מיר געזינדיקט? שאַט נאָר שאַט.
ער בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק,
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.

אײַ אײַ אײַ אײַ....

4) דאָרט גייט דעם חתנס פֿעטער,
דאָס בײַכל גלעט ער — שאַט נאָר שאַט.
ער איז פֿעטער פֿון אַלע פֿעטערס.
שפּילט אַ לידעלע דעם חתנס צד.
אײַ אײַ אײַ אײַ ...

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| דער אינדיק(עס) | turkey |
| בלאָזן זיך (זיך געבלאָזן) | to puff; to give oneself airs |
| גאָר | altogether, quite |
| גלעטן (געגלעט) | to stroke |
| * דרייען זיך (זיך געדרייט) | to turn, to spin |
| * דער וווּנדער(ס) | wonder, marvel |
| זינדיקן (געזינדיקט) | to sin |
| * דער חתן(ים) [khosn-khasanim] | bridegroom (to be) |
| פֿעט(ער) | fat(ter) |
| פֿרייען זיך (זיך געפֿרייט) | to rejoice, to be glad |
| * שאַ(ט) | hush! quiet! wait! |




פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

**More Cognates**

Here is a list of Yiddish words and their English cognates. Where the cognate is not synonymous with the literal translation of the word, the cognate is given in parentheses.

| | | | |
|---|---|---|---|
| fourth | דאָס פֿערטל | weather | דער וועטער |
| (blows) to blow | בלאָזן | (will) to want | וועלן |
| sun | די זון | wind | דער ווינט |
| warm | וואַרעם | to shine | שײַנען |
| clear | קלאָר | blue | בלוי |
| daughter | די טאָכטער | brother | דער ברודער |
| older, elder | עלטערער | son | דער זון |
| pack | דער פּאַק | alone | אַליין |
| to help | העלפֿן | right | ריכטיק |
| sister | די שוועסטער | rich | רײַך |
| (small) narrow | שמאָל | broad | ברייט |
| | | (rucksack) back | דער רוקן |

# EXERCISES

I. **Make complete sentences out of each pair of clauses; put the second clause of each pair in the consecutive word order.**

1. (עס גייט אַ רעגן) + (ער נעמט אַ שירעם (umbrella)).
2. (די זון שײַנט) + (עס איז שיין אין דרויסן).
3. (די זון שײַנט) + (דער הימל איז בלוי).
4. (דער הימל איז בלוי) + (עס זײַנען ניטאָ קיין וואָלקנס).
5. (עס איז שיין אין דרויסן) +(די בעלעמער גייען שפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט).
6. (עס איז הײַנט חנוכּה) + (איר עסן לאַטקעס).
7. (דער שלעכטער מלך האָט געוואָלט אַז יעדער פֿאָלק זאָלן ווערן גריכיש) + (אַלע פֿעלקער האָבן אַזוי געטאָן).

8. (די ייִדן האָבן ניט געוואָלט דינען די גריכישע געטער) + (דער מלך איז געוואָרן אין כּעס).
9. (דער זיידע האָט געהאַט צוויי ברידער) + (איך האָב צוויי עלטער (great) - פֿעטערס).
10. (מײַן ברודער האָט צוויי טעכטער) + (איך האָב צוויי פּלימעניצעס).
11. (בערלס שוועסטערקינד וווינט אין דרום-אַפֿריקע) + (ער קען אים ניט).
12. (מײַן ווײַבס עלטערן לעבן) + (איך האָב אַ שווער און אַ שוויגער).
13. (די ברידער האָבן געוויינט) + (זיי האָבן טרערן אין די אויגן).
14. (מײַן ברודער האָט אַ ווײַב און קינדער) + (עס איז ניט ריכטיק וואָס איך נעם אַ העלפֿט פֿון דער תּבֿואה).

## II. Complete the sentence using the consecutive word order:

1. עס טוט מיר וויי דער קאָפּ,
2. בערל האָט געהאַקט אַ טשײַניק,
3. די מומע איז אָרעם,
4. די עלטערע טאָכטער האָט געלייענט דאָס בוך,
5. די באָבע איז קראַנק,
6. די שוועסטער איז פֿאַרקילט,
7. איך לערן זיך ייִדיש,
8. די זין האָבן געוווינט מיט די עלטערן,
9. מיר עסן בולבעס וואַרעמעס און וועטשערע,

## III. Fill in the correct family member.

1. איך האָב דרײַ קינדער, אַ טאָכטער און צוויי________. איך בין אויך אַ ___________ (masc.) ווײַל מײַן שוועסטער האָט אַ זון. דאָס ייִנגעלע איז מײַן __________ און מײַנע קינדער זײַנען זײַנע __________.

2. מײַן מאַמעס מאַמע, דאָס הייסט, מײַן ________, האָט געוווינט לעבן ניו־יאָרק. איצט וווינט זי אין ניו־יאָרק לעבן מײַנע טאַטע־מאַמע. אירע ________________. איר מאַן, מײַן ________, איז צום באַדויערן, געשטאָרבן. ער האָט מיך (me) ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם (own) __________ און ניט ווי קיין ________.

3. איך בין אַ באָבע. מײַן טאָכטער און _____ האָבן צוויי קינדער, און מײַן זון און _____ האָבן דרײַ _____ און איין טאָכטער. איך האָב, קיין עין־הרע, זעקס

(6) ______ . איך בין אויך אַ מומע און אַן עלטער (grand) - מומע. דעם מאַנס ברודער, דאָס הייסט, דער______, און זײַן ווײַב, מײַן ______, האָבן אַ סך קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך. איך האָב אַ סך ________ און ________.

**IV. Rewrite the exercise above. Wherever possible use the definite article instead of the possessive adjective.**

**V. Translate into Yiddish:**

1. The sisters put the grain near [the] house. The older [sister] could not sleep.
2. The very poor brother-in-law cultivated the soil.
3. Both sisters divided the potatoes in two equal halves (half on half).
4. The old grandfather had tears in his (the) eyes.
5. Once [there] was a poor grandmother. She lived in a little village.
6. Speak *(sg.)* Yiddish correctly.
7. My (The) nephew took a piece of bread.
8. The two brothers wanted the same amount [of] sheaves [of] grain.
9. One wants joy from children but sometimes (אַ מאָל) one has troubles.
10. The two sisters both said nothing to each other (one to the other).
11. I pity him (It's a pity on him). He lives alone and has nothing.
12. The daughter-in-law saw her mother-in-law in [the] middle [of the] road.
13. My (The) father gave us this piece [of] land.
14. The older brother thinks about the (דעם) younger brother.
15. One must help the poor.

**VI. Fill in the appropriate endings for the articles and adjectives:**

1. ד___ יונג___ פּלימעניק האָט ליב ד___ שיינ___ פּלימעניצע.
2. מיר האָבן געזען ד___ קלוג___ שווער.
3. איך האָב געהאַט אַן עלטער___ ברודער.
4. ד___ רײַכ___ זין האָבן געפֿרעגט עטלעכע גוט___ פֿראַגעס.
5. ד___ אָרעמ___ שוויגער וויל ד___ נײַ___ טיש.
6. ד___ ייִנגער___ זון האָט אַ שיינ___ ווײַב.
7. ד___ רײַכ___ שוועסטערקינד האָט געווינט אומעטום.
8. ד___ טאַטע וויל ניט קיין אָרעמ___ איידעם.
9. מיר האָבן אַן אמת___ ייִדיש___ משפּחה.
10. ד___ שנור האָט קראַנק___ עלטערן.

11. ד____ צוויי זין טײלן ד____ תּבֿואה העלפֿט אויף העלפֿט.

12. ד____ גוט____ ברידער זעען זיך אין מיטן וועג.

13. ד____ עלטערער ברודער נעמט ד____ גרויס____ גאַרבן.

14. דער עלטער____ ברודער קושט ד____ ייִנגער____.

# ORAL PRACTICE

**VII. Rearrange these sentences putting the highlighted words first. Read aloud:**

1. צוויי ברידער האָבן אַ מאָל געוווינט אין אַ דערפֿל.
2. זיי האָבן באַאַרבעט די ערד צוזאַמען.
3. מע האָט געלייגט די גאַרבן לעבן הויז.
4. דער ייִנגערער ברודער האָט גענומען אַ פּאַק גאַרבן אין מיטן נאַכט.
5. "עס איז אַ רחמנות אויף אים," טראַכט דער ייִנגערער ברודער.
6. ער האָט געטראָגן אין האַנט אַ פּאַק גאַרבן.
7. זיי האָבן זיך געזעגן אין מיטן וועג.
8. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן געקושט.
9. ער איז צום באַדויערן קראַנק.
10. איך האָב פֿון דער מאַמעס צד עטלעכע שוועסטערקינדער.
11. דער טאַטע האָט ניט קיין חתונה-געהאַטע טעכטער.
12. דער אָרעמער ברודער האָט נעבעך גרויסע צרות.
13. ער האָט געשריבן אַ בוך וועגן זײַן שטעטל.

# SUPPLEMENTARY READING

This song is more advanced than the rest of the lesson. However, it is very beautiful and popular and ties in with the theme of משפּחה. You may want to try it now - or, perhaps, a little later.

## אויפֿן וועג שטייט אַ בוים
### איציק מאַנגער

1) אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איַינגעבויגן,
אַלע פֿייגל פֿונעם בוים
זיַינען זיך צעפֿלויגן.

2) דריַי קיין מערבֿ, דריַי קיין מיזרח,
און דער רעשט – קיין דרום,
און דעם בוים געלאָזט אַליין
הפֿקר פֿאַר דעם שטורעם.

3) זאָג איך צו דער מאַמען: – הער,
זאָלסט מיר נאָר ניט שטערן,
וועל איך, מאַמע, איינס און צוויי
באַלד אַ פֿויגל ווערן...

4) איך וועל זיצן אויפֿן בוים
און וועל אים פֿאַרוויגן
איבערן ווינטער מיט אַ טרייסט,
מיט אַ שיינעם ניגון.

5) זאָגט די מאַמע: ־ניטע, קינד, –
און זי וויינט מיט טרערן –
– ווערסט חלילה אויפֿן בוים
מיר פֿאַרפֿרוירן ווערן.

6) זאָג איך: – מאַמע, ס'איז אַ שאָד
דיַינע שיינע אויגן, –
און אײדער וואָס און אײדער ווען,
בין איך מיר אַ פֿויגל.

7) וויינט די מאַמע: – איציק, קרוין,
זע, אום גאָטעס ווילן,
נעם זיך מיט אַ שאַליקל,
קענסט זיך נאָך פֿאַרקילן.

8) – די קאַלאָשן טו זיך אָן,
ס'גייט אַ שאַרפֿער ווינטער
און די קוטשמע נעם אויך מיט –
וויי איז מיר און ווינד מיר...

9) – און דאָס ווינטער-ליַיבל נעם,
טו עס אָן, דו שוטה,
אויב דו ווילסט ניט זיַין קיין גאַסט
צווישן אַלע טויטע.

10) כ'הייב די פֿליגל, ס'איז מיר שווער,
צו פֿיל, צו פֿיל זאַכן,
האָט די מאַמע אָנגעטאָן
איר פֿייגעלע, דעם שוואַכן.

11) קוק איך טרויעריק מיר אַרײַן
אין מײַן מאַמעס אויגן,
ס'האָט איר ליבשאַפֿט ניט געלאָזט
ווערן מיר אַ פֿויגל...

12) אויפֿן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער אײַנגעבויגן,
אַלע פֿייגל פֿונעם בוים
זײַנען זיך צעפֿלויגן....




פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| don't | ניטע |
| to lull (to sleep) | פֿאַרוויגן (פֿאַרוויגט) |
| frozen | פֿאַרפֿרוירן (דער פֿאַרפֿרוירענער) |
| to catch cold | פֿאַרקילן זיך (זיך פֿאַרקילט) |
| bird | דער פֿויגל (פֿייגל) |
| wing | דער פֿליגל (פֿליגל/ען) |
| between, among | צווישן |
| too many | צו פֿיל |
| to fly in all directions | צעפֿליִען זיך (זײַנען זיך צעפֿלויגן) |
| galosh, rubber *(n.)* | דער קאַלאָש(ן) |
| fur cap | די קוטשמע(ס) |
| crown *(affec.)* | (די) קרוין |
| rest | דער/די/דאָס רעשט(ן) |
| scarf | דאָס שאַליקל(עך) |
| sharp | שאַרף |
| weak | שוואַך |
| heavy, difficult | שווער |
| fool *[shoyte-shoytim]* | דער שוטה (שוטים) |
| storm | דער שטורעם(ס) |
| to stand | שטיין (איז געשטאַנען) |
| to bother, to hinder | שטערן (געשטערט) |

| | |
|---|---|
| over the | איבערן = איבער דעם |
| bent, bowed | אײַנגעבויגן |
| soon | באַלד |
| tree | דער בוים (ביימער) |
| guest | דער גאַסט (געסט) |
| south | דרום *[dorem]* |
| to raise, to lift | הייבן (געהויבן) |
| abandoned *(adj. predicative)* *[hefker]* | הפֿקר |
| to cry | וויינען (געוויינט) |
| winter | דער ווינטער(ן/ס) |
| winter undershirt; jacket | דאָס ווינטער-לײַבל(עך) |
| thing | די זאַך(ן) |
| to sit | זיצן (איז געזעסן) |
| God forbid! | חלילה *[kholile]* |
| dead (person) | דער טויטער (טויטע) |
| sadly | טרויעריק |
| comfort, consolation | די טרייסט |
| to let, to allow | לאָזן (געלאָזט) |
| love, affection, fondness | די ליבשאַפֿט |
| undershirt, jacket | דאָס לײַבל(עך) |
| east | מיזרח *[mizrekh]* |
| west | מערבֿ *[mayrev]* |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| for God's sake | אום גאָטעס ווילן |
| before you know it | איידער וואָס און איידער ווען |
| Woe is me! Alas and alack! | וויי איז מיר און ווינד מיר! |

# UNIT 9

## דאָס נײַנטע קאַפּיטל

## LESSON 9A לעקציע נײַן א׳

# קליידער

אַהרן: ווּ ביסטו געווען נעכטן?

איידל: דוד און איך זײַנען געגאַנגען קויפֿן נײַע קליידער אין די געשעפֿטן אויף דער פֿיר און דרײַסיקסטער גאַס. מיר זײַנען געפֿאָרן מיט דער באַן אין דער פֿרי און געבליבן דאָרטן אַ גאַנצן טאָג.

אַהרן: וואָס פֿאַר אַ מציאות האָט איר דאָרטן געכאַפּט?

איידל: איך האָב געקויפֿט זיבן פּאָר וואָלענע זאָקן פֿאַר צען דאָלאַר, און דוד האָט געפֿונען אַ פּאָר ברוינע וואָלענע הויזן פֿאַר אַכט דאָלאַר.

אַהרן: אַ ווילדע מציאה! וואָס נאָך האָט איר געקויפֿט?

איידל: איך האָב זיך געקויפֿט אַ גרויע בלוזקע.

אַהרן: מעג איך פֿרעגן וויפֿל דו האָסט באַצאָלט?

איידל: צו פֿיל. עס איז געווען זייער טײַער אָבער עס געפֿעלט מיר. איך האָב עס געקויפֿט בײַ האָלטן.

אַהרן: איך האָב ניט געוווּסט אַז האָלטס פֿאַרקויפֿט בלוזקעס.

איידל: יאָ, מע פֿאַרקויפֿט דאָרטן בלוזקעס און העמדער פֿאַר מענער אויך. דוד האָט דאָרטן געקויפֿט אַ העמד מיט אַ שוואַרץ רעקל, -זייער ביליק, צוזאַמען וויניקער פֿון פֿינף און פֿערציק דאָלאַר. איך האָב געקויפֿט אַ קליידל, און אַ קאָמפּלעט מיט אַ רעקל, אַ וועסטל, און אַ לאַנגע ספּודניצע.

אַהרן: לאַנגע ספּודניצעס זײַנען איצט אין דער מאָדע.

איידל: איך קען זי טראָגן מיט די בלויע שטיוול אָדער מיט די שוואַרצע שיך.

אַהרן: צערײַס געזונטערהייט! מירל וויל קויפֿן אַ נײַעם ווינטער-מאַנטל. ווּ זאָלן מיר גיין?

איידל: גייט אויף דער צוויי און דרײַסיקסטער גאַס. איך האָב געזען דאָרטן אַ סך געשעפֿטן מיט מאַנטלען.

26. אַהרן: אַ שיינעם דאַנק! אפֿשר קענסטו מיר ווײַזן ווי דו זעסט אויס אין
27. דײַנע נײַע קליידער.
28. איידל: אַוודאי. (זי גייט און טוט זיך אָן די קליידער).
29. אַהרן: זייער שיין! דאָס הייסט אויסגעפּוצט! דער קאָמפּלעט פּאַסט דיר,
30. איצט טו אָן דאָס היטל.
31. (איידל טוט אָן דאָס היטל.)
32. אַהרן: זייער עלעגאַנט! טראָג געזונטערהייט!

## שפּריכווערטער און אידיאָמען

| | |
|---|---|
| 1. עס איז ניט דײַן געשעפֿט. | It's not your business. |
| 2. אויספּוצן זיך אַזוי ווי יענטעלע צום גט, (דו האָסט זיך אויסגעפּוצט...) | to get all dressed up (*Lit.* "to deck oneself out like Yentele going to her divorce") |
| 3. אויפֿן גנבֿ ברענט דאָס היטל. | You've got guilt written all over your face. (*Lit.* "On the thief the hat is burning.") |
| 4. וואָס ביליק איז טײַער. | What's cheap is expensive. |

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| * אַוודאי *[avade]* | of course, certainly |
| אויסגעפּוצט | dressed up *(adj.)* |
| * אויסזען (אויסגעזען) | to look, to appear |
| אויספּוצן זיך (זיך אויסגעפּוצט) | to dress up |
| אַכט | eight |
| * אָנטאָן (אָנגעטאָן) | to put on (clothes) |
| * אָנטאָן זיך (זיך אָנגעטאָן) | to put on clothes (alternate form) |
| די באַן(ען) | train |
| באַצאָלן (באַצאָלט) | to pay |
| ביליק | cheap |
| די בלוזקע(ס) | blouse |
| * בלײַבן (איז געבליבן) | to stay, to remain |
| * ברוין | brown |
| דער גט(ן) *[get(n)]* | divorce |
| * גיין (איז געגאַנגען) | to go, to walk |

| | |
|---|---|
| געפֿעלן (איז געפֿעלן) | to like, to please, to appeal to: |
| עס געפֿעלט מיר | I like this (*Lit.* "This pleases me") |
| דאָס געשעפֿט(ן) | business |
| גרוי | grey |
| * גרין | green |
| * דער דאָלאַר (דאָלאַר/ן) | dollar |
| * די הויזן | pants |
| * דאָס היטל(עך): | hat : |
| דער הוט (היט) *dim. of* | |
| * דאָס העמד(ער) | shirt |
| וואָלן (דער וואָלענער) | wool *(adj.)* |
| * וואָס נאָך | what else |
| * וואָס פֿאַר אַ | what kind of |
| ווײַזן (געוויזן) | to show |
| ווייניקער | less |
| * דער ווינטער(ן) | winter |
| * וויפֿל | how much, how many |
| דאָס וועסטל(עך) | vest |
| * דער/די זאָק(ן) | sock |
| * זיבן | seven |
| * זיך | oneself (refers to *subj.*) |
| זען אויס ← אויסזען | |
| טאָן אָן ← אָנטאָן | |
| * טראָגן (געטראָגן) | to wear, to carry |
| כאַפּן (געכאַפּט) | to catch, to grab |
| דער מאַן (מענער) | man |
| * דער מאַנטל (ען) | coat |
| מיך | me |
| מעגן (געמעגט) | may, to be allowed |

| | |
|---|---|
| די מציאה (מציאות) | bargain *[metsie(s)]* |
| נעכטן | yesterday |
| די ספּודניצע(ס) | skirt |
| * עלעגאַנט | elegant |
| פּאַסן (געפּאַסט) | to suit, to be becoming, to match |
| די פּאָר (פּאָר) | pair |
| פֿאָרן (איז געפֿאָרן) | to go (by vehicle), to travel |
| פֿאַרקויפֿן (פֿאַרקויפֿט) | to sell |
| פֿיל | much, many |
| * פֿינף און פֿערציק | forty-five |
| פֿיר און דרײַסיק[סט] | thirty-four[th] |
| צו | too; to |
| צוויי און דרײַסיק[סט] | thirty-two [second] |
| * דער קאָמפּלעט(ן) | suit |
| * קויפֿן (געקויפֿט) | to buy |
| דאָס קליידל(עך): | dress: |
| דאָס קלייד(ער) *dim. of* | |
| די קליידער | clothes |
| דאָס רעקל(עך) | jacket |
| דאָס שאַליקל(עך) | scarf |
| דער שוך (שיך) | shoe |
| דער שטיוול (שטיוול) | boot |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| אַ ווילדע מציאה *[metsie]* | a big (*Lit.* "wild") bargain |
| אין דער מאָדע | in style |
| * אין דער פֿרי | in the morning |

* טראָג(ט) געזונטערהייט! — Wear it in good health! (said when somebody gets a new article of clothing)

* כאַפּן אַ מציאה *[metsie]* — to get a bargain

צו פֿיל — too much

צערײַס(ט) געזונטערהייט! — Tear it in good health! (said when somebody gets a new article of clothing, especially for apparel made of fur or leather, e.g., shoes)

## GRAMMAR

### I. Past Tense of Verbs Conjugated with the Auxiliary Verb זײַן *to be*

As you learned in Unit 7 most verbs in the past tense are conjugated with the auxiliary verb האָבן, some, however, are conjugated with the auxiliary verb זײַן.

Verbs that use זײַן as a helping verb in the past tense are:

- generally verbs of motion or being
- almost always intransitive
- verbs that involve the whole body. For example, although you walk only with your legs, all of you moves when you walk. The past tense of איך גיי is, therefore, איך בין געגאַנגען.

If a verb is conjugated with זײַן, its opposite is also conjugated with זײַן. Therefore, קומען and גיין; זיצן, שטיין, and ליגן all take the auxiliary verb זײַן.

If these definitions prove confusing, simply memorize the list of verbs below. It includes most of the verbs conjugated with זײַן.

| | *PAST PART.* | *INFINITIVE* | | *PAST PART.* | *INFINITIVE* |
|---|---|---|---|---|---|
| to be | געווען | זײַן | to stay, to remain | געבליבן | בלײַבן |
| to sit | געזעסן | זיצן | to go, to walk | געגאַנגען | גיין |
| to run | געלאָפֿן | לויפֿן | to like, to appeal | געפֿעלן | געפֿעלן |
| to lie | געלעגן | ליגן | to happen (*only 3rd person impers.*) | געשען | געשען |
| to travel, to go by vehicle | געפֿאָרן | פֿאָרן | to hang (*intrans.*) | געהאָנגען | הענגען |
| to fly | געפֿלויגן | פֿליִען | to grow | געוואַקסן/געוואָקסן | וואַקסן |
| to come | געקומען | קומען | to become | געוואָרן | ווערן |
| to stand | געשטאַנען | שטיין | to ride (animal) | געריטן | רײַטן |
| to sleep | געשלאָפֿן | שלאָפֿן | to swim | געשוווּמען | שווימען |
| to jump | געשפּרונגען | שפּרינגען | to die | געשטאָרבן | שטאַרבן |

All past participles of verbs conjugated with זײַן end in ן. The past participle of verbs conjugated with האָבן may end in ט or ן.The participle of each verb must be memorized individually. Unless איז is given in parentheses with the participle, the verbs listed in the vocabulary are conjugated with האָבן.

| | |
|---|---|
| I went to buy new clothes. | 1. איך בין געגאַנגען קויפֿן נײַע קליידער. |
| Today you went by train. | 2. הײַנט ביסטו געפֿאָרן מיט דער באַן. |
| The blouse was a bargain. | 3. די בלוזקע איז געווען אַ מציאה. |
| In the city we became exhausted. | 4. אין שטאָט זײַנען מיר געוואָרן אויסגעמוטשעט. |
| Why did you not sleep at night? | 5. פֿאַר וואָס זײַט איר ניט געשלאָפֿן בײַ נאַכט? |
| They didn't come in the morning. | 6. אין דער פֿרי זײַנען זיי נישט געקומען. |

**II. Numbers**

| | | | |
|---|---|---|---|
| 0 | נול | 18 | אַכצן |
| 1 | איינס | 19 | נײַנצן |
| 2 | צוויי | 20 | צוואַנציק/צוואָנציק |
| 3 | דרײַ | 21 | איין און צוואַנציק |
| 4 | פֿיר | 22 | צוויי און צוואַנציק |
| 5 | פֿינף/ פֿינעף | 30 | דרײַסיק |
| 6 | זעקס | 31 | איין און דרײַסיק |
| 7 | זיבן | 40 | פֿערציק |
| 8 | אַכט | 50 | פֿופֿציק |
| 9 | נײַן | 60 | זעכציק |
| 10 | צען | 70 | זיבעציק |
| 11 | עלף | 80 | אַכציק |
| 12 | צוועלף | 90 | נײַנציק |
| 13 | דרײַצן | 100 | הונדערט |
| 14 | פֿערצן | 115 | הונדערט (און) פֿופֿצן |
| 15 | פֿופֿצן | 200 | צוויי הונדערט |
| 16 | זעכצן | 1,000 | טויזנט |
| 17 | זיבעצן | 1,000,000 | אַ מיליאָן |

**Note:** The change that occurs in the base form of the number to construct the "–teen" form also occurs in the construction of the "–ty" form.

| | | |
|---|---|---|
| פֿיר | פֿערצן | פֿערציק |
| פֿינף | פֿופֿצן | פֿופֿציק |
| זיבן | זיבעצן | זיבעציק |

**III. אַ with numbers = approximately**

אַ מיליאָן means "one million," but הונדערט and טויזנט mean "one hundred" and "one thousand" respectively. אַ הונדערט and אַ טויזנט mean "approximately a hundred" and "approximately a thousand." In fact, אַ before any number less than a million implies "approximately" or "about." Once you get to a million, who's counting?

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| I bought approximately two or three pairs of socks. | 1. איך האָב געקויפֿט אַ צוויי-דרײַ פּאָר זאָקן. |
| My husband has approximately a hundred cousins. | 2. מײַן מאַן האָט אַ הונדערט שוועסטערקינדער. |
| The girl tried on (put on) about ten pairs of boots. | 3. דאָס מיידל האָט אָנגעטאָן אַ צען פּאָר שטיוול. |
| The store sold one thousand coats. | 4. דאָס געשעפֿט האָט פֿאַרקויפֿט (איין) טויזנט מאַנטלען. |

**IV. Mathematical Expressions**

| | |
|---|---|
| + | פּלוס, און, מיט |
| - | מינוס |
| x | מאָל |
| / or ÷ | געטיילט אויף |
| = | איז (גלײַך) |
| 9/3=3 | נײַן געטיילט אויף דרײַ איז (גלײַך) דרײַ. |

**V. Cardinal Number One: איין and איינס**

When you count, you use the form **איינס** for *one*: **איינס, צוויי, דרײַ.......**

But when "*one*" is part of a greater number such as 21, 31, or 100 you use **איין**.

**איין און צוואַנציק   איין און דרײַסיק   (איין) הונדערט   הונדערט (און) איינס**

You also use **איין** when "*one*" modifies a noun.

**איין פֿעדער, איין שוך, איין קינד, איין לערער**

When the pronoun ***one*** is the subject, object, or a predicate noun, it is inflected like the predicate adjective. We shall learn about this in Vol. II.

| | |
|---|---|
| One plus one is two. | .1 איינס פּלוס איינס איז צוויי. |
| You have only one mother. | .2 מע האָט נאָר איין מאַמע. |
| I bought one skirt and two blouses. | .3 איך האָב געקויפֿט איין ספּודניצע און צוויי בלוזקעס. |
| There are twenty-one children in the class. | .4 עס זײַנען דאָ איין און צוואַנציק קינדער אין קלאַס. |
| The pants cost $41.00. | .5 די הויזן קאָסטן איין און פֿערציק דאָלאַר. |
| It must be one of the two. | .6 עס מוז זײַן איינס פֿון די צוויי. |
| How many shirts did your husband buy? He bought one shirt. | .7 וויפֿל העמדער האָט דײַן מאַן געקויפֿט? ער האָט געקויפֿט איין העמד. |

**VI. Plural of דאָלאַר**

When the word **דאָלאַר** is modified by a number such as $2.00, $5.00, $35.00, $100.00, or when you say "a couple of dollars," the word **דאָלאַר** stays in the singular form:

**צוויי דאָלאַר, פֿינף דאָלאַר, פֿינף און דרײַסיק דאָלאַר, הונדערט דאָלאַר, אַ פּאָר דאָלאַר.**

However, when the plural meaning is used unmodified or modified by something other than the precise number, the plural form **דאָלאַרן** is used:

**אַמעריקאַנער דאָלאַרן, אַ סך דאָלאַרן, אַלטע דאָלאַרן, נײַע דאָלאַרן.**

| | |
|---|---|
| I want dollars and not pounds. | 1. איך וויל דאָלאַרן און ניט קיין פֿונטן. |
| These old dollars are not good now, you need new dollars. | 2. די אַלטע דאָלאַרן זײַנען איצט ניט גוט, מע דאַרף האָבן נײַע דאָלאַרן. |

This rule applies to other units of money and to units of time such as יאָר and מינוט. However, this rule does not apply to all units of money and time. You will learn more about this in Vol. II Lesson 19B.

### VII. אָנטאָן and זיך אָנטאָן

When transitive, the verb אָנטאָן (to put on clothes) may be used with or without זיך. When intransitive and reflexive, it is always used with זיך (*i.e.*, to get dressed) provided that the subject is dressing him/herself.

| | |
|---|---|
| Go get dressed. | 1. גיי טו זיך אָן. |
| Put on your galoshes. And take your winter undershirt, put it on, you fool. | 2. די קאַלאָשן טו (זיך) אָן.... און דאָס ווינטער-לײַבל נעם, טו עס אָן, דו שוטה. |
| | פֿון "אויפֿן וועג שטייט אַ בוים" איציק מאַנגער |
| We put on our clothes. | 3. מיר טוען (זיך) אָן די קליידער. |
| The children have to put on boots. | 4. די קינדער דאַרפֿן (זיך) אָנטאָן שטיוול. |

## אַ ליד: וווּ ביסטו געווען?

*פֿאָלקסליד*

This popular song should help you with the past tense.

1) וווּ ביסטו געווען,
ווען געלט איז געווען
און דער נדן
איז געלעגן אויפֿן טיש?

2) הײַנט ביסטו דאָ
און קיין געלט איז ניטאָ
און דאָס לעבן
איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

3) וווּ ביסטו געווען
ווען די יוגנט איז געווען
און דאָס לעבן
איז געווען צוקער-זיס?

4) הײַנט ביסטו דאָ
און די האָר זײַנען גראָ.
און דאָס לעבן
איז געוואָרן אַזוי מיאוס.

5) ווו ביסטו געווען
ווען די יוגנט איז געווען
און דאָס האַרץ
האָט מיט ליבע געברענט?

6) הײַנט ביסטו דאָ
און דער קאָפּ איז שוין גראָ,
און עס ציטערן בײַ מיר
שוין די הענט.

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| * גראָ = גרוי | grey | * דער נדן(ס) [nàdn(s)] | dowry |
| * די יוגנט | youth | צוקער-זיס | sweet as sugar |
| די ליבע(ס) | love | ציטערן | to quiver, to tremble |
| * ליגן (איז געלעגן) | to lie | * שוין | already |
| * דאָס לעבן(ס) | life | | |




פֿון דורות זינגען צונויפֿגעשטעלט פֿון שמואל בוגאַטש, פֿאַרבאַנד ביכער-פֿאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1961.
From *Songs of Our People: A Collection of Hebrew and Yiddish Songs*, edited by Samuel Bugatch, Farband Book Pub. Assoc. Inc., N.Y., N.Y., 1961.

# EXERCISES

**I. Answer the following questions in a full sentence using the answers provided in parentheses:**

Example: ווער איז געגאַנגען קויפֿן נײַע קליידער? (די מאַמע)

די מאַמע איז געגאַנגען קויפֿן נײַע קליידער.

1. ווער איז נעכטן געווען אין דער היים? (איך)
2. ווער איז געפֿאָרן צו דער דרײַ און דרײַסיקסטער גאַס? (מיר)
3. ווער איז געגאַנגען אין דעם געשעפֿט? (איר)
4. ווער איז דאָרטן געבליבן אַ גאַנצן טאָג? (זיי)
5. ווער איז געוואָרן אַ לערער? (משה)
6. ווער איז געקומען אין עלעגאַנטע קליידער? (דו)
7. ווער איז געלאָפֿן צו דעם אָרעמען שוועסטערקינד? (זי)
8. ווער איז געזעסן אויף דעם אָרט? (איר)
9. ווער איז געשלאָפֿן אין בעט? (דאָס קינד)
10. ווער איז געבליבן אין געשעפֿט? (מיר)

**II. Put the following sentences in the past tense. Be careful, some of the verbs are conjugated with האָבן and some with זײַן.**

1. זי איז אויסגעפּוצט. 2. אויף דעם גנבֿ ברענט דאָס היטל. 3. מיר קויפֿן דעם מאַנטל אין דעם געשעפֿט. 4. די בלויע הענטשקעס זײַנען ביליק. 5. די גרינע הויזן ליגן אויף דעם טיש. 6. זיי כאַפּן מציאות. 7. דו ווילסט אַ שוואַרץ רעקל. 8. איך זע אַ סך שייַנע ספּודניצעס און וועסטלעך. 9. איר וויסן ווי צו קויפֿן שאַליקלעך אין הענטשקעס. 10. איר קומט פֿון דער פֿינף און דרײַסיקסטער גאַס. 11. די אָרעמע מענטשן גייען, זיי פֿאָרן ניט. 12. דו קויפֿסט זעקס פּאָר וואָלענע הויזן. 13. ער עסט אַלץ וואָס מע גיט אים. 14. איר בלײַבט אין דער היים מאָנטיק און דינסטיק. 15. דאָנערשטיק גייען זיי אין געשעפֿט. 16. מײַן ווײַב האָט אַן עלעגאַנטע שוואַרצע בלוזקע. 17. מענטשן שטאַרבן אומעטום. 18. אונדזער זון ווערט רײַך. 19. זײַן מאַמע זינגט אַ וויגליד.

**III. Put all the sentences in Exercise II in the negative – past tense.**

**IV. Complete the story by choosing one of the proverbs introduced in this lesson.**

1. פֿייגל האָט ליב צו טראָגן אַלטע קליידער אָבער הײַנט האָט זי אָנגעטאָן אַ נײַע ספּודניצע מיט אַ נײַ רעקל און וועסטל און שיינע הויכע שטיוול. ווען ברוך האָט געזען פֿייגלען אין די שיינע קליידער האָט ער געשמייכלט (smiled) און געזאָגט, "....."

2. אליהו איז ניט קיין אָרעמער מענטש נאָר ער האָט ליב צו כאַפּן מציאות. איז ער געגאַנגען און האָט געקויפֿט אַ פּאָר הויזן פֿאַר צוועלף דאָלאַר. ער האָט זיי געטראָגן צוויי וואָכן און זיי האָבן זיך צעריסן; איצט דאַרף ער נײַע הויזן. "נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?" האָט זײַן ווײַב געלאַכט פֿון אים, "....."

3. די קינדער האָבן געדאַרפֿט געבן געלט צו קויפֿן אַ מתּנה (present) פֿאַר דעם לערער. כאַצקעלע האָט פֿאַרגעסן צו ברענגען דאָס געלט. ווען דער לערער האָט געלייענט (read) אַלע נעמען אויף דעם קאַרטל (card) האָט כאַצקעלע ניט געהערט זײַן נאָמען. ער איז רויט געוואָרן און האָט געזאָגט, "זײַט מוחל, לערער, איך האָב פֿאַרגעסן מײַן נאָמען." די אַנדערע קינדער האָבן געלאַכט און געזאָגט, "......"

**V. Fill in the blanks with the appropriate number:**

וויפֿל?

1. מינדל און ברכה האָבן געהאַט דרײַצן ביכער.
זיי האָבן געקויפֿט צוויי נײַע ביכער.
איצט האָבן זיי ______________ ביכער.

2. די הויזן קאָסטן איין און צוואַנציק דאָלאַר.
די בלוזקע קאָסט פֿופֿצן דאָלאַר.
צוזאַמען קאָסטן זיי ______________ דאָלאַר.

3. דער אַנצוג קאָסט פֿינף און זעכציק דאָלאַר.
די שטיוול קאָסטן זיבן און צוואַנציק דאָלאַר.
צוזאַמען קאָסטן זיי ____________________ דאָלאַר.

4. דער טאַטע האָט צען ברידער.
די מאַמע האָט פֿינף ברידער און צוויי שוועסטער.
צוזאַמען האָב איך __________ מומעס און פֿעטערס.

**VI. Answer the following questions in a full sentence. Write out the numbers in words.**

1. וויפֿל מענטשן זײַנען דאָ אין דײַן משפּחה? 2. וויפֿל מאָל אַ טאָג עסטו? 3. וויפֿל ביכער האָסטו? 4. וויפֿל מיצוות (good deeds, commandments) האָט דער ייִד? 5. וויפֿל סענט זײַנען דאָ אין אַ דאָלאַר? 6. וויפֿל טעג זײַנען דאָ אין אַ וואָך? 7. אין וויפֿל לענדער (countries) ביסטו געווען? 8. וויפֿל געלט האָסטו אין באַנק (bank)? 9. וויפֿל געלט ווילסטו האָבן אין באַנק? 10. וויפֿל קאָסטן דײַנע שטיוול?

**VII. Write the numbers out in words and do the mathematics:**

1. 9+2= 2. 12x5= 3. 30-7= 4. 18+40= 5. 51+16=
6. 63+14= 7. 87+13= 8. 19+70= 9. 14+13= 10. 400+600=
11. 18/3= 12. 10x8= 13. 88/11=

**VIII. Translate into Yiddish:**

1.Where were you yesterday? 2. Yesterday we went [to] buy new clothes. 3. Did you walk (go to foot)? 4. No, we went (travelled) by (with the) (דער) train. 5. The teacher stayed at home. 6. My husband got many bargains but I bought expensive clothes. 7. How much did you pay for the black coat? 8. I didn't know that they sold (sell) boots and shoes here. 9. Of couse they sell boots and shoes. Unfortunately, they don't sell pants and skirts. 10. Wednesday, my (the) sister wore a beautiful new suit. 11. She looks, no evil eye, very elegant in her new skirt and jacket.

## ORAL PRACTICE

**IX. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly. Articles given are in the nominative case.**

1. — וואָס טראָגט זי?

— זי טראָגט אירע שוואַרצע שיך,[1] די ברוינע ספּודניצע,[2] די געלע בלוזקע[3] און דעם גרינעם מאַנטל.[4]

א) (די) שטיוול,[1] דאָס קליידל,[2] דאָס העמד,[3] דאָס רעקל[4])

ב) (זאָקן,[1] די הויזן,[2] דאָס רעקל,[3] דאָס היטל[4])

2. — ווו איז ער געווען?[1]

— ער איז געווען[1] אין דעם געשעפֿט.

א) (געגאַנגען[1])

ב) (געאַרבעט[1])

ג) (געפֿאָרן[1])

3. — ווו זײַנען זיי געווען?[1]

— זיי זײַנען געבליבן[1] אין שטאָט.

א) (געפֿאָרן[1])

ב) (געאַרבעט[1])

ג) (געוווינט[1])

**X. Complete the dialogue:**

1. — מיר זײַנען הײַנט געפֿאָרן אין שטאָט.

— וואָס האָט איר געטאָן?

— מיר האָבן געקויפֿט .......

2. — ווי זעט אויס אירל?

— זי איז זייער שיין און הויך און טראָגט עלעגאַנטע קליידער.

— האָסט ליב פֿרויען וואָס טראָגן עלעגאַנטע קליידער?

— איך.....

3. — וואָס איז דער מער?

— איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. די ספּודניצע געפֿעלט מיר זייער אָבער זי קאָסט פֿינף און פֿערציק דאָלאַר. די ספּודניצעס זײַנען ניט אַזוי שיין אָבער זיי קאָסטן צוויי פֿאַר פֿינף און פֿערציק דאָלאַר.

— נו, איך מיין .....

## XI. Conversation Topics:

1. You are shopping for clothes. Explain to the salesperson what you want to buy and approximately how much you would like to spend on each item. S/he tries to convince you to consider other alternatives.

2. You and your grandmother or grandfather go shopping together. S/he would like to buy you an article of clothing as a gift. To say the least, your ideas of where to shop and what is nice vary greatly.

# SUPPLEMENTARY SONG
# אַ מאָל איז געווען אַ מעשה

*פֿאָלקסליד*

1) אַ מאָל איז געווען אַ מעשה,
די מעשה איז גאָרניט פֿריילעך,
די מעשה הייבט זיך אָנעס
מיט אַ ייִדישן מלך.

2) אַ מאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה,
די מלכּה האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן,
ליוּלינקע, מײַן קינד.

רעפֿריין:
ליוּלינקע, מײַן פֿייגעלע,
ליוּלינקע, מײַן קינד.
כ׳האָב אָנגעווווירן אַזאַ ליבע,
וויי איז מיר און ווינד!

3) אין ווײַנגאָרטן איז געוואַקסן אַ בײמעלע,
דאָס בײמעלע האָט געהאַט אַ צווײַגעלע.
אויפֿן צווײַגעלע איז געוואַקסן אַ נעסטעלע,
אין נעסטעלע האָט געלעבט אַ פֿייגעלע.

4) דער מלך איז אָפּגעשטאָרבן,
די מלכּה איז געוואָרן פֿאַרדאָרבן,
דאָס צווײַגעלע איז אָפּגעבראָכן,
דאָס פֿייגעלע פֿון נעסט אַנטלאָפֿן.

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אָנהייבן זיך (זיך אָנגעהויבן) to begin | אָפּגעשטאָרבן ← אָפּשטאַרבן |
| אָנווערן (אָנגעווירן) to lose, to forfeit | אָפּשטאַרבן (איז אָפּגעשטאָרבן) to die off |
| אַנטלויפֿן (איז אַנטלאָפֿן) to run away | דאָס בײמעלע(ך): tree: |
| אָפּגעבראָכן (דער אָפּגעבראָכענער) broken off *(adj.)* | דער בוים (ביימער) *[min. of* |
| | הייבן זיך אָן ← אָנהייבן זיך |

| | | | |
|---|---|---|---|
| vineyard | דער ווײַנגאָרטן (גערטנער) | corrupt *(adj.)* | פֿאַרדאָרבן (דער פֿאַרדאָרבענער) |
| | ווערן אָן ← אָנווערן | bird: | דאָס פֿייגעלע(ך): |
| king *[melekh- m(e)lokhim]* | דער מלך (מלכים) | *dim. of* | פֿויגל (פֿייגל) |
| queen *[malke(s)]* | די מלכּה (מלכּות) | twig: | דאָס צווײַגעלע(ך): |
| nest: | דאָס נעסטעלע(ך): | *dim. of* | דאָס צווײַג(ל)(עך) |
| *imin. of* | די נעסט(ן) | | שטאַרבן אָפּ ← אָפּשטאַרבן |

## Idioms and Expressions

Woe is me!; Alas and alack! — !וויי איז מיר און ווינד



# UNIT 9

## דאָס נײַנטע קאַפּיטל

## לעקציע נײַן ב׳ LESSON 9B

# קלײדער

## הערשעלע אָסטראָפּאָליער און די גבֿירישע קלײדער

### פֿאָלקס-מעשׂה

---

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געװען אַן אמתער (true) מענטש (1770?-1810?), אָבער ער איז געװאָרן אַ העלד (hero) פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר (folklore). מע זאָגט אַז ער איז געקומען פֿון דער אוקראַיִנע (Ukraine) אָבער ער איז געװאָרן דער שוחט (ritual slaughterer) אין אָסטראָפּאָליע, פּױלן. ער האָט פֿאַרלאָרן (lost) זײַן אַרבעט װײַל ער האָט אָפּגעלאַכט (laughed at) פֿון די רײַכע און פֿון די פּרנסים פֿון שטעטל. אין אַ סך מעשׂיות װעגן אים איז הערשעלע דער העלד פֿון די אָרעמע און שװאַכע (weak).

---

אײן מאָל איז הערשעלע אָסטראָפּאָליער אָנגעקומען אין אַ שטעטל. דאָרטן האָט ער געהערט אַז דער גבֿיר פֿון שטעטל מאַכט חתונה זײַן טאָכטער. איז הערשעלע גלײַך געגאַנגען געבן אַ קוק, אָבער די דינערס בײַם גבֿיר האָבן ניט געװאָלט אַרײַנלאָזן אין שטוב קײן מענטש מיט אַלטע צעריסענע קלײדער.

איז הערשעלע גיך געלאָפֿן צו אַ באַקאַנטן. „באָרגט מיר אײַערע שבתדיקע קלײדער,‟ האָט הערשעלע געבעטן מיט טרערן אין די אױגן.

און דער באַקאַנטער האָט אים געבאָרגט זײַן שבתדיקע קאַפּאָטע און אַ פֿײַן היטל און גוטע שװאַרצע שטיװל און אַ רײן העמד, רײנע הױזן און װײַסע זאָקן. הערשעלע האָט אױסגעטאָן זײַן אַלטן מאַנטל און היטל, זײַנע צעריסענע שװאַרצע שיך, זײַן שמוציק װײַס העמד און די צעריסענע הױזן און האָט אָנגעטאָן די נײַע קלײדער.

ער איז געקומען אױף דער חתונה שײן אָנגעטאָן אין די רײַכע קלײדער, און מע האָט אים געזעצט אױף אַ בכּבֿודיק אָרט. ער איז געזעסן דאָרטן און אַלץ װאָס מע האָט אים געגעבן צו עסן האָט ער גלײַך געגאָסן אױף די

קלײדער; אויף דער שבתדיקער קאַפּאָטע, אויף דעם רײנעם ווײַסן העמד און די רײנע שוואַרצע הויזן, אויף די גוטע שוואַרצע שטיוול, און אַפֿילו אויף די רײנע ווײַסע זאָקן.

„הערשעלע, וואָס טוסטו?“ האָט אים עמעצער געפֿרעגט.

20. האָט הערשעלע קלוג געענטפֿערט, „ניט מיר גיט איר אָפּ כּבֿוד, נאָר די קלײדער.“

# VOCABULARY

- *אויסטאָן (אויסגעטאָן) — to take off clothing
- *אַלט — old
- אָנקומען (איז אָנגעקומען) — to arrive
- אָפּגעבן (אָפּגעגעבן) — to give (back)
- אַרײַנלאָזן (אַרײַנגעלאָזט) — to let in
- דער באַקאַנטער (באַקאַנטע) — acquaintance
- *באָרגן (געבאָרגט) — to borrow; to lend
- *בײַם = בײַ דעם — at the, at the house of
- *בכּבֿודיק — honored (adj.) [bekovedik]
- *בעטן (געבעטן) — to ask, entreat, beg
- * דער גבֿיר(ים) — rich man [gvir(im)]
- *גיך — quickly
- גיסן (געגאָסן) — to pour
- *גלײַך — straight, directly, right away
- געבן אָפּ ← אָפּגעבן
- *געבן אַ קוק — to take a look
- *דער דינער(ס) — servant
- *הונגעריק — hungry
- *ווײַס — white
- *זיצן (איז געזעסן) — to sit
- זעצן (געזעצט) — to seat (trans. v.)
- *די חתונה (חתונות) — wedding [khasene(s)]
- חתונה מאַכן (האָט ח' געמאַכט) — to marry off
- טאָן אויס ← אויסטאָן
- *דער כּבֿוד (כּיבודים) — honor [koved–kibudim]
- לאָזן אַרײַן ← אַרײַנלאָזן
- *לויפֿן (איז געלאָפֿן) — to run
- מאַכן חתונה ← חתונה מאַכן
- *נאָר — but
- עמעצער — somebody, anyone
- *דער פּלאַץ (פּלעצער) — place, seat
- *פֿײַן — fine, nice

| | | | |
|---|---|---|---|
| clean | *ריין | long coat worn by observant Jews | די קאַפּאָטע(ס) |
| Sabbath *(adj.)*; festive *[shabesdik]* | *שבתדיק | | *קומען אָן ← אָנקומען |
| dirty | *שמוציק | look, glance, glimpse | *דער קוק(ן) |

## Expressions

| | |
|---|---|
| to honor, to give honor to | אָפּגעבן כּבֿוד *[koved]* |
| to take a look | טאָן אַ קוק |

Note:
The verbs אויסטאָן, אָנקומען, אָפּגעבן, אַרײַנלאָזן, אָנטאָן, אויספּוצן זיך are called complemented verbs. They will be explained in Vol. II, Lesson 12B.

## פֿראַגעס

1. וואָס האָט דער גבֿיר פֿון שטעטל געטאָן?
2. פֿאַר וואָס האָבן די דינערס ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן הערשעלען?
3. ווו איז הערשעלע געלאָפֿן?
4. וואָס האָט הערשעלע געבעטן בײַ זײַן באַקאַנטן?
5. וווּ איז הערשעלע געגאַנגען אין די נײַע קליידער?
6. ווו איז הערשעלע געגעסן?
7. וואָס האָט הערשעלע געטאָן מיטן עסן (food) ?
8. פֿאַר וואָס?

## GRAMMAR

### I. Dative Case

When used as an indirect object or as the object of a preposition, a noun, the article, and the adjective(s) that modify it, are in the ***dative*** *case*.

The person to whom something is given, told, brought, or sent is usually in the dative case. The thing given, told, brought, sent, etc. is in the ***accusative*** case. Many verbs such as גלייבן and העלפֿן require the ***dative*** case although they would not logically seem to. These verbs must be memorized individually.

In the following sentences the highlighted words are either the indirect object of the verb or the object of a preposition and are in the ***dative*** case.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| We bring *the old man* a new coat. | 1. מיר בּרענגען דעם אַלטן מאַן אַ נײַעם מאַנטל. |
| The student gives *the good teacher* a kiss. | 2. דער תּלמיד גיט דעם גוטן לערער אַ קוש. |
| The mother gave *the good daughter* a new dress. | 3. די מאַמע האָט געגעבן דער גוטער טאָכטער אַ נײַ קלײדל. |
| The daughter-in-law lived with *her old mother-in-law*. | 4. די שנור האָט געוווינט מיט דער אַלטער שוויגער. |
| The father sang a lullaby to *the small child*. | 5. דער טאַטע האָט געזונגען דעם קלײנעם קינד אַ וויגליד. |
| The smart girl was talking to *a small child*. | 6. דאָס קלוגע מײדל האָט גערעדט מיט אַ קלײן קינד. |
| The rich people bring wheat to *the poor people*. | 7. די גבֿירים ברענגען די אָרעמע מענטשן תּבֿואה. |

The masculine dative is exactly the same as the masculine accusative. דער changes to דעם. See Unit 5 for the rules pertaining to the masculine accusative.

The adjective ends in ן whether it is preceded by a definite article, an indefinite article, or no article at all.

| | | |
|---|---|---|
| גרויס גרויסן | קלוג קלוגן | רײַך רײַכן |

| | |
|---|---|
| We are giving *the rich man* the money. | מיר גיבן דעם רײַכן מאַן דאָס געלט. |
| Why are we giving money to *a rich man*? | פֿאַר וואָס גיבן מיר געלט אַ רײַכן מאַן? |

Any other changes in the adjective endings which apply in the accusative will also apply in the dative.

| *Accusative + Dative* | *Nominative* | *Base* |
|---|---|---|

1. Adjectives ending in ם in the base form will end in ען in the dative.

| | | |
|---|---|---|
| אַ/דעם פֿרומען לערער | אַ/דער פֿרומער לערער | פֿרום |
| אַ/דעם קרומען וועג | אַ/דער קרומער וועג | קרום |

2. Adjectives ending in ן in the base form will end in עם in the dative.

| | | |
|---|---|---|
| אַ/דעם שײנעם מאַנטל | אַ/דער שײנער מאַנטל | שײן |
| אַ/דעם קלײנעם טיש | אַ/דער קלײנער טיש | קלײן |

3. Adjectives ending in a vowel or diphthong in the base form will end in ען in the dative.

| | | |
|---|---|---|
| אַ/דעם פֿרײַען מענטש(ן) | אַ/דער פֿרײַער מענטש | פֿרײַ (free) |
| אַ/דעם בלויען שטיוול | אַ/דער בלויער שטיוול | בלוי |

4. The masculine dative of נײַ is נײַעם as is the masculine accusative.

---

| | |
|---|---|
| The students are speaking to *the pious teacher.* | 1. די תּלמידים רעדן מיט דעם פֿרומען לערער. |
| The children are sitting around *the little table.* | 2. די קינדער זיצן אַרום דעם קליינעם טיש. |
| We think of *the free man.* | 3. מיר טראַכטן פֿון דעם פֿרײַען מענטש(ן). |
| Hershele was dressed in *a new coat.* | 4. הערשעלע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נײַעם מאַנטל. |

**Feminine Dative:** In the feminine dative the article די changes to דער and all adjectives end in ער.

| *Dative* | *Nominative + Accusative* |
|---|---|
| אַ/דער שיינער טאָכטער | אַ/די שיינע טאָכטער |
| אַן/דער אָרעמער פֿרוי | אַן/די אָרעמע פֿרוי |

| | |
|---|---|
| The mother gives *the pretty daughter* the shoes. | 1. די מאַמע גיט דער שיינער טאָכטער די שיך. |
| The rich man speaks to *a poor woman.* | 2. דער גבֿיר רעדט צו אַן אָרעמער פֿרוי. |

**Neuter Dative:** Endings for the neuter dative with the definite article are exactly the same as for the masculine dative and accusative. (All exceptions that apply in the masculine dative and accusative apply in the neuter.)

However, when using the indefinite article אַ or אַן with a neuter noun, the adjective remains in the base form as it does in all other cases.

| *Dative with Indef. Art.* | *Dative with Def. Art.* | *Nom.+Acc. with Def. Art.* |
|---|---|---|
| אַ גוט קינד | דעם גוטן קינד | דאָס גוטע קינד |
| אַ פֿרום ייִנגל | דעם פֿרומען ייִנגל | דאָס פֿרומע ייִנגל |
| אַ קליין העמד | דעם קליינעם העמד | דאָס קליינע העמד |
| אַ בלוי קלייד | דעם בלויען קלייד | דאָס בלויע קלייד |
| אַ נײַ היטל | דעם נײַעם היטל | דאָס נײַע היטל |

1. מיר גיבן דעם גוטן קינד אַ דאָלאַר. — We give *the good child* a dollar.
2. מיר גיבן אַ גוט קינד אַ דאָלאַר. — We give a dollar to *a good child*.
3. זיי קויפֿן דעם קלײנעם ייִנגל אַ נײַעם מאַנטל. — They are buying *the little boy* a new coat.
4. זיי קויפֿן אַ קליין ייִנגל אַ נײַעם מאַנטל. — They are buying *a little boy* a new coat.

Compare the neuter and masculine dative:

Neuter: מיר גיבן דעם גוטן קינד אַ דאָלאַר.
Masculine: מיר גיבן דעם גוטן מאַן אַ דאָלאַר.

Neuter: מיר גיבן אַ גוט קינד אַ דאָלאַר.
Masculine: מיר גיבן אַ גוטן מאַן אַ דאָלאַר.

**Dative Plural:** In the dative plural, as in all other cases with the plural, the plural definite article is די. The adjective always ends in ע.

| *Dative* | *Nominative + Accusative* |
|---|---|
| די אָרעמע מענטשן | די אָרעמע מענטשן |
| אָרעמע מענטשן | אָרעמע מענטשן |
| די רײַכע שוועסטערקינדער | די רײַכע שוועסטערקינדער |
| רײַכע שוועסטערקינדער | רײַכע שוועסטערקינדער |

1. גוטע מענטשן העלפֿן די אָרעמע מענטשן. — Good people help *the poor people*.
2. גוטע מענטשן העלפֿן אָרעמע מענטשן. — Good people help *poor people*.
3. מיר פֿאָרן צו די רײַכע שוועסטערקינדער. — We are going (traveling) to *our rich cousins*.
4. מיר פֿאָרן צו רײַכע שוועסטערקינדער. — We are going to *rich cousins*.

## Article and Adjective Endings

| | Masculine | Feminine | Neuter | Plural |
|---|---|---|---|---|
| Nominative | | | | |
| Definite | דער ___ער | די ___ע | דאָס ___ע | די ___ע |
| Indefinite | אַ ___ער | אַ ___ע | אַ ___ | ___ע |
| Accusative | | | | |
| Definite | דעם ___ן | די ___ע | דאָס ___ע | די ___ע |
| Indefinite | אַ ___ן | אַ ___ע | אַ ___ | ___ע |
| Variations for adjectives ending in ן, ם and stressed vowel | דעם ___עם, ___ען<br>אַ ___עם, ___ען | No Variation | No Variation | No Variation |
| Dative | | | | |
| Definite | דעם ___ן | דער ___ער | דעם ___ן | די ___ע |
| Indefinite | אַ ___ן | אַ ___ער | אַ ___ | ___ע |
| Variations for adjectives ending in ן, ם and stressed vowel | דעם ___עם, ___ען<br>אַ ___עם, ___ען | No Variation | דעם ___עם,<br>דעם ___ען | No Variation |

## II. Clauses as Sentence Units

1. "באָרג איר דײַן קאַפֿטן"/ בעט/ הערשעלע / מיט טרערן אין די אויגן.
"Lend me your *kaftan*,"/Hershele/ begs/ with tears in his eyes.

2. "הערשעלע, וואָס טוסטו?" / האָט/ עמעצער/אים/ געפֿרעגט.
"Hershele, what are you doing?"/ somebody/ asked/ him.

3. אַלץ וואָס מע האָט אים געגעבן צו עסן/ האָט/ ער/ געגאָסן/ אויף זײַנע קליידער.
Everything he was given to eat/ he/ poured/ on his clothes.

4. ווען די ברידער האָבן געשניטן די תּבֿואה/ האָבן/ זיי/ געטיילט/ די תּבֿואה/ העלפֿט אויף העלפֿט.
When the brothers harvested the grain/they/divided/ the grain/ in half.

In a complex sentence, a subordinate clause is treated as a simple sentence unit. If it precedes the main clause, the verb of the main clause must follow it immediately in order to remain the second unit in the sentence as a whole. Within the subordinate clause, the usual rules for word order apply. Note how this differs from English.

## III. Word Order

In the past tense, when a sentence begins with a word other than the subject, and the subject is a pronoun, the first sentence unit is followed by the auxiliary verb, then the pronoun subject, then the participle. In the negative, the ניט precedes the participle as it always does.

| Negative | Positive |
|---|---|
| אַוודאי איז ער הײַנט ניט געקומען. | 1. אַוודאי איז ער הײַנט געקומען. |
| הײַנט האָבן זיי נישט געגעסן קיין וועטשערע. | 2. הײַנט האָבן זיי געגעסן וועטשערע. |
| אין דער פֿרי איז ער ניט געלאָפֿן. | 3. אין דער פֿרי איז ער געלאָפֿן. |
| אין ניו-יאָרק איז זי ניט געווען אין דער היים. | 4. אין ניו-יאָרק איז זי געווען אין דער היים. |

If the subject is a noun, then the subject may go either between the auxiliary verb and the participle or after the participle.

| | |
|---|---|
| אין דער פֿרי איז געקומען דוד. | 1. אין דער פֿרי איז דוד געקומען. |
| איין מאָל איז געווען דער ברודער בײַ מאַשען. | 2. איין מאָל איז דער ברודער געווען בײַ מאַשען. |

Putting the subject after the participle sometimes yields an awkward construction. In most cases it is preferable to put the noun subject between the auxiliary verb and the participle. We recommend this until you reach a more advanced stage.

### אַ ליד: יאָמע, יאָמע

*פֿאָלקסליד*

1) יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל: (2)
דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שנײַדער זאָגן.

2) ניין, מאַמעשי, ניין,
דו קענסט מיך ניט פֿאַרשטיין.
דו ווייסט ניט וואָס איך מיין.
איך האָב אַ שלעכטע מאַמע[1]
און זי קען מיך ניט פֿאַרשטיין.

---

[1] In another version of this song, in the refrain, the line איך האָב אַ שלעכטע מאַמע is omitted and the last line is דו קענסט מיך ניט פֿאַרשטיין.

3) יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל: (2)
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שוסטער זאָגן.

4) ניין, מאַמעשי, ניין.
דו קענסט מיך ניט פֿאַרשטיין,
דו ווייסט ניט וואָס איך מיין.
איך האָב אַ שלעכטע מאַמע
און זי קען מיך ניט פֿאַרשטיין.

5) יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל: (2)
דאָס מיידעלע וויל אַ חתנדל האָבן
דאַרף מען גיין דעם שדכן זאָגן.

6) יאָ, מאַמעשי, יאָ.
דו קענסט מיך שוין פֿאַרשטיין,
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין.
איך האָב אַ גוטע מאַמע
און זי קען מיך שוין פֿאַרשטיין.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| דאָס חתנדל(עך) | fiancé, groom *[khosndl(ekh)]* |
| דער חתן(ים) | *dim. of [khosn-khasanim]* |
| יאָמע | *Yome*, a *fam.* form of "Binyomin," *Yome* is, apparently, a musician here |
| די מאַמעשי | mother *(affec.)* |
| מיך | me *(acc.)* |
| פֿאַרשטיין (פֿאַרשטאַנען)* | to understand |
| דער שדכן(ים) | *[shadkhn-shadkhonim]* matchmaker |
| דער שוסטער(ס) | shoemaker |
| דער שנײַדער(ס) | tailor |






פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

# EXERCISES

**I. Answer the following questions using the words in parentheses. Be sure to make any necessary changes in the articles and adjectives:**

Example: מיט וועמען רעדט ער? (די גוטע לערערין)
ער רעדט מיט דער גוטער לערערין.

1. וועמען גיט ער אַן עפּל? (דער אַלטער מאַן)
2. פֿון וועמען לויפֿט זי? (דאָס מיאוסע ייִנגל)
3. וווּ וווינען די אָרעמע מענטשן? (אַ קליין הײַזל)
4. אויף וואָס ליגט דער מאַנטל? (דער גרינער טיש)
5. צו וועמען פֿאָרן די פּלימעניצעס? (די טײַערע מומע)
6. וועמען העלפֿן די רײַכע מענטשן? (דאָס אָרעמע קינד)
7. אין וועמען גלייבן (believe) מיר? (אַ גרויסער גאָט)
8. וועמען קויפֿן זיי נײַע קליידער? (אָרעמע מענטשן)
9. וועמען העלפֿט די לערערין? (די שוואַכע סטודענטן)
10. מיט וועמען זײַט איר געגאַנגען? (אַ נײַער חבֿר)

**II. Fill in the blanks with the proper article and adjective endings:**

1. ד__ מאַמע האָט געוואָלט ד__ בלוזקע אין ד__ נײַ__ געשעפֿט.
2. זי האָט אָנגעטאָן ד__ בלויע ספּודניצע מיט ד__ געל__ העמד.
3. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ נײַ__ מאַנטל און אַ שיינ__ גרין היטל.
4. ד__ מאַמע האָט געגעבן ד__ קליינ__ קינד דאָס שוואַרצ__ העמד.
5. איר זײַט געזעסן אויף אַ בכּבֿודיק__ אָרט מיט בכּבֿודיק__ מענטשן.
6. זיי זײַנען געקומען פֿון ד__ קליינ__ הויז.
7. פֿאַר וואָס איז דער שווער געבליבן אין דער אַלט__ היים?
8. דער קלוג__ שוואָגער איז ד__ קלוג__ שוועגערין האָבן געכאַפּט מציאות (bargains).
9. ער האָט געטראַכט פֿון דעם שיינ__ ניגון.
10. ד__ רײַכ__ אײדעם וויל אַ גרויס__ נדן.
11. איר האָבן באַצאָלט פֿאַר ד__ ברוינ__ זאָקן און די שוואַרצ__ שיך.

**III. Translate into Yiddish:**

1. The next (second) day she wore a torn old dress.
2. Boots are even sold here (One even sells).
3. The rich man went to (on) the wedding and danced the whole night.
4. My acquaintance lived in a small town.
5. The servant, poor thing, wore a dirty shirt and an old brown hat.
6. He spilled everything on his new coat.
7. Somebody asked him, "What are you doing?"
8. He answered, "It's none of your business."
9. One shoe lay on the table.
10. Is your husband buying the coats? Only one coat.

**IV. Rewrite these sentences in the past tense:**

1. אַוודאי קומט ער ניט.
2. הײַנט גייט ער צום גבֿיר.
3. איין מאָל לויפֿט ער צו אַ באַקאַנטן.
4. אויפֿן טיש ליגט דער נדן.

5. דאָרטן זיצט דער אַלטער ייִד.
6. אויף דער חתונה קומט דער דינער אין צעריסענע קליידער.
7. אין שטאָט פֿאָר איך מיט דער באַן.
8. וועטשערע עסן מיר אין דער היים.
9. עס טוט מיר וויי דער רעכטער פֿוס.
10. דאָ כאַפּט מען ניט קיין מציאות.
11. קיין שטיוול קויפֿט דער באַקאַנטער ניט.
12. דאָרטן זעט מען אַ סך געשעפֿטן מיט מאַנטלען.
13. אַ גאַנצן טאָג בלײַבט איר אין שטאָט.
14. נאָך דער לעקציע זײַנען די תּלמידים אויסגעמוטשעט.
15. שבת גייט די משפּחה, זיי פֿאָרן ניט.

**V. Make a complete sentence out of each pair of clauses:**

Example: ("דאָס מיידעלע דאַרף אַ חתן,") (דער שדכן זאָגט).
"דאָס מיידעלע דאַרף אַ חתן," זאָגט דער שדכן.

1. ("ניט מיר גיט איר אָפּ כּבֿוד,") + (הערשעלע האָט געענטפֿערט).
2. (ווען מע האָט אים געגעבן דאָס עסן) + (ער האָט עס גלײַך געגאָסן אויף זיך).
3. (ווען איך גיי אין דעם געשעפֿט) + (איך קויף אַ סך עלעגאַנטע קליידער).
4. (ווען מײַן מאַן דאַרף אַ נײַעם מאַנטל) + (ער גייט אין דעם געשעפֿט).
5. ("ווו האָסטו געקויפֿט די שוואַרצע הויזן?") + (מײַן חבֿר האָט געפֿרעגט).
6. (אויב עס איז שיין אין דרויסן) + (מיר קענען גיין אין פּאַרק (park)).
7. (ווען דער גדן איז געלעגן אויפֿן טיש) + (דו ביסט ניט געווען).
8. (ווען הערשעלע איז געגאַנגען צו זײַן באַקאַנטן) + (ער האָט געבאָרגט אַ נײַע קאַפּאָטע און גוטע שוואַרצע שטיוול).
9. ("דו פֿאַרשטייסט שוין וואָס איך מיין,") + (דאָס מיידעלע זאָגט).
10. (אויב דער חתן איז אַ שוסטער) + (דאָס מיידעלע וויל ניט דעם חתן).

**VI. Translate into Yiddish:**

1. Hershele answers cleverly.
2. Our acquaintance was beautifully dressed.
3. I ran straight to my friend.
4. The child cannot sit straight.

5. The students read well.
6. The teacher speaks too long.
7. We are walking quickly.
8. My (The) daughter can sing loudly (high).
9. Somebody here can write well.
10. She looked at him crookedly.

# ORAL PRACTICE

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. — וואָס האָסטו געקויפֿט?
— איך האָב געקויפֿט אַ נײַ היטל[1] מיט אַ נײַ קליידל[2] און אַ פּאָר שיינע שטיוול.[3]
א) (מאַנטל,[1] ספּודניצע,[2] שיך[3])
ב) (קאַפּאָטע,[1] העמד,[2] זאָקן[3])

2. — וואָס האָט זי געוואָלט?
— זי האָט געוואָלט דעם בלויען[1] אַנצוג און די בלויע[1] הויזן מיט דעם בלויען[1] העמד.
א) (נײַ[1]) ב) (שיין[1])
ג) (לאַנג[1]) ד) (גרויס[1])

3. — פֿאַר וואָס איז ער[1] געוועזן אָרעם?
— ער[1] איז געוועזן אָרעם ווײַל ער[1] האָט נישט געאַרבעט.
— פֿאַר וואָס האָט ער[1] נישט געאַרבעט?
— ער[1] איז געוועזן צו שוואַך צו אַרבעטן.
א) (זיי[1]) ב) (דו[1] – איך[1])

**VIII. Rearrange these sentences putting the highlighted words first:**

1. ער איז געלאָפֿן אין דער פֿרי.
2. מיר זײַנען דאָרטן געבליבן אַ גאַנצן טאָג.
3. איר האָבן ניט געהאַט קיין געלט.
4. זיי האָבן אַוודאי געכאַפּט אַ מציאה אין דעם געשעפֿט.
5. איך בין נעכטן געפֿאָרן.
6. זי האָט מאָנטיק ניט געגעסן קיין וועטשערע.
7. דו האָסט צו פֿיל באַצאָלט
8. זי זעט אויס שיין אין אירע נײַע קליידער.
9. הערשעלע האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן געלט בײַ זײַן באַקאַנטן.
10. מע האָט אים געזעצט אויף אַ בכּבֿודיק אָרט.
11. הערשעלע איז איין מאָל געגאַנגען אויף אַ חתונה.
12. דו האָסט באַצאָלט צוואַנציק דאָלאַר פֿאַר דער ספּודניצע און דרײַסיק דאָלאַר פֿאַר דעם רעקל.

## SUPPLEMENTARY READING

### אַ מאַנטל פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

1) בײַ אַ שנײַדער אין קאָמאָרע
פֿול מיט קינדער, קיין עין-הרע,
קינדער פּיצעלעך ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבנאָן.

2) איצטער הייבט זיך אָן די מעשׂה,
נישט פֿון ציגעלעך קיין ווײַסע,
נאָר אַ מעשׂה פֿון אַ מאַנטל
פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל.

3) האָט מען אויפֿגענייט אַ מאַנטל
פֿון אַ טונקעלן געוואַנטל
פֿאַרן עלטסטן בחור שמואל
ער זאָל קענען גיין אין שול.

4) גייט אים שמואליק יאָרן דרײַ
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ,
גייט אים שמואליק נאָך אַ יאָר
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

5) איין מאָל שמואליק טוט אים אָן
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

6) ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
–נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
שמואליק טוט דעם מאַנטל אָן –
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאָן.

7) נו, איז מילא –
טוט שוין אָן דעם מאַנטל ביילע.

8) גייט אים ביילע יאָרן דרײַ
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ,
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

9) איין מאָל ביילע טוט אַ שפּרײַ
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דרײַ.

10) ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
טאָמער ביילע גיט אַ שפּרײַ
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דרײַ?

11) וואָס זשע קען דאָ זײַן דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל-בער.

12) גייט ער אין אים יאָרן דרײַ
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

13) איין מאָל פֿאַלט ער אויף די טרעפּלעך
און אַ סוף צו אַלע קנעפּלעך.

14) ווערט אַ טומל אין קאָמאָרע:
–נאַ דיר גאָר אַ נײַע צרה!
גיין און פֿאַלן אויף די טרעפּלעך
און פֿאַרלירן אַלע קנעפּלעך?

15) און עס פּסקנט דאָס געזינדל:
זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

16) גייט אים הינדל יאָרן דרײַ
איז דער מאַנטל שפּאָגל נײַ,
גייט זי אין אים נאָך אַ יאָר
פֿעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

17) איין מאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אויפֿן בעט –
האָט אָנגעוווירן אַ מאַנקעט.

18) שרײַען אַלע, אַלע, אַלע:
–דאָס איז דאָס אַ מויד אַ כּלה,
ליגט און כליפּעט אויפֿן בעט!
ווי פֿאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

19) האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער ייִנגסטער בחור פֿאַנטל.

20) פֿאַנטל, פֿאַנטל,
אײַ איז דאָס אַ בחורעץ!
חבֿרט זיך מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך נאָך יעדער וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן,
מיאַוקעט, פֿײַפֿט און שרײַט און בילט
און די מאַמע לאַכט און שילט.

21) האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט דער אָ תּכשיט פֿאַנטל.

22) האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפּליקט אַ גאַנצן ראָג,
און אויף מאָרגן אין דער פֿרי
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני.
און דעם זעלבן טאָג פֿאַרנאַכט
אָן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין די ביידע עלנבויגן.

23) ווערט אַ טומל אַ געשריי,
— אַך און אָך און ווינד און וויי!
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט אַרײַן צום תּכשיט פֿאַנטל.

24) איין מאָל פֿאַנטל איז ניט פֿויל,
קומט צו לויפֿן באַקעס, הויל,
שרײַען אַלע פֿאַר אַ מאָל,
אַלע, אַלע אין איין קול:
— תּכשיט, שגץ, פֿלעדערמויז,
ווו דער מאַנטל, זאָג נאָר אויס!

25) ענטפֿערט זיי דער ווילער יונג
מיט אַזאַ אַ שאַרפֿער צונג:

26) — כ'האָב פֿון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַץ,
און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווײַסער קאַץ,
און די רעשטע, לאָך אויף לאָך,
ט'אָנקומען די צווייטע וואָך.

27) ווערט אַ טומל, אַ געשריי:
— אַך און אָך און ווינד און וויי,
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאַנטל
פֿאַלט אַרײַן צום תּכשיט פֿאַנטל!

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| אויבנאָן | at the head, place of honor | אויף מאָרגן | the next day |
| אויסהאַקן (אויסגעהאַקט) | to knock out; to chisel | אויפֿנייען (אויפֿגענייט) | to sew, to make (a garment) |
| אויסזאָגן (אויסגעזאָגט) | to tell, to reveal | אָט | here, there (in pointing) |

איצטער = איצט — now
אָן — without
אָנהייבן זיך (זיך אָנגעהויבן) — to begin *(intrans.)*
אָנווערן (אָנגעווירן) — to lose
אָפּפּליקן (אָפּגעפּליקט) — to tear off, to pluck off
אָפּשענקען (אָפּגעשענקט) — to give away, pay back; to give thanks *(iro.)*
באַלד — soon, right away
דער בחור(ים) — lad, *[bokher-bokhrim]* young unmarried man
דער בחורעץ(ן) — brat, *[bokherets(n)]* *hum. pej. form of* בחור
בילן (געבילט) — to bark
גאָר — extremely, fully, surprisingly
דאָס געוואַנטל(עך): — material, cloth:
*dim. of* דאָס געוואַנט(ן)
דאָס געזינדל(דך): — household:
*dim. of* דאָס געזינד(ער)
דאָס געשריי(ען) — cry, scream, clamor
דער אָ — this *(emph.)*
האַקן אויס ← אויסהאַקן
הויל — bare
דער הונט (הינט) — dog
הייבן זיך אָן ← אָנהייבן זיך
דער וואָגן(ס)/וועגענער — cart, buggy
ווויל — good, nice
דאָס וויגל(עך): — cradle:
*dim. of* די וויג(ן)

ווערן אָן ← אָנווערן
זאָגן אויס ← אויסזאָגן
חבֿרן זיך (מיט) *[khavern]* — to be friends (with)
(זיך געחבֿרט) (מיט) — to associate (with)
טאָמער — if, in the event
דער טומל(ען) — noise, racket, stir
טונקל — dark
דאָס טרעפּל(עך) — step, stair
יאָגן זיך נאָך ← נאָכיאָגן זיך
דאָס יאָר(ן) — year
ייִנגסט — youngest
יעדער — each, every
די כּלה (כּלות) *[kale(s)]* — bride (to be)
כליפּען (געכליפּעט) — to sob
דער/די לאָך (לעכער) — hole
דער לאַץ(ן) — lapel
דער מאָן — poppyseed
דער מאַנקעט(ן) — cuff
די מויד(ן) — maid, lass, girl
מיאַוקען (געמיאַוקעט) — to meow
מילא *[meyle]* — so be it, anyhow, never mind
נאָכיאָגן זיך (זיך נאָכגעיאָגט) — to chase, to run after
נאַקעט — naked
נייען אויף ← אויפֿנייען
דאָס נעטל(עך): — seam:
*dim. of* די נאָט (נעט)
דער סוף(ן) *[sof(n)]* — end
דער סטאַן(ען) — waist
דאָס פּיצל(עך) — tiny bit, shred, a tiny bit of a

| | |
|---|---|
| פּלאַצן (געפּלאַצט) | to burst |
| פּסקענען (געפּסקנט) | to decide, to judge, to rule [paskenen-gepasknt] |
| פֿאַר אַ מאָל | all at once |
| פֿאַרלירן (פֿאַרלאָרן/פֿאַרלוירן) | to lose |
| דער פֿאַרנאַכט(ן) | evening, dusk |
| פֿויל | lazy |
| פֿײַפֿן (געפֿײַפֿט) | to whistle |
| פֿליקן אָפּ ← אָפּפֿליקן | |
| די פֿלעדערמויז (פֿלעדערמײַז) | bat |
| פֿעלן (געפֿעלט) | to be missing, to be lacking |
| צום = צו דעם | to the |
| דאָס ציגעלע(ך) | kid goat |
| די קאָמאָרע(ס) | den, alcove |
| די קאַץ (קעץ) | cat |
| דאָס קנעפּל(עך) | button |
| דער ראָג(ן) | corner |
| דער רומל | row *(iro.)*, hubbub |
| די רעשטע = די רעשט(ן) | rest, remainder |
| שאַרף | sharp |
| דער שגץ(ים) | gentile lad; *[sheygets-shkotsim]* smart aleck |
| שילטן (געשאָלטן) | to curse, to swear, to cuss |
| שלאָגן (געשלאָגן) | to hit, to strike |
| שלאָגן זיך (זיך געשלאָגן) | to fight |
| דער שנײַדער(ס) | tailor |
| שענער | prettier, nicer |
| שענקען אָפּ ← אָפּשענקען | |
| דער שפּײַ | spit *(verbal noun)* |
| שרײַען (געשריגן/געשריִען) | to yell, to shout, to cry |
| דער תּכשיט(ים) | brat *[takhshet-takhshitim]* |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| אויף מאָרגן | the next day |
| אין איין קול | in one voice, in unison *[kol]* |
| ווינד און וויי | alack and alas |
| שפּאָגל נײַ | brand new |

# UNIT 10

## דאָס צענטע קאַפּיטל

## לעקציע צען א' LESSON 10A

# לסן

## אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן

1. **מאַמע:** קענען מיר עסן פֿרישטיק?

2. **קעלנער:** מיסעס, ס'איז אַ פֿערטל נאָך עלף. ס'איז כּמעט פֿינצטער אין דרויסן

3. און איר ווילט עסן פֿרישטיק?! אַז איר ווילט פֿרישטיק דאַרפֿט איר

4. קומען אין דער פֿרי, פֿאַר צען דרײַסיק. וואַרט, איך דאַרף נאָך

5. גרייטן צום טיש. (ער גרייט צום טיש.) זעצט אײַך.

6. **טאַטע:** איז דאָס דער מעניו?

7. **קעלנער:** וואָדען איז עס? אַ ספֿר-תּורה?

8. **פֿייגע:** ס'איז גאַנץ היימיש דאָ.

9. **מאַמע:** אַ ביסל צו היימיש.

10. **פֿייגע:** די טעלערס זײַנען זייער שיין.

11. **מאַמע:** קעלנער, זײַט מוחל, זײַט אַזוי גוט און ברענגט אונדז גאָפּלען און

12. לעפֿל.

13. **קעלנער:** וואָס כאַפּט איר? איר מיינט אַז מען עסט דאָ חלילה מיט די הענט?

14. פֿאַר דעם זעלבן געלט קען איך אײַך געבן אַ מעסער אויך.

15. **מאַמע:** אַ שיינעם דאַנק.

16. **קעלנער:** זײַט איר גרייט צו באַשטעלן?

17. **טאַטע:** כּמעט. מיר וואַרטן אויף אונדזער זון. ער דאַרף קומען פֿינף און

18. צוואַנציק נאָך עלף. ער טראָגט אַ שוואַרצן מאַנטל, אַ בלוי היטל,

19. ברוינע הויזן און הויכע שטיוול. זײַט אַזוי גוט און ווײַזט אים ווו

20. מיר זיצן.

21. **קעלנער:** איר ווילט וואַרטן? וואָס מיינט איר, ס'איז "גרענד צענטראַל סטיישען"

וואָלף-בער קעסלער, בעל-הבית פֿון אַ ייִדישן דעליקאַטעסן אין ספּרינג-וועלי, ניו-יאָרק




Wolf-Ber Kessler, a Jewish delicatessen owner in Spring Valley, New York

דאָ?

**טאַטע:** זײַט מוחל, לאָמיר דערווײַלע טרינקען אַ טעפּל קאַווע און פּאַרזוכן אײַערע באַרימטע בולקעס.

**קעלנער:** איר נעמט מילך צו דער קאַווע?

**טאַטע:** יאָ, איך האָב ליב צו טרינקען קאַווע מיט מילך.

**מאַמע:** ברענגט מיר, זײַט אַזוי גוט, אַ גלעזל טיי מיט צוקער און אַ שטיקל לימענע, און זאַפּט פֿאַר מײַן טאָכטער. חיים, וואָס האָסטו געגעסן דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר זײַנען דאָ געווען?

**טאַטע:** דו ווילסט איך זאָל געדענקען וואָס איך האָב געגעסן וואָרעמעס מיט צוויי יאָר צוריק? שאַ, כ׳געדענק שוין יאָ. כ׳האָב באַשטעלט אַ שיסל גרינסנזופּ און בלינצעס. ס׳האָט געקאָסט נאָר $4.95.

**פֿײגע:** ס׳איז געווען געשמאַק?

**טאַטע:** ס׳איז געווען טעם-גן-עדן!

**פֿײגע:** מאַמע, זײַ אַזוי גוט, דערלאַנג מיר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער.

**מאַמע:** זײַט מוחל, קעלנער, מעגן מיר אײַך פֿרעגן עטלעכע פֿראַגעס?

**קעלנער:** פֿרעגט מיך וואָס איר ווילט. ווי איר זעט האָב איך ניט וואָס צו טאָן.

**טאַטע:** זײַנען די קרעפּלעך פֿעט?

**קעלנער:** מיסטער, איז ניו-יאָרק אַ שטאָט? איז אַבֿרהם אָבֿינו געווען אַ ייִד?

**מאַמע:** ווי זײַנען די געפּרעגלטע ציבעלעס?

**קעלנער:** כ׳האָב זיי קיין מאָל ניט פּאַרזוכט, נאָר קיינער איז נאָך קיין מאָל פֿון זיי ניט געשטאָרבן.

**פֿײגע:** אַ שיינע רעקאָמענדאַציע! וואָס רעקאָמענדירט איר יאָ?

**קעלנער:** דאָס וואַסער.

**טאַטע:** איר האָט אַוודאי אַ רעצעפּט אויף אײַז — אַזוינס און אַזעלעכס!

**קעלנער:** אָט אַזאַ קונה האָב איך ליב. פֿון וואַנען איז אַ ייִד?

**טאַטע:** פֿון זאַמישטש, און איר?

**קעלנער:** פֿון טאָמעשעוו.

**טאַטע:** זײַנען מיר, הייסט עס, לאַנדסלײַט!

**קעלנער:** נו, אויב אַזוי, האָב איך פֿאַר אײַך אַ ייַכל — טעם-גן-עדן, זיסע פֿיש און קאָמפּאָט מיט דעם אמתן ייִדישן טעם, פּונקט ווי אין דער היים. אַלץ פֿאַר $5.50. טעם-גן-עדן! איר וועט לעקן די פֿינגער!

# שפּריכווערטער

1. דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. — Enthusiasm comes with involvement. (Lit. "The appetite comes with the eating.")
2. ליבע איז גוט מיט ברויט. — Love is good with bread.
3. צוזאַמענמישן קאַשע מיט באָרשט — to talk in a confusing way (Lit. "to mix together kasha and borsht")
4. אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פֿולע שיסל. — Keep at it and you'll have something. (Lit. "A little and a little until you have a full bowl.")

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אַבֿרהם אָבֿינו | Abraham [*Avrom Ovinu*] the Patriarch |
| * אַזאַ | such a |
| * דאָס אײַז | ice |
| אמת [*emes*] | real, true |
| * דער אַפּעטיט(ן) | appetite |
| * דער באָרשט(ן) | borsht, beet soup |
| * באַשטעלן (באַשטעלט) | to order |
| * די בולקע(ס) | bun, roll |
| ביז | until |
| * די בלינצע(ס) | blintz |
| * גאַנץ | quite |
| * דער גאָפּל(ען) | fork |
| * דאָס גלעזל(עך): *dim. of* די גלאָז (גלעזער) | glass |
| דער/דאָס גן-עדן(ס) [*ganeydn(s)*] | Garden of Eden, paradise |
| געפּרעגלט | fried *(adj.)* |
| * געשמאַק | tasty, delicious |
| גרייטן (געגרייט) | to prepare |
| * דאָס גרינס(ן) | vegetable |
| * דערווײַלע | for the time being, meanwhile |
| * דערלאַנגען (דערלאַנגט) | to serve, to pass |
| * היימיש | homey, snug, familiar |
| וואַנען | where *(with prepositions)* |
| וואָס | that *(conj.)* |
| וואַרטן (געוואַרט) (אויף) | to wait for |
| (דאָס) זאַמישטש | Zamoscz, a city in the province of Lublin, Poland |
| דער זאַפֿט(ן) | juice |
| די זופּ(ן) | soup |
| זיס | sweet |

| | |
|---|---|
| חלילה *[kholíle]* | God forbid |
| (דאָס) טאָמעשעוו | Tomashev, a city in the province of Lublin, Poland |
| * די טיי(ען) | tea |
| * דער טעלער (טעלער/ס) | plate |
| דער טעם(ען) *[tam(en)]* | taste |
| * דאָס טעפּל(עך) | cup |
| * טרינקען (געטרונקען) | to drink |
| * דאָס יאָר(ן) | year |
| * דער ייִד(ן) | Jew; person/fellow (Jewish) |
| דאָס ייִכל(עך): dim. of די יויך(ן) | broth, chicken soup: |
| כמעט *[kimat]* | almost |
| * כ' = איך | I |
| כאַפּן (געכאַפּט) | to rush, to be hasty |
| די לאַנדסלײַט ← לאַנדסמאַן | |
| * דער לאַנדסמאַן (לאַנדסלײַט) | person from the same place in the old country |
| די לימענע(ס) | lemon |
| * דער לעפֿל (לעפֿל) | spoon |
| * לעצט | last |
| לעקן (געלעקט) | to lick |
| * די מילך | milk |
| מישן צוזאַמען ← צוזאַמענמישן | |
| * דער מעניו(ען) | menu |
| * דער/דאָס מעסער(ס) | knife |
| * ס'איז = עס איז | it is |
| די ספֿר־תּורה (תּורות) *[seyfertoyre(s)]* | scroll of the Torah |
| דאָס עסן(ס) | food |
| * די פּוטער | butter |
| * פֿאַר | for; before |
| * פֿאַרזוכן (פֿאַרזוכט) | to taste |
| פֿינצטער | dark |
| * דער פֿיש (פֿיש) | fish |
| פֿעט | fat(ty), greasy |
| * דאָס פֿערטל(עך) | quarter |
| * דער פֿרישטיק(ן) | breakfast |
| צוזאַמענמישן | to mix /blend together |
| * דער צוקער | sugar |
| * די ציבעלע(ס) | onion |
| * די קאַווע(ס) | coffee |
| דער קאָמפּאָט(ן) | (fruit) dessert, compote |
| * די קאַשע(ס) | kasha |
| * דער קונה (קונים) *[koyne-koynim]* | customer |
| דער קעלנער(ס) | waiter |
| * דאָס קרעפּל(עך) | *krepl*, a boiled dumpling |
| * דער רעסטאָראַן(ען) | restaurant |
| דער רעצעפּט(ן) | recipe |
| די רעקאָמענדאַציע(ס) | recommendation |
| רעקאָמענדירן (רעקאָמענדירט) | to recommend |
| * דאָס שטיקל(עך): *dim. of* דאָס/די שטיק(ער) | piece: |
| די שיסל(ען) | bowl, dish |

## Idioms and Expressions

| | |
|---|---|
| * אַזוינס און אַזעלכעס | something extraordinary/wonderful |
| גרייטן צום טיש | to set the table |
| טעם־גן־עדן [tam-ganeydn] | taste of paradise, out of this world |
| אַ ייִדישער טעם [tam] | Jewish (i.e., very good) taste |
| לעקן די פֿינגער | to enjoy (Lit. "to lick one's fingers") |
| * מיט צוויי יאָר צוריק | two years ago |
| צו דער קאַווע | with the (your) coffee |

# לאָמיר לאַכן

עס איז אַ מאָל אַ ייִד אַרײַנגעקומען צו אַ צווייטן ייִד זעקס אַ זייגער ווען ער און זײַן ווײַב האָבן געגעסן וועטשערע. האָט דאָס ווײַב געזאָגט צום ייִד, "ר׳ ייִד, גוט אײַך צו זען. איר ווילט אפֿשר אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש?"

"ניין," האָט ער געענטפֿערט, "פֿאַרעט זיך ניט. איך בין ניט הונגעריק. איך דאַרף ניט עסן."

האָט זי אים דערלאַנגט צוויי געזונטע שטיקלעך זיסע פֿיש און ער האָט אַלץ אויפֿגעגעסן.

דערנאָך האָט די ייִדענע געפֿרעגט, "ר׳ ייִד, איר ווילט אפֿשר אַ ביסל זופּ?"

"ניין," האָט דער ייִד געענטפֿערט. "פֿאַרעט זיך ניט. איך בין ניט הונגעריק."

האָט זי אים געגעבן אַ גרויסע שיסל מיט זופּ און ער האָט אויפֿגעגעסן די גאַנצע שיסל.

דערנאָך האָט די פֿרוי געפֿרעגט, "ר׳ ייִד, איר ווילט אפֿשר אַ שטיקל פֿלייש?"

"ניין," האָט דער ייִד געענטפֿערט. "איך בין ניט הונגעריק. פֿאַרעט זיך ניט."

האָט זי אים דערלאַנגט אַ געזונטע פֿאָרציע פֿלייש מיט בולבעס און דער ייִד האָט אַלץ געגעסן.

דערנאָך האָט די ייִדענע געפֿרעגט, "ר׳ ייִד, איר ווילט אפֿשר אַ ביסל קאָמפּאָט?"

"דאָס," ענטפֿערט דער ייִד, "וואָלט איך שוין טאַקע יאָ געגעסן."

## VOCABULARY

* אויפֿעסן (אויפֿגעגעסן) — to eat up, to finish eating something

עסן אויף ← אויפֿעסן

* אפֿשר [efsher] — maybe, perhaps

אַרײַנפֿאַלן (איז אַרײַנגעפֿאַלן) — to fall in, to happen into

* די געפֿילטע פֿיש — gefilte fish, stuffed fish

* וואָלט — would

וואָלט איך געגעסן — I would eat

* די ייִדענע(ס) — married Jewish woman

| | | | |
|---|---|---|---|
| portion | די פּאָרציע(ס) | to busy oneself, to bother, to fuss | פּאָרען זיך(זיך געפּאָרעט) |
| (Jew.) Mister, traditional title before a man's first name | ר׳ = רב *[reb]* | | |

# GRAMMAR

## I. Telling Time

What time is it? — וויפֿל איז דער זייגער?

What time are they coming? — וויפֿל אַ זייגער קומען זיי?

What time are we eating supper tonight? — וויפֿל אַ זייגער עסן מיר הײַנט וועטשערע?



איינס אַ זייגער



צען מינוט נאָך צוויי

צען נאָך צוויי



אַ פֿערטל נאָך פֿינף



זעקס דרײַסיק

or האַלב זיבן

or האַלב נאָך זעקס



צוואַנציק מינוט צו/פֿאַר צען

or צוואַנציק צו/פֿאַר צען



אַ פֿערטל צו/פֿאַר זיבן

**Note:** One o'clock is *איינס* אַ זייגער, not *איין* אַ זייגער.

The phrase אַ זייגער is used exactly like the English word "o'clock." It is only used on the hour.

The word מינוט in phrases like צוויי מינוט נאָך צוויי or צען נאָך צוויי is optional.

In denoting time before the hour, both צו or פֿאַר may be used.

אַ פֿערטל פֿאַר פֿינף or אַ פֿערטל צו פֿינף

Yiddish does not have the unambiguous categories of A.M. and P.M. Instead we use words like אין דער פֿרי in the morning, בײַ טאָג in the daytime, פֿאַר מיטאָג before noon, נאָך מיטאָג in the afternoon, אין אָוונט in the evening, בײַ נאַכט at night. בײַ טאָג and בײַ נאַכט are also used in the general sense as in:

| | |
|---|---|
| The waiter works in the daytime | דער קעלנער אַרבעט בײַ טאָג |
| and not at night. | און ניט בײַ נאַכט. |

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| It is 2 A.M. | 1. עס איז צוויי אַ זייגער בײַ נאַכט. |
| It is 10 A.M. | 2. עס איז צען אַ זייגער אין דער פֿרי. |
| It is 11:15 A.M. | 3. עס איז אַ פֿערטל נאָך עלף פֿאַר מיטאָג. (פֿ"מ) |
| It is 2:30 P.M. | 4. עס איז האַלב דרײַ נאָך מיטאָג. (נ"מ) |
| It is 4:30 P.M. | 5. עס איז האַלב פֿינף נאָך מיטאָג / אין אָוונט. |
| They are coming at 8 P.M. | 6. זיי קומען אַכט אַ זייגער אין אָוונט. |
| They go to sleep at 9 P.M. | 7. זיי גייען שלאָפֿן נײַן אַ זייגער בײַ נאַכט. |
| It is 11:22 A.M. | 8. עס איז צוויי און צוואַנציק מינוט נאָך עלף אין דער פֿרי/פֿאַר מיטאָג. |

Certain times on the borderline between night and morning may be referred to as either אין דער פֿרי or בײַ נאַכט. For example: 1 A.M. is איינס אַ זייגער בײַ נאַכט. 4 A.M. would be פֿיר אַ זייגער אין דער פֿרי.

פֿאַר מיטאָג or אין דער פֿרי may be used for times between daybreak and noon. אין דער פֿרי is usually appropriate for times between daybreak and noon. פֿאַר מיטאָג is used only at times very close to noon such as from 11 to 12 o'clock.

Borderline times between late afternoon and early evening may be referred to as בײַ טאָג, נאָך מיטאָג or אין אָוונט. Borderline times between evening and night may be referred to as either אין אָוונט or בײַ נאַכט. In both cases, the season of the year determines which to use.

Note the phrase אין..... אַרום to denote time in the future:

| | |
|---|---|
| (in) four weeks (from now) | אין פֿיר וואָכן אַרום |
| (in) two minutes (from now) | אין צוויי מינוט אַרום |
| (in) two hours (from now) | אין צוויי שעה *[sho]* אַרום |
| (in) two weeks (from now) | אין צוויי וואָכן אַרום |

| | |
|---|---|
| My mother is coming in two weeks (from now). | 1. מײַן מאַמע קומט אין צוויי וואָכן אַרום. |
| We are eating lunch in an hour ( from now). | 2. מיר עסן מיטאָג אין אַ שעה אַרום. |

The phrase מיט..... צוריק is used to express time in the past.

| | |
|---|---|
| three minutes ago | מיט דרײַ מינוט צוריק |
| two minutes ago | מיט צוויי מינוט צוריק |
| four hours ago | מיט פֿיר שעה צוריק |
| a week ago | מיט אַ וואָך צוריק |

| | |
|---|---|
| Khayim was here ten minutes ago. | 1. חיים איז דאָ געווען מיט צען מינוט צוריק. |
| I bought this blouse three weeks ago. | 2. איך האָב געקויפֿט די בלוזקע מיט דרײַ וואָכן צוריק. |

If the reference point in time is a time other than now, the phrase מיט..... שפּעטער (.... later) is used to denote a time in the future and the phrase מיט..... פֿריִער (... earlier/before) is used to denote a time in the past.

| | |
|---|---|
| A week ago I ate at this restaurant, two weeks earlier | 1. מיט אַ וואָך צוריק האָב איך געגעסן אין דעם רעסטאָראַן; מיט צוויי וואָכן פֿריִער האָב איך |

| | |
|---|---|
| I ate at another place. | געגעסן אין אַן אַנדער אָרט. |
| The little girl went to school; a year later she could read. | 2. דאָס מיידעלע איז געגאַנגען אין שול; מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זי שוין געקענט לייענען. |

## II. Constructions after וועלן

Whenever the subject of a sentence wants to do something himself/herself/themselves, etc. the infinitive is used after the verb וועלן just as it is in English.

| | |
|---|---|
| The customer wants to taste the compote. | 1. דער קונה וויל פֿאַרזוכן דעם קאָמפּאָט. |
| The child wants to drink the juice. | 2. דאָס קינד וויל טרינקען דעם זאַפֿט. |
| Father does not want to set the table. | 3. דער טאַטע וויל ניט גרייטן צום טיש. |
| You want to do the work. | 4. דו ווילסט טאָן די אַרבעט. |

However, when the subject of the sentence wants somebody else to do something, the structure is different from the English structure. The verb וועלן is followed by a new clause consisting of a subject, the appropriate form of the verb זאָלן (should) and the infinitive. This accounts for the rather strange locutions such as, "I want you should know," "He wants I should work for nothing," you hear in the English of some native Yiddish speakers.

Don't forget that in the present וועלן is conjugated איך וויל, דו ווילסט, זי וויל, מיר ווילן, איר ווילט, זיי ווילן.

### Sample Sentences

| | |
|---|---|
| We want you to eat dinner with us. | 1. מיר ווילן איר זאָלט עסן וועטשערע מיט אונדז. |
| I want you to do the work. | 2. איך וויל דו זאָלסט טאָן די אַרבעט. |
| He wants his wife to wear expensive clothes. | 3. ער וויל דאָס ווײַב זאָל טראָגן טײַערע קליידער. |
| I want the waiter to serve the rolls. | 4. איך וויל דער קעלנער זאָל דערלאַנגען די בולקעס. |
| The son-in-law wants the dowry to be bigger. | 5. דער איידעם וויל דער נדן זאָל זײַן גרעסער. |
| He wanted me to come. | 6. ער האָט געוואָלט איך זאָל קומען. |
| Mother wanted the children to set the table. | 7. די מאַמע האָט געוואָלט די קינדער זאָלן גרייטן צום טיש. |

**III. וואַרטן אויף.**

The verb וואַרטן "to wait" is followed by the preposition אויף. This means "to wait for" and not "to wait on."

| | |
|---|---|
| The students are waiting for the teacher. | די סטודענטן וואַרטן אויף דעם לערער. |
| The customers are waiting for the waiter. | די קונים וואַרטן אויף דעם קעלנער. |

## אַ ליד: אַ מאָל איז געווען אַ ייִד

*בען יאָמען*

1) אַ מאָל איז געווען אַ ייִד,
האָט ער געהאַט אַ ייִדענע;
האָט ער געהייסן געהייסן
זי זאָל אים קויפֿן פֿלייש אויף שבת.

רעפֿריין (2)
שבת, שבת, שבת,
זאָג ווו נעמט מען פֿלייש אויף שבת?
ס'איז ניטאָ קיין זאַלץ
ניטאָ קיין שמאַלץ
אוי, ווו נעמט מען פֿלייש אויף שבת?
יאַדי בײַ די יאַדי יאַדי באַם אײַ בײַ (2)
יאַדי בײַ די יאַדי יאַדי בײַ....
יאַדי באַם
יאַדי באַם

2) אַ מאָל איז געווען אַ ייִד,
האָט ער געהאַט אַ ייִדענע;
האָט ער געהייסן געהייסן
זי זאָל אים קויפֿן פֿיש אויף שבת.

רעפֿריין (2)
שבת, שבת, שבת,
זאָג ווו נעמט מען פֿיש אויף שבת....
יאַדי בײַ....

3) אַ מאָל איז געווען אַ ייִד,
האָט ער געהאַט אַ ייִדענע;
האָט ער געהייסן געהייסן
זי זאָל אים קויפֿן ווײַן אויף שבת.

רעפֿריין (2)
שבת, שבת, שבת,
זאָג ווו נעמט מען ווײַן אויף שבת....

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| for | אויף | salt | * די/דאָס זאַלץ |
| to tell, to bid, to order | הייסן (געהייסן) | animal fat (as food) | דאָס/די שמאַלץ |




פֿון *עונג שבת לידער*, בען יאָמען, 1962

## EXERCISES

**I. Write out the time in Yiddish:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1. 3:25 P.M. | 2. 4:08 A.M. | 3. 5:45 P.M. | 4. 7:27 A.M. |
| 5. 12:15 A.M. | 6. 11:18 P.M. | 7. 1:35 P.M. | 8. 8:10 P.M. |
| 9. 12:30 P.M. | 10. 9:07 A.M. | | |

**II. Fill in the correct time in Yiddish:**

1. עס איז איצט צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג. זלמן און קלמן דאַרפֿן קומען אין אַ האַלבער שעה אַרום. זיי דאַרפֿן קומען ______ ______.
2. איך גיי שלאָפֿן עלף אַ זייגער בײַ נאַכט. מײַן מאַן גייט שלאָפֿן מיט צוואַנציק מינוט שפּעטער. ער גייט שלאָפֿן ______ ______.
3. עס איז איצט אַ פֿערטל נאָך זיבן. חיים דאַרף עסן אין פֿופֿצן מינוט אַרום. חיים דאַרף עסן ______ ______.

4. מיט פֿינף און צוואַנציק מינוט צוריק איז געווען ניַין אַ זייגער. דאָס הייסט אַז
איצט איז ____ ______.
5. עס איז איצט צוויי דריַיסיק. מיר וואַרטן אויף אונדזער זון וואָס דאַרף קומען אין
פֿינף און פֿערציק מינוט אַרום. ער דאַרף קומען ____ ______.
6. עס איז איצט צוועלף אַ זייגער ביַי טאָג. באַשע איז געקומען מיט צוואַנציק
מינוט צוריק. זי איז געקומען ____ ______.

**III. Complete the story by using one of the proverbs from this lesson:**

1. זלמן האָט ליב הינדען, וויל ער מיט איר חתונה האָבן. אָבער הינדע ווייסט
ניט אויב זי וויל חתונה האָבן מיט זלמנען; זלמן האָט ניט קיין געלט און ער
האָט ניט ליב צו אַרבעטן; הײַנט אַרבעט ער דאָ, מאָרגן דאָרטן. "זלמן," זאָגט
הינדע, "איך האָב דיך ליב אָבער....

2. די תּלמידים (students) האָבן געדאַרפֿט שריַיבן וועגן זייערע משפּחות.
מאָטל האָט געשריבן אַ ביסל וועגן זיַין משפּחה, אַ ביסל וועגן זיַין חבֿרס
משפּחה און אַ ביסל וועגן זיַין ניַיעם מאַנטל. דער לערער האָט געזאָגט,
"מאָטל, דיַין קאָמפּאָזיציע (composition) איז ניט גוט אָרגאַניזירט, דו...

**IV. Fill in the blanks choosing the correct preposition from the list below:**

1. מיר ווילן טאַנצן ____ דער חתונה. 2. ער וואַרט ____ דעם איניקל. 3. זי
קוקט ____ דעם קונה. 4. זיי ווינען ____ אַ קליין דערפֿל. 5. איר זיַיט
געפֿאָרן ____ דער באַן. 6. מיַינע קינדער קענען מיר העלפֿן ____ דער
עלטער. 7. מיר נעמען צוקער ____ דער קאַווע. 8. ער איז געקומען
____ דער פֿרי. 9. ____ מאָרגן האָבן זיי געפֿונען די זעלבע צאָל גרינסן.
10. מע פֿאַרקויפֿט דאָ העמדער ____ מענער. 11. זי זעט אויס שיין ____ די
ניַיע קליידער. 12. לאַנגע ספּודניצעס זיַינען אַצינד ____ דער מאָדע. 13. דער
קעלנער דאַרף גרייטן ____ טיש.

מיט אויף צו אויף פֿאַר אין צום אויף אויף אין אין מיט אין אויף

**V. Translate into Yiddish:**

1. I cut (past tense) the bread with a knife.
2. The man told his wife to make fish for (on) Sabbath.
3. Please give me a bit [of] butter.
4. Excuse [me], can we still get breakfast?
5. If you want breakfast, you have to come in the morning. It costs $2.95.

6. Let's try (taste) several of your famous rolls. Do they cost only $.75 (סענט) a roll?
7. I want you to remember to taste their soup.
8. He wants the children to pass the bread.
9. May I ask you a few (several) questions? Of course, I have nothing (not what) to do.
10. We like to eat your kreplekh. They have (are) the taste of paradise!
11. We were at (in) this (the) restaurant two weeks ago.
12. I like that kind of (such a) customer!
13. We waited for our son. He came at twelve noon.
14. You (*for.*) wanted a cup of coffee with sugar and milk? It costs $1.05.
15. The father helped the children read the menu.
16. The table is somehow (something) dirty.
17. The waiter wants the customer to order.
18. Why are the plates and the spoons not clean?

**VI. Fill in the appropriate form of the article(s) and adjective(s). Note: The articles or adjectives given in parentheses are in the nominative case.**

1. דער אַפּעטיט קומט מיט (דאָס) _____ עסן.
2. דער היימיש _____ קעלנער ברענגט די געשמאַק ____ זופּ.
3. איך האָב דערציילט ד_____ אַלט_____ קעלנער אַ וויץ (joke).
4. דער טאַטע האָט געגעבן (דאָס קליינע) _____ __________ קינד (דער) _______ פֿרישטיק.
5. די מאַמע האָט געמאַכט אַ (געשמאַקער) ____________ באָרשט.
6. מאַשע האָט דערלאַנגט ד____ גוט____ חבֿר אַ גלעזל טיי.
7. מיר האָבן גערעדט מיט ד___ לאַנדסלײַט וועגן ד____ אַלטער היים.
8. ד___ גאַנצ___ משפּחה האָט באַשטעלט בולקעס מיט (די) ____ זופּ.
9. זי האָט ליב מילך אין (די) _____ קאַווע.
10. ער האָט געגעסן דאָס ברויט מיט (דער קליינער) _____ __________ מעסער.
11. מיר פּאַרזוכן ד____ פּעט ____ קרעפּלעך. טעם-גן-עדן!
12. ער האָט געטרונקען כּמעט אַ גאַנצ____ גלעזל זאַפּט.

# ORAL DRILL

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necesssary changes. Match the numbers correctly.**

1. — וואָס האָט חיים[1] באַשטעלט?
— חיים[1] האָט באַשטעלט צוויי בולקעס מיט פּוטער און אַ גלעזל וואַסער,
צוזאַמען $1.75.
א) (זיי[1])
ב) (איך - מיר[1])

2. — קעלנער, דער טעלער איז ניט ריין.[1]
— וואָס ווילט איר?
— מיר ווילן אַ ריינעם[1] טעלער און אַ ריינעם[1] גאָפּל און אַ ריין[1] גלעזל.
א) (ניי[1])
ב) (עלעגאַנט[1])
ג) (שיין[1])

3) — מיט וועמען האָסטו געגעסן?
— איך האָב געגעסן מיט חנהן.[1]
— וואָס האָט חנה[1] באַשטעלט?
— חנה[1] האָט באַשטעלט געפּרעגלטע ציבעלעס און קאָמפּאָט. עס האָט געקאָסט
$3.65.
א) (די לערערין[1])
ב) (דער פעטער[1])
ג) (די חברים[1])
ד) (וועלוועל[1])

4) — אויף וועמען וואַרטסטו?
— איך וואַרט אויף מאָטלען. ער האָט געדאַרפט קומען 11:30.[1]
— עס איז שוין באַלד 12 אַ זייגער.[2] אפשר וועט ער באַלד זיין דאָ.
א) (9:45,[1] 10[2])
ב) (6:15,[1] 6:30[2])
ג) (2:25,[1] 2:50[2])

## VIII. Complete the dialogue:

1. — וואָסווילט איר?
— קעלנער, זײַט אַזוי גוט, מיר דאַרפֿן וואַסער, אַ גאָפּל, און אַ ריינעם טעלער.
— מיסעס,......

2. — אויף וועמען וואַרט איר?
— מיר וואַרטן אויף בערלען, ער דאַרף קומען 11:45.
— איצט איז נאָר 11:30.......

3. — וואָס קענען מיר עסן וועטשערע?
— איר האָבן זופּ און פֿיש און געפּרעגלטע ציבעלעס אויב איר ווילט.
— דאָס איז.....

4. — עס איז שוין דרײַ אַ זייגער. די שטוב איז ריין און דאָס עסן איז גרייט (ready). וואָס נאָך ווילסטו מיר זאָלן טאָן איידער די געסט (guests) קומען?
— איך וויל איר זאָלט......

## IX. Conversation Topics:

1. You are in a restaurant in New York's Lower East Side or in an Orthodox neighborhood. You order a meal but the waiter seems annoyed at the many questions you ask and at the fact that you are not spending enough.

2. You are eating at the home of your grandmother, who, needless to say, loves to feed you. She keeps offering you dish after dish, and you try, politely but unsuccessfully, to convince her that you have eaten enough.

3a. You and your friend(s) are talking about your parents' hopes and expectations for you. Tell each other (using the correct construction after וועלן ) what your parents expect of you and have expected of you throughout life.

b. Have a similar conversation, but this time, be the parent and discuss what you want of your children.

# UNIT 10

## דאָס צענטע קאַפּיטל

## לעקציע צען ב׳ Lesson 10B

# טסן

## אַ נגידישע פּרעזשעניצע

לויט שלום-עליכמען

**מאַן:** וואָס זאָל איך דיר זאָגן, הינדע? ס׳איז גוט צו זײַן אַ נגיד.

**הינדע:** פֿאַר וואָס?

**מאַן:** געווען בײַם נגיד. מע האָט דערלאַנגט צום טיש אַ פּרעזשעניצע, אַ גאָלד!

**הינדע:** וואָס איז דאָרטן?

**מאַן:** טעם-גן-עדן!

**הינדע:** האָסט געגעסן?

**מאַן:** וואָס פֿאַר אַ מחותּן בין איך?

**הינדע:** טאָ, פֿון וואַנען ווייסטו?

**מאַן:** מע זעט ניט? אַ מחיה צו קוקן פֿון דער ווײַטן!

**הינדע:** נגידים, וואָס פֿעלט זיי?

**מאַן:** קאָפּוויטיק! איך וויל, הינדע...נמ נמ נמ נם. וואָלסט אַ מאָל מאַכן אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** טאַקע?

**מאַן:** פֿאַר וואָס ניט? איין מאָל אין לעבן!

**הינדע:** משוגע-וואָס?

**מאַן:** נמ נמ נם.... עס חלשט מיר דאָס האַרץ, הינדע! מאַך מיר אַ פּרעזשעניצע, זע!

**הינדע:** אַ קלאָג! פֿון וואָס מאַכט מען עס – ווייסטו?

**מאַן:** פֿון וואַנען זאָל איך וויסן?

**הינדע:** טאָ, וואָס זשע רעדסטו? ערשטנס, טוען זיי אַרײַן, די נגידים, ווער ווייסט וויפֿל פּוטער.

**מאַן:** מילא, איז אָן פּוטער, אַבי אַ פּרעזשעניצע!

**הינדע:** הײַנט מילך?

**מאַן:** מילא, איז אָן מילך, אַבי אַ פּרעזשעניצע!

**הינדע:** גוט, אָבער אייער? אָן אייער קען מען דאָך ניט מאַכן קיין פּרעזשעניצע.

**מאַן:** אייער? וווּ שטייט דאָס "אייער"? מע צעשלאָגט איין איי און מע מאַכט אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** גוט! וווּ נעמט מען עס? געווען איין איי, איז אַוועק אַ האַלב געלכל אויף געפּילעכץ און אַ ביסל פֿון דעם ווײַסל אויף די חלות.

**מאַן:** נאַ-נאַ! אַז דו ווילסט, געפֿינסטו נאָך פֿון וואָס צו מאַכן אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** פֿון וואָס? פֿון דעם שאָלעכץ? אַ האַלב איי!

**מאַן:** איך ווייס? ביסט דאָך עפּעס אַ בעל-הביתטע.

**הינדע:** אַ בעל-הביתטע, סײַדן מיט מעל אַ ביסל?

**מאַן:** זאָל זײַן מיט מעל, אַבי אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** חכם, וווּ נעמט מען עס?

**מאַן:** עס, אַ ביסל מעל אויך אַ זאַך?

**הינדע:** אויך אַ זאַך..... סײַדן רעטשענע.

**מאַן:** זאָל זײַן רעטשענע, אַבי אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** סײַדן מיט אַ ציבעלע?

**מאַן:** זאָל זײַן אַ ציבעלע, אַבי אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** גאָר פֿאַרגעסן! ניטאָ קיין ציבעלעס. עס איז דאָ אַ קנאָבעלע.

**מאַן:** זאָל זײַל אַ קנאָבעלע, אַבי אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** אַ שיינע פּרעזשעניצע! מיט וואָס באַשמירט מען די סקאָווראָדע?

**מאַן:** שמיר מיט וואָס דו ווילסט, אַבי אַ פּרעזשעניצע.

**הינדע:** נאָ דיר אַ פּרעזשעניצע! געווען בײַם נגיד. דער נגיד זאָל זיך אָפּשניידן די נאָז, דאַרף מען אויך שנײַדן די נאָז. מאַלפּע! נאַ! נאַ דיר אַ פּרעזשעניצע! גיי וואַש זיך, שוין פֿאַרטיק די פּרעזשעניצע!

**מאַן:** שוין פֿאַרטיק די פּרעזשעניצע? אָט אַזוי, הינדע, האָב איך דיך ליב. די נגידים מיינען אַז נאָר בײַ זיי איז דאָ פּרעזשעניצעס....אַן אײדעלער מאכל, עס שמעקט דער קנאָבל –אַ מחיה! גוט, הינדע!

54. כ׳קען אַלע טאָג עסן פּרעזשעניצעס. הערסטו, הינדע, וואָס איך

55. וועל דיר זאָגן? נמ נמ נם, דײַן פּרעזשעניצע איז גאָרניט דאָס ....

56. עפּעס זויערלעך, ווייניק זאַלץ און קלעפּיק, זאָלסט מיר מוחל זײַן!

57. נמ נמ נם, גאָט זאָל ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד. חלשות, טפֿו! דער

58. שוואַרץ-יאָר ווייס זיי, די נגידים, אין וואָס זיי קאָכבענען זיך!

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| * אַוווּ = וווּ | where |
| אַוועקגיין (איז אַוועקגעגאַנגען) | to go away; to be used up |
| אײַ | so |
| דאָס איי(ער) | egg |
| איידל (דער איידעלער) | delicate, noble, genteel, gentle, refined |
| * אָן | without |
| אָפּשנײַדן (אָפּגעשניטן) | to cut off |
| אַרײַנטאָן (אַרײַנגעטאָן) | to put in |
| אַרײַנלייגן (אַרײַנגעלייגט) | to put in (in lying position) |
| * באַשמירן (באַשמירט) | to smear, to coat with |
| * די בעל-הביתטע(ס) | [baleboste(s)] housekeeper, housewife |
| * דאָס גאָלד | gold; stg. very good |
| * גאָר | completely |
| גיין אַוועק ← אַוועקגיין | |

* דער/דאָס מאכל(ים) [maykhl-maykholim] (kind of) food, dish, stg. delicious — 
די מאַלפּע(ס) — monkey
מוחל זײַן [moykhl] — to forgive, to pardon (האָט מוחל געווען)
* די מחיה [mekhaye] — delight, pleasure
* מילא [meyle] — so be it, oh well; never mind
די/דאָס מעל — flour
* משוגע [meshuge] — crazy, mad
* דער נגיד(ים) [nogid-negidim] — rich man
נגידיש — in rich man's style [negidish]
* סײַדן — unless
די סקאָווראָדע(ס) — frying pan
*עפּעס — something, somehow, somewhat
ערשטנס — first of all
פּרעזשעניצע(ס) — omelette, scrambled eggs
פֿאַרגעסן (פֿאַרגעסן) — to forget
* פֿאַרטיק — ready, finished
פֿעלן (געפֿעלט) — to be missing, to lack
צעגיין (איז צעגאַנגען) — to melt

דאָס געלכל(עך) — yolk
דאָס געפּילעכץ(ן) — stuffing
* געפֿינען (געפֿונען) — to find
* דאָך — after all; you know; obviously
* האַלב — half
הײַנט — besides, moreover, on top of it
* וואַשן זיך (זיך געוואַשן) — to wash (up)
* ווייניק — few, little
דאָס ווײַסל(עך) — eggwhite
* די זאַך(ן) — thing; issue
זויערלעך — sourish
דער חכם(ים) [khokhem-khakhomim] — wise person; wise guy (sarc.)
* די חלה (חלות) [khale(s)] — challah bread, a twisted white bread eaten Sabbath
חלשות [khaloshes] — nauseating, disgusting enough to make one faint
חלשן (געחלשט) [khaleshn (gekhalesht)] — to faint
טאָ — so, then
טאָן אַרײַן ← אַרײַנטאָן
לייגן אַרײַן ← אַרײַנלייגן

| | | | |
|---|---|---|---|
| buckwheat *(adj.)* | רעטשן (דער רעטשענער) | to beat | צעשלאָגן (צעשלאָגן) |
| peel, shell | די/דאָס שאָלעכץ(ער) | to like/love (from Polish); may also be a trivialization of קאָכן (to cook) | קאָכענען |
| devil | דער שוואַרץ-יאָר | headache | דער קאָפּווייטיק(ן) |
| to punish | שטראָפֿן (געשטראָפֿט) | lament | די קלאָג |
| to smear, to spread (*stg.* on) | שמירן (געשמירט) | garlic: *dim. of* דער קנאָבל | דאָס קנאָבעלע(ך): |
| to cut | * שנײַדן (געשניטן)<br>שנײַדן אָפּ ← אָפּשנײַדן | talk, language, words | די רייד |

## Phrases And Expressions

| | | | |
|---|---|---|---|
| How *[mekhutn]* am I related? What have I got to do with.... | וואָס פֿאַר אַ מחותּן (בין איך)? | a wonderful thing | אַ גאָלד! |
| | | Woe! Damn it! | אַ קלאָג! |
| | | this way, that's how | * אָט אַזוי |
| | | from afar | * פֿון דער ווײַטן |

## GRAMMAR

### I. Verb plus Infinitive

In Yiddish, just as in English, when an infinitive follows a verb, "to" is used before the infinitive with some, but not all, verbs. For example, in English we say, "I can dance," but "I love ***to*** dance."

In Yiddish, the modal verbs (see Unit 6) **קענען, מוזן, מעגן, וועלן, דאַרפֿן, ניט טאָרן** (not permitted), and the verbs **לערנען (זיך)** and **העלפֿן** are followed by the infinitive without **צו.**

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| The customers can order what they want. | 1. די קונים קענען באַשטעלן וואָס זיי ווילן. |
| You may put on the new boots. | 2. דו מעגסט אָנטאָן די נײַע שטיוול. |
| The student *(f.)* must answer the questions. | 3. די תּלמידה מוז ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס. |
| I want to taste everything. | 4. איך וויל פֿאַרזוכן אַלץ. |
| The students have to get new books. | 5. די תּלמידים דאַרפֿן קריגן נײַע ביכער. |

| | |
|---|---|
| You are learning to read and write Yiddish. | 6. איר לערנט זיך לייענען און שרײַבן יִידיש. |
| Sunday morning the children help set the table. | 7. זונטיק אין דער פֿרי העלפֿן די קינדער גרייטן צום טיש. |
| You may not taste the compote. It is for the guests. | 8. מע טאָר ניט פֿאַרזוכן דעם קאָמפּאָט. ער איז פֿאַר די געסט. |

The verb זײַן is always followed by צו plus the infinitive. Other verbs such as פֿײַנט האָבן (hate), ליב האָבן frequently are followed by צו plus the infinitive. The צו is also optional after the verbs אָנהייבן (to begin) and אויפֿהערן (to stop/cease). Using צו is advisable when the verb is separated from the infinitive by a word or phrase as it is in sentence 4 below:

| | |
|---|---|
| I like to drink tea in a glass. | 1. איך האָב ליב [צו] טרינקען טיי אין אַ גלאָז. |
| It is not good to want too much. | 2. עס איז ניט גוט צו וועלן צו פֿיל. |
| The customer *(f.)* hates to buy in this store. | 3. די קונהטע האָט פֿײַנט [צו] קויפֿן אין דעם געשעפֿט. |
| The housekeeper begins cooking supper at five o'clock P.M. | 4. די בעל-הביתטע הייבט אָן פֿינף אַ זייגער אין אָוונט צו קאָכן וועטשערע. |

**II. More about עס as Subject**

You have already learned some of the uses of עס in Unit 6.

1) As the formal impersonal subject:

| | |
|---|---|
| It is very nice outside today. | 1. עס איז הײַנט זייער שיין אין דרויסן. |
| It is good to eat *kreplekh*, but not everyday. | 2. עס איז גוט צו עסן קרעפּלעך, אָבער ניט יעדן טאָג. |

2) The expletive עס where there is a logical subject:

| | |
|---|---|
| My head hurts. | 1. עס טוט מיר וויי דער קאָפּ. |
| My heart is fainting/ weak. | 2. עס חלשט מיר דאָס האַרץ. |

3) In addition, theoretically, every sentence in the third person singular or plural with a ***noun*** or ***proper noun*** as its subject may be rendered with expletive עס as the subject. Expletive עס never is used when the logical subject is a pronoun. If the logical subject is in the plural, the verb is also in the plural.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| The blintzes are delicious. | 1. די בלינצעס זײַנען געשמאַק. |
| | עס זײַנען די בלינצעס געשמאַק. / עס זײַנען געשמאַק די בלינצעס. |
| My heart is faint. | 2. דאָס האַרץ חלשט מיר. |
| | עס חלשט מיר דאָס האַרץ. |
| The waiter spills the soup on the customer. | 3. דער קעלנער גיסט די זופּ אויף דעם קונה. |
| | עס גיסט דער קעלנער די זופּ אויף דעם קונה. |
| (The) grandfather died. | 4. דער זיידע איז געשטאָרבן. |
| | עס איז דער זיידע געשטאָרבן. / עס איז געשטאָרבן דער זיידע. |
| The friends brought the money. | 5. די חבֿרים האָבן געבראַכט דאָס געלט. |
| | עס האָבן די חבֿרים געבראַכט דאָס געלט. / עס האָבן געבראַכט די חבֿרים דאָס געלט. / עס האָבן געבראַכט דאָס געלט די חבֿרים. |

## III. The Direct Object Pronoun

Memorize the following direct object pronouns:

| | | | |
|---|---|---|---|
| us | אונדז | me | מיך |
| you *(pl.; sg. for.)* | אײַך | you *(sg. fam.)* | דיך |
| them | זיי | him | אים |
| | | her | זי |

In each of the following sentences the highlighted word is the direct object pronoun. It is in the accusative case.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| You see ***me***. | 1. דו זעסט מיך. |
| We want to ask ***you*** several questions. | 2. מיר ווילן דיך פֿרעגן עטלעכע פֿראַגעס. |
| I knew ***him*** from the old country ( yet). | 3. איך האָב אים נאָך געקענט פֿון דער היים. |
| She saw ***her*** Thursday. | 4. זי האָט זי געזען דאָנערשטיק. |
| Grandfather took ***us*** to synagogue. | 5. דער זיידע האָט אונדז גענומען אין שול. |
| The waiter didn't see ***you***. | 6. דער קעלנער האָט אײַך ניט געזען. |
| My husband likes vegetables. He buys ***them*** in this store. | 7. מײַן מאַן האָט ליב גרינסן. ער קויפֿט זיי אין דעם געשעפֿט. |

## IV. Word Order and Direct Object Nouns and Pronouns

In the past tense a direct object noun may go before or after the past participle.

I saw the ***teacher***. איך האָב געזען דעם לערער. איך האָב דעם לערער געזען.

In the past tense the direct object pronoun goes between the auxiliary verb and the past participle.

You saw ***me***. איר האָט מיך געזען.

The housewife knew ***them***. די בעל-הביתטע האָט זיי געקענט.

In the past tense negative the ניט precedes the participle with a direct object noun.

I did not see ***the teacher***. איך האָב דעם לערער ניט געזען.
איך האָב ניט געזען דעם לערער.

In the past tense negative the ניט precedes the participle, with a direct object pronoun. This means that the direct object pronoun follows the auxiliary verb and precedes the ניט.

You did not see ***him***. 1. דו האָסט אים ניט געזען.

You haven't seen ***him*** for a long time. 2. דו האָסט אים שוין לאַנג ניט געזען.

We didn't know ***him*** two years ago. 3. מיר האָבן אים ניט געקענט מיט צוויי יאָר צוריק.
4. מיר האָבן אים מיט צוויי יאָר צוריק ניט געקענט.

If a sentence unit other than the subject begins the sentence, the direct object noun may go before or after the participle in the past tense.

Today I saw ***Mirl***. 1. הײַנט האָב איך געזען מירלען.
2. הײַנט האָב איך מירלען געזען.

Of course, he did not want to read ***the book***. 3. אַוודאי האָט ער דאָס בוך ניט געוואָלט לייענען.
4. אַוודאי האָט ער ניט געוואָלט לייענען דאָס בוך.

In the past tense, if a sentence unit other than the subject begins the sentence, the direct object pronoun follows the subject and precedes the participle.

| | |
|---|---|
| Today I saw ***him***. | 1. הײַנט האָב איך אים געזען. |
| In the morning we saw ***them***. | 2. אין דער פֿרי האָבן מיר זיי געזען. |
| He saw ***them*** in the middle of the road. | 3. אין מיטן וועג האָט ער זיי געזען. |
| He did not see ***them*** in the middle of the road. | 4. אין מיטן וועג האָט ער זיי ניט געזען. |

## V. Indefinite Amount or Number: Some, Any אַ ביסל

Yiddish has no exact equivalents for the English words "some" and "any" (in opposition to "none"). Generally, we use the noun itself unmodified. Sometimes, **אַ ביסל** (a little) may mean "some" or "a small amount."

**For example:**

| | |
|---|---|
| Give me some sugar. | 1. גיט מיר (אַ ביסל) צוקער. |
| The customer wants some soup. | 2. דער קונה וויל (אַ ביסל) זופּ. |
| Do you have any milk? | 3. איר האָט (אַ ביסל) מילך? |

Though this form of the noun unmodified may seem odd to the English speaker, it is logical. It is understood that the speaker does not want all the sugar or soup or milk in the world, but only a part of it. If an article precedes the noun, then the meaning changes to "the," "this," "that," "these," "those," "a," or "an." Study these examples:

| | |
|---|---|
| The housewife buys the/this sugar. | 1. די בעל-הביתטע קויפֿט דעם צוקער. |
| I don't want the(se) onions. | 2. איך וויל ניט די ציבעלעס. |
| Do you have any garlic? | 3. איר האָט קנאָבל? |
| No, I don't have any garlic, | ניין, קיין קנאָבל האָב איך ניט, |
| but I have (some) eggs. | אָבער איך האָב אייער. |
| My husband eats an egg in the morning. | 4. מײַן מאַן עסט אַן איי אין דער פֿרי. |

Sometimes the English sentence could be rendered with or without the "some" or "any."

| | |
|---|---|
| I need (some) butter. | 1. איך דאַרף פּוטער. |
| I already have (some) milk. | 2. איך האָב שוין מילך. |
| Does the rich man have (any) daughters? | 3. האָט דער גביר טעכטער? |
| No, he doesn't have (any) daughters, | ניין, ער האָט ניט קיין טעכטער, |
| he has sons. | ער האָט זין. |

Naturally, the noun unmodified does not always mean "some" or "any." You have to judge from the context.

| | |
|---|---|
| Sugar is sweet. | צוקער איז זיס. |
| Lemons are sour. | לימענעס זײַנען זויער. |

When "some" is used in opposition to "all," Yiddish uses אַנדערע (other), or טייל (part of), or the adjective געוויס (certain).

| | |
|---|---|
| Some of the students come to class, and some do not come. | 1. טייל סטודענטן קומען אין קלאַס, און טייל קומען ניט. |
| I like some omelettes, and some I don't like. | 2. איך האָב ליב געוויסע פּרעזשעניצעס, און אַנדערע האָב איך ניט ליב. |
| The housekeeper cooks some things in the frying pan and some in the pot. | 3. די בעל-הביתטע קאָכט געוויסע זאַכן אין דער סקאָווראָדע און אַנדערע אין דעם טעפּל. |

The English "any" has two equivalents in Yiddish. When used with the meaning "none" in a negative statement, the ניט... קיין construction is used. When "any" has the meaning "every, all" it is rendered as יעדער in Yiddish.

| | |
|---|---|
| The store doesn't have any flour. | 1. אין דעם געשעפֿט איז ניטאָ קיין מעל. |
| There isn't any salt in the house. | 2. עס איז ניטאָ קיין זאַלץ אין שטוב. |
| The housewife does not have any onions. | 3. די בעל-הביתטע האָט ניט קיין ציבעלעס. |
| Any (=every) one on the street knows that. | 4. יעדער מענטש אין גאַס ווייסט דאָס. |
| Every rich man loves omelettes. | 5. יעדער גביר האָט ליב פּרעזשעניצעס. |

In English we may end a sentence with the word "some." For example: "I need some garlic. Please buy me some." In Yiddish, this is impossible. We would have to say "איך דאַרף קנאָבל. זײַ אַזוי גוט, קויף מיר קנאָבל".

**VI. Verb Minus דו**

In everyday spoken Yiddish, in interrogative constructions and constructions after the verb װעלן involving the second person singular familiar דו, the דו is frequently omitted. It is also never wrong to include ד(ו).

| | |
|---|---|
| Did you eat? | 1. האָסט(ו) געגעסן? |
| Have you already greased the frying pan? | 2. האָסט(ו) שוין באַשמירט די סקאָווראָדע? |
| I want you to make an omelette. | 3. איך וויל (דו) זאָלסט מאַכן אַ פּרעזשעניצע. |
| Dad wants you to pass the rolls. | 4. דער טאַטע וויל (דו) זאָלסט דערלאַנגען די בולקעס. |

# VOCABULARY

father *(affec)* — דער טאַטעניו

all sorts of delicacies — *[kol matamim]* כּל מטעמים

bread *(Heb.)* — *[lekhem]* לחם

sweets, delicacies — *[matamin]* מטעמים

crust — די סקאָרינקע

fresh: *dim. of* פֿריש — פֿרישינק:

duck: *dim. of* די קאַטשקע(ס) — דאָס קאַטשקעלע(ך):

*[kaptsn-kaptsonim]* poor man, pauper — דער קבצן (קבצנים)

intestine, stuffed derma, generally, but poor people could only afford the intestine: *dim. of* די קישקע(ס) — * דאָס קישקעלע(ך)

soaked and shrivelled — אויסגעווייקט

meat *(Heb.)* — *[boser]* בּשׂר

broiled, roasted — געבראָטן (דער געבראָטענער)

chopped — * געהאַקט

thin; dried — דאַר

fish *(Heb.)* — *[dogim]* דגים

*[dalfn-dalfonim]* poor man — דער דלפֿון (דלפֿנים)

pike: *imin. of* דער העכט (העכט) — דאָס העכטעלע(ך):

herring: *dim. of* דער הערינג (הערינג/ען) — * דאָס הערינגל (עך):

tune: *[zemerl(ekh)]* *dim. of [zemer(s)]* דער זמר(ס) — * דאָס זמרל(עך)



# אַ ליד: לאָמיר אַלע זינגען אַ זמרל

*פֿאָלקסליד*

רעפֿרײן:
לאָמיר אַלע זינגען, לאָמיר אַלע זינגען,
אַ זמרל, אַ זמרל:
לחם איז ברויט, בשׂר ודגים וכּל מטעמים.

1) —זאָג זשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז לחם?
—בײַ די גרויסע נגידים איז לחם אַ פֿרישינקע בולקעלע,[1]
אָבער בײַ אונדז, קבצנים, אוי דלפֿנים,
איז לחם אַ דאַרע סקאָרינקע, נעבעך.

2) —זאָג זשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז בשׂר?
—בײַ די גרויסע נגידים איז בשׂר אַ געבראָטענע קאַטשקעלע,
אָבער בײַ אונדז, קבצנים, אוי דלפֿנים,
איז בשׂר אַ דאַרע קישקעלע, נעבעך.

3) —זאָג זשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז דגים?
—בײַ די גרויסע נגידים איז דגים אַ העכטעלע,
אָבער בײַ אונדז קבצנים, אוי דלפֿנים,
איז דגים אַן אויסגעווייקט הערינגל, נעבעך.

4) —זאָג זשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז מטעמים?
—בײַ די גרויסע נגידים איז מטעמים קאָמפּאָט.
אָבער בײַ אונדז, קבצנים, אוי דלפֿנים,
איז מטעמים געהאַקטע צרות, נעבעך.

[1] The adjectival ending in the phrases אַ פֿרישינקע בולקעלע, אַ דאַרע קישקעלע and אַ געבראָטענע קאַטשקעלע, may surprise you. Because they are examples of the Litvish dialect they are not declined according to the rules of standard Yiddish grammar.




*פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג*

# EXERCISES

**I. Rewrite these sentences using expletive עס:**

1. אַ סך מענטשן, קיין עין-הרע, קומען צו אונדז.
2. די געפּרעגלטע אייער זײַנען געשמאַק.
3. דער קעלנער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן.
4. דער טאַטע נעמט צוקער צו דער קאַווע.
5. דער מעסער און די טעלערס זײַנען שמוציק.
6. דער עלנבויגן טוט מיר ווײ.
7. די בעל-הביתטע באַשמירט די סקאָווערנאַדע מיט פֿוטער.
8. די פּרעזשעניצע איז שוין פֿאַרטיק.
9. די מאַמע האָט געדאַרפֿט מעל און קנאָבל.
10. דער פֿעטער איז געווען קראַנק אײדער ער איז געקומען.

**II. Answer the questions using the answers provided in parentheses.**
**Note: You may have to add "צו" in some sentences.**

**Example:** וואָס וויל זי טאָן? (קויפֿן נײַע קליידער)
זי וויל קויפֿן נײַע קליידער.

1. וואָס ווילן די אָרעמע מענטשן טאָן? (געפֿינען אַרבעט)
2. וואָס האָט די קונהטע ליב? (עסן זיסע פֿיש)
3. וואָס דאַרפֿט איר טאָן אין דער פֿרי? (טרינקען זאַפֿט)

4. וואָס איז אַ שאָד? (זײַן אויף צרות)
5. וואָס לערנט ער זיך? (לייענען און שרײַבן ייִדיש)
6. מיט וואָס העלפֿסטו? (מאַכן פֿרישטיק)
7. וואָס האָבן די נגידים ליב? (קויפֿן טײַערע קליידער)
8. וואָס איז שווער (hard)? (זײַן אַ ייִד)
9. וואָס האָט די בעל-הביתטע ליב צו טאָן? (קאָכן פּרעזשעניצעס)
10. וואָס ווילן די קינדער טאָן? (קואסן אין קלאַס)

**III. Fill in the blanks with the direct object form of the pronoun in parentheses:**

**Example:** דו קענסט (ער). = דו קענסט אים.

1. זי האָט (ער) _____, צום באַדויערן, ניט ליב.
2. מיר האָבן (זי) _____ געזען אין דעם געשעפֿט.
3. דער גבֿיר האָט (מיר) _____ געדענקט.
4. זי לערנט (זיי) _____ דעם אַלף-בית.
5. מיר קענען (איר) _____ נאָך פֿון דער היים.
6. דער לערער האָט (איך) _____ ניט געקענט.
7. איך וויל (דו) _____ זען צען אַ זייגער.
8. זיי האָבן (מיר) _____ ליב געהאַט.
9. ער האָט (זי) _____ געוואָלט נעמען אויף דער חתונה.
10. זי נעמט (ער) _____ אַהיים.
11. מיר האָבן (זיי) _____ געזען אין דער פֿרי.
12. דער תּלמיד האָט (איך) _____ געפֿרעגט אַזעלכע אינטערעסאַנטע (interesting) פֿראַגעס.
13. זי האָט (איר) _____ געזען פֿון דער ווײַטן.

**IV. Translate into Yiddish:**

1. I need some milk. Please buy me some.
2. The students don't have any books. They need some.
3. There isn't any salt on the table.
4. Waiter, please bring us some rolls.
5. Would you like (Do you want) some tea? Yes, without sugar.
6. The customer likes some of the food in the restaurant, but some he does not like.
7. Please pass me some bread.
8. May I ask you several questions?
9. Some people don't eat breakfast in the morning.
10. If you have some time, make me an omelette. I have none (no time).

11. The teacher was speaking to some students.
12. I want some coffee without milk. We don't have any.
13. Any restaurant should (ought to) have tea and coffee.
14. Any "landsman" likes this kind of soup. [It has the] taste of paradise.

**V. Rewrite the following sentences in the past tense:**

1. עלף אַ זייגער קריגט מען נאָך פֿרישטיק.
2. עס איז פֿינצטער אין דרויסן.
3. איר דאַרפֿט קומען אין דער פֿרי.
4. דער קעלנער גרייט ניט צום טיש.
5. זיי וואַרטן אויף זייער חבֿר.
6. זיי ברענגען די גאָפּלען און די לעפֿל.
7. דו עסט די זופּ מיט אַ גרויסן לעפֿל.
8. איר טרינקען אַ טעפּל קאַווע אָן צוקער.
9. דער ייִדע טרינקט טיי אין אַ גלאָז.
10. איר האָט אַ שיסל גרינסנזופּ.
11. די בלינצעס זײַנען טעם-גן-עדן.
12. מע שטאַרבט ניט פֿון אונדזער געפּרעגלטן פֿיש.
13. מיר פֿאָרן ניט צום נגיד.
14. מײַן מאַן וויל ניט קיין פּרעזשעניצע.
15. דו האָסט ניט קיין קנאָבל.
16. די בעל-הביתטע קויפֿט מעל און זאַלץ.
17. מיר וואַשן זיך אײדער מיר עסן.
18. די פּרעזשעניצע שמעקט מיט קנאָבל.
19. מע דאַרף פּוטער צו דער פּרעזשעניצע.
20. איך ווייס ניט וואָס פֿאַר אַ מאכל דאָס איז (present tense).

**VI. Translate into Yiddish:**

1. The housekeeper bought onions and garlic.
2. The garlic smells somehow (something).
3. Please make me an omelette.
4. I want to fry the eggs.
5. We have to go to the rich man.
6. I can pass you (דיר) the omelette but there are no eggs in this omelette.
7. I can't beat the egg. My hand hurts me.
8. One can make an omelette without milk and without butter, but it will taste bad (it will not have a taste).
9. Dinner is ready. You can go to the table.
10. This is a delicate dish. We ought to eat it every day.
11. I love you when you cook omelettes. Thanks a lot!

# ORAL DRILL

**VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly. The articles are given in the nominative case in square brackets. You may or may not need to use them.**

1. – ווען האָבן זיי געזען אין רעסטאָראַן?
– זיי האָבן אים[1] געזען.
– האָבן זיי גערעדט צו אים?[1]
– יאָ! ווײַל זיי האָבן אים[1] ליב.
א) (זי[1]-איר[1])
ב) (זעלדען[1])
ג) (אונדז[1]-אײַך[1])

2. – זיי באַשטעלן די געשמאַקסטע בלינצעס.[1] דעם גוטן זאַפּט[2] און אַ ייִדישע פּרעזשעניצע.[3]
א) ([דאָס] ברויט,[1] [דער] פֿיש,[2] [דאָס] שטיקל פֿלייש[3])
ב) ([דאָס] פֿלייש,[1] [די] טיי,[2] [דער] קאָמפּאָט[3])

**VIII. Rearrange these sentences putting the highlighted words first:**

1. די מאַמע האָט אונדז הײַנט געקויפֿט נײַע קליידער.
2. די פּרעזשעניצע איז געווען פּאַרטיק אַ פֿערטל נאָך צוויי.
3. איר האָבן געוואָלט אַז די גרינסזופּ זאָל שוין זײַן גרייט האַלב זעקס.
4. דער נגיד האָט געוואָלט ווױנען אין ישׂראל אויף דער עלטער.
5. מיר האָבן אוודאי פֿאַרזוכט די בלינצעס.
6. זיי זײַנען געפֿאָרן אין דער פֿרי.
7. דער קעלנער האָט שוין געגרייט צום טיש צען מינוט נאָך זיבן.
8. מיר האָבן געקענט געפֿינען הויזן אַפֿילו אין דעם געשעפֿט.
9. עס שמעקט דער קאָגל.
10. עס זײַנען געקומען אַ סך מענטשן.
11. עס טוט מיר איצט ניט וויי דער קאָפּ.

**IX. Incorporate the pronoun into the sentence and read the sentence out loud:**

**Example:** מיר האָבן ליב. (דיך) מיר האָבן דיך ליב.

1. איר האָט געזעּן. (זיי)
2. די בעל-הביתטע דערלאַנגט די קינדער. (עס)
3. היינט האָב איך געזען. (אים)
4. עלף אַ זייגער האָט מען געכאַפּט. (זיי)
5. גאָט האָט געשטראָפֿט. (אונדז)
6. איר ווילן קענען. (דיך)
7. מיר האָבן ניט געזען אין מיטן וועג. (אים)
8. זי האָט ניט געקושט. (אײַך)
9. פֿאַר וואָס האָט די שוויגער ניט ליב געהאַט? (מיך)
10. פֿאַר וואָס האָסטו ניט גענומען? (זיי)

# UNIT 11

## דאָס עלעפֿטע קאַפּיטל

## LESSON 11A לעקציע 11א'

### אַרבעט

**מתית[1]:** פֿון וואַנען קומט איר?

**זעלדע:** איך קום פֿון דער אַרבעט. איך בין היַינט געווען אין געריכט.

**מתית:** איר זיַיט אַן אַדוואָקאַט?

**זעלדע:** יאָ, איך בין אַן אַדוואָקאַט, איך פֿאַרטיידיק מענטשן וואָס קענען ניט צאָלן.

**מתית:** דאָס קלינגט זייער אינטערעסאַנט. איר האָט אַלע מאָל געוואָלט זיַין אַן אַדוואָקאַט?

**זעלדע:** ניין, ווען איך בין געווען אַ קינד האָב איך געמיינט אַז איך וועל זיַין אַ בעל-מלאָכה. דער טאַטע איז אַ שוסטער. שוין פֿינף און פֿערציק יאָר אַז ער פֿאַרריכט שיך און שטיוול. די מאַמע איז אַ שניַידערין און דער זיידע פֿון דער מאַמעס זיַיט איז אויך געווען אַ שניַידער, האָב איך אויך געוואָלט זיַין אַ שניַידערין. מע דערציילט אַז אין דער אַלטער היים זיַינען אַפֿילו די נגידים געקומען צו אים ער זאָל זיי נייען די קליידער. און איר, וואָס איז איַיער פּרנסה? פֿון וואָס לעבט אַ ייִד?

**מתית:** איך בין אַ רעדאַקטאָר. איך אַרבעט אין אַ פֿאַרלאַג וואָס גיט אַרויס בלויז פּאָעזיע.

**זעלדע:** זייער אינטערעסאַנט. איר קומט פֿון אַ ליטעראַרישער משפּחה?

**מתית:** דער טאַטע איז אַ דרוקער. ער אַרבעט אין אַ דרוקעריַי וווּ מע דרוקט ענגלישע און ייִדישע ביכער, זשורנאַלן, און צײַטונגען. די מאַמע איז אַ לערערין פֿון ליטעראַטור. פֿון דער מאַמען האָב איך געקראָגן אַ ליבע צו דער ליטעראַטור. זי האָט מיר שטענדיק דערציילט מעשׂיות און געלייענט פּאָעזיע.

**זעלדע:** דאָס עפּעס פֿעלט ניט וויַיט פֿון ביימעלע. ביַי וואָס האָבן

[1] The name מתית may also be written מאַטעס, it derives from מתּתיהו. See Unit 7 on Hanukkah.

געאַרבעט זיידע-באָבע?

**מתּית:** בײַ אונדז אין דער משפּחה זײַנען כּמעט אַלע געווען אַרבעטערס; דער זיידע איז געווען אַ סטאָליער, זייער אַ פֿעיִקער בעל-מלאָכה, און האָט גאַנץ גוט פֿאַרדינט. ער האָט געבויט הײַזער און אויך געמאַכט מעבל. די באָבע איז געווען אַ בעקערין און האָט געהאַט אַן אייגענע בעקערײַ. מע דערציילט אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען צו דער באָבען קויפֿן אירע בולקעס און קיכלעך. פֿון דער אַנדערער זײַט איז דער זיידע אויך געווען אַ סטאָליער. און די באָבע, כ'האָב שוין פֿאַרגעסן בײַ וואָס זי האָט געאַרבעט. אָ יאָ, זי האָט געהאַט אַכט קינדער. מסתּמא איז דאָס געווען גענוג אַרבעט.

**זעלדע:** מײַן ייִנגערער זון זאָגט אַז ער וועט זײַן אַ בעקער ווען ער וואַקסט אויף. ער איז אַ נאַשער, מיינט ער מסתּמא אַז ווי אַ בעקער וועט ער אַלע מאָל קענען עסן זיסע זאַכן; בולקעס און קיכלעך. מיר וועלן נאָך זען וואָס וועט זײַן פֿון אים.

**מתּית:** דאָס ייִנגסטע טעכטערל איז צען יאָר אַלט. יעדע וואָך וויל זי זײַן עפּעס אַנדערש; די וואָך זאָגט זי אַז זי וועט זײַן אַ טענצערין. מײַן צווייטער זון וועט באַלד אַרײַנגיין אין עלעפֿטן קלאַס. ער איז אַ פֿעיִקער תּלמיד און איז גוט אין מאַטעמאַטיק. אפֿשר וועט ער ווערן אַ מאַטעמאַטיקער. די עלטסטע טאָכטער גייט אין קאָלעדזש. איבער אַ יאָר וועט זי גיין אין מעדיצין-שול און שטודירן אויף דאָקטער.

**זעלדע:** קינדער! ווער קען וויסן וואָס וועט זײַן פֿון זיי? זיי זאָלן נאָר זײַן געזונט!

## שפּריכווערטער

1. דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿון ביימעלע. — A chip off the old block. *(Lit.* "The apple doesn't fall far from the tree.")
2. אַלע שוסטערס גייען באָרוועס. — All shoemakers go barefoot.
3. אַ מלאָכה איז אַ מלוכה. — A trade is a kingdom.
4. אַ נאַר ווײַזט מען ניט קיין האַלבע אַרבעט. — Don't show a fool half [finished] work.
5. די שווערסטע אַרבעט איז ליידיק צו גיין. — The hardest work is to go idle.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| as | * ווי |
| far | ווײַט |
| sweet | * זיס |
| magazine, journal | * דער זשורנאַל(ן) |
| daughter: | * דאָס טעכטערל(עך): |
| *dim. of* | די טאָכטער (טעכטער) |
| dancer | די טענצערין(ס) |
| youngest | * ייִנגסט |
| each, every | * יעדע |
| literature | * די ליטעראַטור(ן) |
| literary | ליטעראַריש |
| empty | ליידיק |
| mathematics | די מאַטעמאַטיק |
| mathematician | דער מאַטעמאַטיקער(ס) |
| craft, trade *[melokhe(s)]* | * די מלאָכה (מלאָכות) |
| state *[melukhe(s)]* | * די מלוכה (מלוכות) |
| probably | *[mistome]* * מסתּמא |
| furniture | * דאָס מעבל |
| medicine | * די מעדיצין |
| fool | * דער נאַר (נאַראָנים) |
| person with sweet tooth | דער נאַשער(ס) |
| ninth | נײַנט |
| to sew | * נייען (גענייט) |
| carpenter | * דער סטאָליער(ס) |
| oldest | * עלטסט |
| English | * דאָס ענגליש |
| poetry | * די פּאָעזיע |

| | |
|---|---|
| lawyer | * דער אַדוואָקאַט(ן) |
| to grow up | * אויפֿוואַקסן (איז אויפֿגעוואַקסן) |
| one *(masc. acc. & masc. + neut. dative)* | איינעם |
| interesting | * אינטערעסאַנט |
| different *(adv. /pred. adj.)* | * אַנדערש |
| worker | * דער אַרבעטער(ס) |
| to publish, to issue | אַרויסגעבן (אַרויסגעגעבן) |
| to go in, to enter | * אַרײַנגיין (איז אַרײַנגעגאַנגען) |
| barefoot | באָרוועס |
| to buill | * בויען (געבויט) |
| tree: | דאָס ביימעלע(ך): |
| *imin. of* | דער בוים (ביימער) |
| *[bal-melokhe(s)]* craftsman, artisan | * דער בעל־מלאָכה (בעל־מלאָכות) |
| baker | דער בעקער(ס) |
| bakery | * די בעקערײַ(ען) |
| baker *(fem.)* | * די בעקערין(ס) |
| | גיין אַרויס ← אַרויסגיין |
| | געבן אַרויס ← אַרויסגעבן |
| court | דאָס געריכט(ן) |
| to tell | * דערציילן (דערציילט) |
| to print | * דרוקן (געדרוקט) |
| printer | * דער דרוקער(ס) |
| printing shop | די דרוקערײַ(ען) |
| would *(cond.)* | וואָלט |
| | וואַקסן אויף ← אויפֿוואַקסן |

| | | | |
|---|---|---|---|
| college | * דער קאַלעדזש(ן) | living, [parnóse(s)] | * די פּרנסה (פּרנסות) |
| cookie | דאָס קיכל(עך) | sustenance, job | |
| class | * דער קלאַס(ן) | to forget | * פֿאַרגעסן (פֿאַרגעסן) |
| editor | רעדאַקטאָר(ן) | to earn | * פֿאַרדינען (פֿאַרדינט) |
| hardest, most difficult | שווערסט | to defend | * פֿאַרטיידיקן (פֿאַרטיידיקט) |
| shoemaker | * דער שוסטער(ס) | publishing house | דער פֿאַרלאַג(ן) |
| to study (usually) (שטודירט) | * שטודירן | to | * פֿאַרריכטן (פֿאַרריכט/פֿאַרראָכטן) |
| in a college or university) | | repair, to fix | |
| always | * שטענדיק | able, capable, bright | פֿעיִק |
| tailor | * דער שנײַדער(ס) | to pay | * צאָלן (געצאָלט) |
| tailor *(fem.)* | * די שנײַדערין(ס) | newspaper | צײַטונג(ען) |

## Expressions

| | |
|---|---|
| next year | * איבער אַ יאָר |
| the old country | * די אַלטע היים |
| in our family | [mishpókhe] בײַ אונדז אין דער משפּחה |
| What do you work at? What kind of work do you do? | בײַ וואָס אַרבעט איר? |
| grandparents, *pl.* | * זיידע-באָבע |
| How does a Jew earn a living? How do you (speaking to a Jew) earn a living? | פֿון וואָס לעבט אַ ייִד? |
| to study to become a doctor | שטודירן אויף דאָקטער |

## GRAMMAR

### I. The Future Tense

The future tense is probably the easiest tense in Yiddish. It is formed like the future tense in English. The pattern is the same for all verbs.

To form the future tense, conjugate the verb זײַן (to be) in the future.

איך וועל, דו וועסט, ער/זי/עס וועט, מיר וועלן,
איר וועט, זיי וועלן

Then, add the infinitive. Remember: The infinitive always ends in ן or ען as in גייען, קומען, אַרבעטן.

| | |
|---|---|
| איך וועל אַרבעטן | מיר וועלן אַרבעטן |
| דו וועסט אַרבעטן | איר וועט אַרבעטן |
| ער וועט אַרבעטן | זיי וועלן אַרבעטן |
| זי וועט אַרבעטן | |

In the future negative, insert the ניט between the auxiliary verb and the infinitive.

| | |
|---|---|
| איך וועל ניט דערציילן | מיר וועלן ניט דערציילן |
| דו וועסט ניט דערציילן | איר וועט ניט דערציילן |
| ער וועט ניט דערציילן | זיי וועלן ניט דערציילן |
| זי וועט ניט דערציילן | |

## II. Feminine Suffixes

Yiddish frequently differentiates between men and women who work at a given occupation. The feminine form is usually formed by adding the suffix ין to the masculine form of the noun.

| | |
|---|---|
| דער שוסטער | די שוסטערין |
| דער שניידער | די שניידערין |
| דער בעקער | די בעקערין |

The feminine plural ends in ס as in די בעקערינס, די שניידערינס.

Other feminine suffixes are קע, שע, or טע. (In our reading we presented only the ין alternative.)

| | |
|---|---|
| דער לערער | די לערערקע |
| דער דאָקטער | די דאָקטערשע |
| דער שניידער | די שניידערקע |
| דער חזן (cantor) | די חזנטע |

The feminine form may denote either a woman who works at a given occupation or one whose husband does. Thus, a בעקערין is either a female baker or a woman whose husband is a baker. Not infrequently, a woman might both have been married to a man who worked at a given occupation and helped him in his work.

Generally, the professions which were not traditionally held by women use the masculine form for both male and female practitioners. Thus, one is likely to use אַדוואָקאַט, פּראָפעסאָר for both a male or a female lawyer or professor,

although one could say אַדוואָקאַטין, פּראָפֿעסאָרשע.

If one uses the masculine form for a feminine practitioner, it will be modified by a masculine adjective.

She is a capable lawyer. זי איז אַ פֿעיִקער אַדוואָקאַט.

Some feminists argue that gender difference should be completely eliminated in Yiddish, but it is doubtful that words such as די שנײַדערין or די בעקערין *etc.*, that have become deeply entrenched in the language over hundreds of years will disappear, regardless of the orientation of the speaker.

Feminine suffixes are used not only for occupations but also simply to denote the female performer of an action.

| | | |
|---|---|---|
| reader | די לייענערין | דער לייענער |
| doer, active person | די טוערין | דער טוער |
| buyer | די קויפֿערין | דער קויפֿער |

## III. Declension of Nouns

You have already learned in Unit 4 that proper names are declined in the accusative and dative cases. Although most nouns are not declined, there are a few that are. They are:

דער טאַטע, דער זיידע, דער רבי, דער ייִד, דער מענטש,

די מאַמע, די באָבע, דאָס האַרץ (heart in the emotional sense)

Note that most of these nouns, such as דער טאַטע, דער זיידע, דער רבי, די מאַמע, די באָבע are often used as names.

These masculine nouns, like masculine articles and adjectives, are declined in the accusative and dative cases.

| | |
|---|---|
| Grandfather lives with us. | נאָמ. דער זיידע וווינט מיט אונדז. |
| We love grandfather. | אַקוז. מיר האָבן ליב דעם זיידן. |
| The grandchildren talk to the grandfather. | דאַט. די אייניקלעך רעדן מיט דעם זיידן. |

# יידיש: דאָס עלעפֿטע קאַפּיטל

| נאָמינאַטיוו | אַקוזאַטיוו | דאַטיוו |
|---|---|---|
| דער טאַטע | דעם טאַטן | דעם טאַטן |
| דער זיידע | דעם זיידן | דעם זיידן |
| דער רבי | דעם רבין | דעם רבין |
| דער ייִד | דעם ייִדן | דעם ייִדן |

The feminine nouns די מאַמע and די באָבע, like all feminine articles and adjectives, and the neuter noun דאָס האַרץ, like all neuter articles and adjectives, only differ from the nominative in the dative case.

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| Grandmother works at the trade. | נאָמ. 1. די באָבע אַרבעט בײַ דער מלאָכה. |
| The grandchildren love the grandmother. | אַקוז. 2. די אייניקלעך האָבן ליב די באָבע. |
| The whole town came to grandmother to buy her rolls. | דאַט. 3. דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען צו דער באָבען קויפֿן אירע בולקעס. |
| Who can know the heart of a person? | אַקוז. 4. ווער קען וויסן דאָס האַרץ פֿון אַ מענטש(ן)? |
| A fire is burning in my heart, it can't be seen. | דאַט. 5. אין האַרצן ברענט אַ פֿײַער, מע זעט עס ניט אָן. |

פֿון "פּאַפּיר איז דאָך ווײַס," פֿאָלקסליד

| נאָמינאַטיוו | אַקוזאַטיוו | דאַטיוו |
|---|---|---|
| די מאַמע | די מאַמע | דער מאַמען |
| די באָבע | די באָבע | דער באָבען |
| דאָס האַרץ | דאָס האַרץ | בײַם/אין/דעם האַרצן |

The declension of ייִד and מענטש is optional. One is as likely to find:

| | |
|---|---|
| We know that/the Jew. | מיר קענען דעם ייִד as מיר קענען דעם ייִדן. |
| You work with that/the man. | איר אַרבעט מיט דעם מענטש as איר אַרבעט מיט דעם מענטשן. |

# אַ ליד: הער נאָר, דו שיין מײדעלע

*פֿאָלקסליד*

1. הער נאָר, דו שיין מײדעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מײדעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווײַטן וועג? (2)

2. איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
איך וועל שרײַען "וועש צו וואַשן!"
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן. (2)

3. הער נאָר, דו שיין מײדעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מײדעלע
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווײַטן וועג? (2)

4. ברויט מיט זאַלץ וועל איך עסן,
טאַטע-מאַמע וועל איך פֿאַרגעסן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן. (2)

5. הער נאָר, דו שיין מײדעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מײדעלע,
אויף וואָס וועסטו שלאָפֿן אין אַזאַ ווײַטן וועג? (2)

6. איך בין נאָך אַ יונגע פֿרוי,
איך קען שלאָפֿן אויף אַ בינטל שטרוי,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן. (2)

7. הער נאָר, דו שיין מײדעלע,
הער נאָר דו פֿײַן מײדעלע,
מיט וואָס וועסטו זיך צודעקן אין אַזאַ ווײַטן וועג? (2)

8. דער טוי פֿון הימל וועט מיך צודעקן,
די פֿייגעלעך וועלן מיך אויפֿוועקן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן!

# VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| dew | דער טוי(ען) | to wake up *(trans.)* | * אױפֿוועקן |
| bird: | *דאָס פֿײגעלע(ך): | | (אױפֿגעוועקט) |
| *dim. of* | דער פֿויגל, (פֿייגל) | bundle | דאָס בינטל(עך) |
| to cover | צודעקן (צוגעדעקט) | | דעקן צו ← צודעקן |
| | (pronounced צודעקן in song) | laundry | * דאָס וועש |
| straw | די/דער שטרוי(ען) | | וועקן אויף ← אױפֿוועקן |
| to yell | שרײַען (געשריִען/געשריגן) | (both) parents *(pl.)* | טאַטע-מאַמע |






פֿון מיר טראָגן אַ געזאַנג

# EXERCISES

**I. Rewrite the following sentences in the future tense:**

1. איך קום שטענדיק פֿון דער אַרבעט האַלב זעקס.
2. מײַן פּלימעניק איז אַן אַדוואָקאַט.
3. דער אַדוואָקאַט פֿאַרטיידיקט דעם גנבֿ.
4. דער שוסטער פֿאַרריכט די שטיוול.
5. די שנײַדערין נייט לאַנגע הויזן.
6. איר זײַט אַ פֿעיקער בעל-מלאָכה.
7. דער נגיד דאַרף ניט קיין פּרנסה.
8. איך רעד מיט דעם רעדאַקטאָר.
9. די מאַמע דערציילט דעם קינד מעשׂיות.
10. דער סטאָליער פֿאַרדינט גוט.
11. מיר מאַכן אַ נײַעם טיש.
12. אויפֿן ווינטער קויפֿסטו אַ נײַעם מאַנטל.
13. זיי זײַנען אַלע אַרבעטערס.
14. אין דעם פֿאַרלאַג דרוקט מען דעם זשורנאַל.
15. דער דאָקטער פֿאָרט אומעטום.

**II. Rewrite Exercise I in the future tense negative (except no. 7):**

**III. Answer the following questions using the noun in parentheses as the answer. Make any necessary changes:**

1. מיט וועמען האָט דער זון געוווינט? (דער טאַטע)
2. מיט וועמען האָט דאָס אייניקל געוווינט? (דער זיידע)
3. צו וועמען זײַנען די חסידים געפֿאָרן? (דער רבי)
4. וועמען האָט איר געזאָגט דעם אמת (truth)? (די באָבע)
5. וועמען האָבן די קינדער ליב? (די מאַמע)
6. וועמען האָט ער דעם מאַנטל געוויזן? (אסתּר)
7. ווער אין דער משפּחה פֿאַרדינט אַ סך געלט? (די מומע)
8. מיט וועמען וועסטו גיין דאָרטן? (דער מענטש)
9. בײַ וועמען האָט דער מענטש געוווינט? (דער ייִד)
10. וועמען וועלן זיי ניט פֿאַרגעסן? (גיטל)
11. פֿון וועמען האָסטו געקראָגן אַ ליבע צו דער ליטעראַטור? (די מאַמע)
12. וועמען וועט חיים זען? (די באָבע און דער זיידע)

**IV. Rewrite the following sentences changing all masculine doers to feminine and feminine doers to masculine. Make any necessary changes:**

1. אַ שנײַדער נייט קליידער.
2. איך האָב געקויפֿט די בולקעס בײַ דער בעקערין.
3. דער אַדוואָקאַט פֿאַרטיידיקט דעם גנבֿ.
4. די דאָקטערשע איז רײַך.
5. דער לערער אַרבעט שווער.
6. דער פּראָפֿעסאָר האָט גוטע תּלמידים.
7. די שוסטערין האָט פֿאַרריכט שיך און שטיוול.
8. דאָס קינד האָט געוואָלט ווערן אַ טענצערין.
9. דער קלוגער אַרבעטער אַרבעט גיך.
10. איך אַרבעט מיט אַ פֿעיִקער רעדאַקטאָרשע.
11. די לערערקע רעדט פֿון האַרצן.

**V. Complete the anecdote using one of the proverbs studied in this lesson:**

1. מאָטל איז אַ שוסטער. ער פֿאָרט וווינען אין אַן אַנדער לאַנד. דאָרטן האָט ער ניט קיין חבֿרים און ניט קיין פּרנסה, אָבער ער טראַכט

ניט קיין סך וועגן דעם. ער ווייסט אַז ער וועט קענען געפֿינען אַרבעט ווײַל....

.2 דער זיידע האָט געאַרבעט פֿופֿציק יאָר ווי אַ סטאָליער. איצט אַרבעט ער ניט און ער איז אומצופֿרידן (unhappy). ער זיצט אין דער היים און האָט ניט וואָס צו טאָן. ווען מע פֿרעגט אים פֿאַר וואָס ער איז אַזוי אומצופֿרידן, ענטפֿערט ער,....

.3 בערלס טאַטע-מאַמע זײַנען געווען פּראָפֿעסאָרן. זיי האָבן ניט פֿאַרדינט קיין סך געלט. זיי האָבן אַלע מאָל געוואָלט אַז בערל און זײַנע שוועסטער און ברידער זאָלן גיין אין אַ גוטן קאָלעדוש ווען זיי וועלן אויפֿוואַקסן. איצט האָט בערל געענדיקט (finished) דעם צוועלפֿטן קלאַס און איז גרייט צו גיין אין קאָלעדזש אָבער די משפּחה האָט ניט גענוג קיין געלט פֿאַר בערלען צו גיין אין אַ גוטן קאָלעדזש. "אַזוי איז עס שטענדיק," האָט בערלס טאַטע געזאָגט,......

**VI. Rewrite these paragraphs in the future tense.**

.1 דער אַדוואָקאַט איז געגאַנגען אין געריכט. ער האָט געהאָלפֿן אָרעמע אַרבעטערס און האָט פֿאַרטיידיקט מענטשן וואָס קענען ניט צאָלן. זײַן אַרבעט איז געווען אינטערעסאַנט.

.2 דער סטאָליער איז געווען אַ פֿעיִקער בעל-מלאָכה. מיטוואָך האָט ער געאַרבעט שווער. ער האָט געמאַכט אַ טיש און האָט פֿאַרריכט אַ שטיק מעבל. ער האָט גוט פֿאַרדינט און איז געגאַנגען עסן אין אַ רעסטאָראַן מיט זײַן משפּחה.

**VII. Translate into Yiddish:**

1. The carpenter showed the furniture [to] the customer.
2. He will probably show the shoemaker the torn boots.
3. The lawyer will defend the poor man well.
4. Where are you coming from? I'm coming from the publishing house.
5. The editor will help the writer (שרײַבער) with his story.
6. The baker will, unfortunately, not be able to buy the bakery.

7. My youngest daughter will study medicine and my son will go to (in) college next year.
8. We received a love of (to the) literature from our (the) father. He read books, newspapers, and magazines.
9. I will do everything (all) to be with you.
10. The lawyer was in court today.
11. I learned how to build furniture from my (the) grandfather. He was a carpenter.
12. Gitl will be an editor in a publishing house that publishes only Jewish books.
13. We saw our (the) father and grandmother in the bakery. They were buying delicious rolls.
14. The tailor told my (the) mother that he would (will) fix her coat.

# ORAL DRILL

**VIII. Unscramble the words in these sentences and put them in their proper order.**

1. אים געזען ניט האָב איך.
2. דעם טאַטן עס ער געגעבן האָט.
3. געדרוקט ניט עס דער דרוקער האָט.
4. וועל וועש איך שרײַען וואַשן צו.
5. מאַכן זיי איר וועלן ניט.
6. זאָגן עפּעס דיר איך וויל.
7. גאַס אין עס מענטשן גייען.
8. עס ניט דו האָסט אַרויסגענומען.
9. בעטן וועל זיי איך ניט.
10. אים קענען ניט איך וויל.

**IX. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.**

1. — וואָס טוט דער שנײַדער?[1]

— דער גוטער שנײַדער[1] רעדט מיט דעם פֿעיִקן שוסטער[2].

— דער שנײַדער[1] האָט ליב דעם שוסטער[2].

א) (די שנײַדערין,[1] די שוסטערין[2])
ב) (דער אַדוואָקאַט,[1] די דאָקטערשע[2])

.2 — ווּ וועט איר זײַן שבת?
— איך וועל זײַן בײַ דער באָבען[1] און פֿייגל וועט זײַן בײַ דעם טאַטן.[2]
— טאַקע, אַ גרוס דער באָבען.[1]

א) (דער זיידע,[1] די מאַמע[2])
ב) (דער רבי,[1] דעם פּעטער[2])
ג) (מירל,[1] בלומע[2])

.3 — וואָס וועסטו[1] טאָן האַלב זעקס?
— האַלב זעקס וועל איך[2] עסן וועטשערע, קען איך[2] ניט קומען.

א) (איר,[1] מיר[2])
ב) (זי,[1] זי[2])

**X. Complete the dialogue:**

.1 — איר דאַרפֿט אַרבעט?
— יאָ.
— וואָס איז אײַער מלאָכה?
— איך....

.2 — וואָס ווילסטו שטודירן?
— איך וויל שטודירן אויף אַדוואָקאַט און פֿאַרטיידיקן אָרעמע מענטשן.
— אָבער איך מיין אַז דאָקטוירים פֿאַרדינען אַפֿילו מער געלט.
— נו,....

.3 — איך וויל אַז מײַן זון זאָל ווערן אַ פּראָפֿעסאָר.
— פֿאַר וואָס?
— ווײַל....

4. — איר אַרבעט איצט אין אַ בעקערײַ. וואָס וועט איר טאָן איבער אַ יאָר?
— איבער אַ יאָר וועל איך שטודירן אין קאָלעדזש. און איר?
— איך....

**XI. Conversation Topics:**

1. You are working in a Jewish senior citizen's home. Explain to the residents what they will be doing for the next few days and at what time each of their activities will take place.

2. You are being interviewed for a job as a Yiddish teacher, a correspondent for a Yiddish newspaper, or an administrator in a Yiddish cultural organization. The interviewer should find out where you have worked before, why you want the job, what your particular talents and skills are, and your plans for enhancing the position.

3. Have a conversation with a friend discussing the sort of work people in your family do or have done in the past.

## SUPPLEMENTARY READING

### אַ געשפּרעך מיטן סטאָליער

רחל בוימוואַל

1. ״סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ פֿענצטער,
איך זאָל אין אים זען די גאַנצע וועלט.״

2. ״איך קען דיר מאַכן אַלײן בלויז דעם פֿענצטער,
און דו! דו זע דאָרט וואָס דיר געפֿעלט....״

3. ״סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ טיר,
זי זאָל זיך פֿאַר יעדערן עפֿענען ברייט!״

4. „איך קען דיר מאַכן אַלײן בלויז די טיר,
פֿאַרמאַך זי און עפֿן געזונטערהייט!“

5. „סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ בעט
מיט גוטע חלומות און שטאַרקן שלאָף!“

6. „איך קען דיר מאַכן אַלײן בלויז די בעט,
נאָר פֿאַר חלומות - איך האָב ניט קיין שטאָף.“

7. „סטאָליער, סטאָליער! מאַך מיר אַ טיש
אַן אַרומגעזעצטן מיט גוטע פֿרײַנד!“

8. „איך קען דיר מאַכן אַלײן בלויז דעם טיש,
און אין פֿרײַנד איז אַ גרויסער דוחק הײַנט....“

אַ סטאָליער האָט אַ מאָל געזאָגט, „דער מענטש איז ווי סטאָליער; אַ סטאָליער לעבט און לעבט, דערנאָך שטאַרבט ער - אַזוי איז אַ מענטש אויך.“

שלום-עליכם פֿון *פֿונעם יאַריד*

## VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אַרומגעזעצט | seated around *(adj.)* |
| בלויז | only |
| געזונטערהייט | in good health |
| געפֿעלן (איז געפֿעלן) | to please, to appeal to |
| געפֿעלן דיר | you like (literally, this pleases you) |
| ° דאָס געשפּרעך(ן) | conversation, talk |
| דער דוחק *[doykhek]* | lack, dearth |
| דער חלום(ות) *[kholem-khaloymes]* | dream |
| דער יאַריד(ן) | fair |
| יעדערן | everyone *(masc., acc. and dat.)* |
| עפֿענען (געעפֿנט) | to open |
| דער שטאָף(ן) | matter, stuff; material |
| דער שלאָף | sleep, slumber |

# UNIT 11

## דאָס עלעפֿטע קאַפּיטל

## LESSON 11B לעקציע 11ב׳

# אַרבעט

## אַ מעשה מיט אַ הענגלײַכטער

*ר׳ נחמן בראָסלעווער*

---

ר׳ נחמן בראָסלעווער (1772-1811) איז געווען אַ חסידישער רבי. ער איז געווען אַן אוראייניקל (great-grandson) פֿון דעם בעל-שם-טוב. זײַנע אַלעגאָרישע (allegorical) מעשיות זײַנען זייער באַרימט.

---

איינער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן פֿאָטער און איז געווען אין אַנדערע לענדער אַ סך טעג. ער האָט געוווינט בײַ פֿרעמדע מענטשן.

אין אַ צײַט אַרום איז ער געקומען צו דעם טאַטן און האָט זיך באַרימט אַז ער האָט דאָרטן זיך אויסגעלערנט די גרויסע קונסט פֿון מאַכן אַ הענגלײַכטער. און ער האָט געהייסן מע זאָל צוזאַמענעמען די אַלע לײַט וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער מלאָכה פֿון מאַכן אַ הענגלײַכטער, וועט ער זיי ווײַזן זײַן גרויסע חכמה אין דער דאָזיקער מלאָכה.

און אַזוי האָט געטאָן זײַן פֿאָטער.

און אַז זיי זײַנען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען האָט דער זון אַרויסגענומען אַ מנורה וואָס ער האָט געמאַכט. האָט זי זייער מיאוס אויסגעזען אין די אויגן פֿון זיי אַלע. און זײַן פֿאָטער איז געגאַנגען צו זיי אַלעמען און געבעטן זיי אַז זיי זאָלן אים זאָגן דעם אמת. האָבן זיי אים געדאַרפֿט זאָגן דעם אמת אַז זי איז זייער מיאוס.

און דער זון האָט זיך געהאַלטן אין איין באַרימען, „זעט איר וואָס פֿאַר אַ חכמה עס ליגט אין מײַן אַרבעט?“ האָט אים זײַן פֿאָטער דערציילט אַז דער הענגלײַכטער זעט גאָרניט אויס שיין אין אַלעמענס אויגן.

האָט אים דער זון געענטפֿערט, „אַדרבא, מיט דעם האָב איך באַוויזן מײַן גרויסקייט ווײַל איך האָב געוויזן זיי אַלעמען זייער חסרון, ווײַל אין דעם דאָזיקן הענגלײַכטער געפֿינען זיך די חסרונות פֿון יעדן איינעם פֿון די בעל־מלאָכות וואָס געפֿינען זיך דאָ. דו זעסט דאָך אַז בײַ דעם מענטשן איז מיאוס דער טייל פֿון דעם הענגלײַכטער; אַן אַנדער טייל אָבער זעט בײַ אים אויס זייער שיין. בײַ אַן אַנדער מענטשן, ווידער, איז פֿאַרקערט. אַדרבא, אָט דער טייל וואָס זעט אויס מיאוס בײַ זײַן חבֿר איז שיין און וווּנדערלעך אין זײַנע אויגן. נאָר וואָס דען? אָט דער טייל איז מיאוס. און אָט אַזוי איז עס מיט זיי אַלע; דאָס וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון דעם איז שיין אין די אויגן פֿון זײַן חבֿר. און אַזוי פֿאַרקערט. דעריבער האָב איך געמאַכט די דאָזיקע מנורה פֿון חסרונות אַליין כּדי צו ווײַזן זיי אַלעמען אַז זיי פֿאַרמאָגן קיין שלמות ניט, אַז יעדער איינער האָט אַ חסרון ווײַל דאָס וואָס עס זעט אויס שיין אין זײַנע אויגן איז אַ חסרון אין די אויגן פֿון זײַן חבֿר. אין אמתן אָבער קען איך מאַכן דעם הענגלײַכטער ווי געהעריק.

# VOCABULARY

| | |
|---|---|
| אַדרבא *[aderabe]* | on the contrary, not at all; by all means |
| * אַוועקגיין (איז אַוועקגעגאַנגען) | to leave, to go away |
| * אויסלערנען זיך (זיך אויסגעלערנט) | to learn well |
| * אָט | this (in pointing) |
| * איינער | one person, a man |
| אַליין | sheer |
| * אַלעמען | everyone/body *(acc. + dat.)* |
| * אַלעמענס | everybody's |
| באַווײַזן (באַוויזן) | to show, to exhibit, to demonstrate |
| באַרימט | famous, well-known |
| * באַרימען זיך (זיך באַרימט) | to boast, to brag |
| באַשעפֿטיקן זיך (זיך באַשעפֿטיקט) | to work at, to be busy with |
| גיין אַוועק ← אַוועקגיין | |
| געהעריק | appropriate, proper |
| * געפֿינען זיך (זיך געפֿונען) | to be found, to be located/situated |
| * די גרויסקייט | greatness |
| דאָזיק | this, these, the said |
| * דעריבער | therefore |
| האַלטן (געהאַלטן) | to keep |

* הייסן (געהייסן) — to tell, to bid, to order, to direct

דער הענגלײַכטער(ס) — chandelier

װוּנדערלעך — wonderful, marvelous

װידער — again, on the other hand

* װײַזן (געװיזן) — to show

די חכמה (חכמות) — wisdom *[khokhme(s)]*

* דער חסרון(ות) — *[khisorn-khesroynes]* flaw, defect, fault

דער/די טייל(ן) — part, division

* כּדי — *[kedey]* in order to

* דער לײַט — respectable person *(sg.)*; (לײַט) people, folks *(pl.)*

לערנען זיך אויס ← אויסלערנען זיך

* די מנוֹרה (מנוֹרות) — menorah, *[menoyre(s)]* lamp, candelabrum with seven candlesticks

נעמען צוזאַמען ← צוזאַמענעמען

פֿאַרמאָגן (פֿאַרמאָגט) — to own, to posses

* פֿאַרקערט — opposite, reverse; on the contrary

* פֿרעמד — strange, foreign

צוזאַמענעמען (צוזאַמענגענומען) — to bring together

צוזאַמענקומען (איז צוזאַמענגעקומען) — to come together

קומען צוזאַמען ← צוזאַמענקומען

די קונסט — art

דאָס שלמות — *[shleymes]* perfection, completion

## Idioms and Expressions

* אין אמתן *[emesn]* — in truth

האַלטן זיך אין איין... — to keep on doing, to do such and such continuously

װי געהעריק — properly

* יעדער איינער — each person, everyone

## פֿראַגעס

1. װוּ האָט דער זון געװוינט? 2. מיט װאָס האָט זיך דער זון באַרימט? 3. פֿאַר װאָס האָט דער זון געהייסן צוזאַמענעמען אַלע לײַט װאָס מאַכן הענגלײַכטערס? 4. האָט דער פֿאָטער געטאָן װי דער זון האָט געהייסן? 5. װאָס האָבן די מענטשן געזאָגט װעגן דעם הענגלײַכטער װאָס דער זון האָט געמאַכט? 6. װאָס האָט דער פֿאָטער דערציילט דעם זון? 7. מיט װאָס

האָט דער זון באַוויזן זײַן גרויסקייט? 8. וואָס געפֿינט זיך אין דעם הענגלײַכטער? 9. צי מיינען אַלע לײַט אַז דער זעלבער טייל פֿון הענגלײַכטער איז שיין? 10. פֿאַר וואָס האָט דער זון געמאַכט די מנורה פֿון חסרונות אַליין? 11. קען דער זון מאַכן דעם הענגלײַכטער ווי געהעריק? 12. וואָס וויל אונדז ר׳ נחמן לערנען מיט דער מעשׂה?

## GRAMMAR

### I. Past Participles without גע

As you know, most past participles begin with גע. However, a small number of past participles do not. These verbs have the stress on the last syllable of the base (1st person singular present tense) rather than on the next to last syllable.

If you find thinking about stress stressful, you may find it helpful to remember that generally these verbs begin with באַ, פֿאַר, אַנט, צע, דער or גע or are international words that end in ירן such as דעמאָנסטרירן, שטודירן, טעלעפֿאָנירן, פּראָטעסטירן.

| | *Past Tense* | *Stem* | *Infinitive* |
|---|---|---|---|
| to order | איך האָב באַשטעלט | איך באַשטעל | באַשטעלן |
| to remember | איך האָב געדענקט | איך געדענק | געדענקען |
| to pass, to serve | איך האָב דערלאַנגט | איך דערלאַנג | דערלאַנגען |
| to forget | איך האָב פֿאַרגעסן | איך פֿאַרגעס | פֿאַרגעסן |
| to earn | איך האָב פֿאַרדינט | איך פֿאַרדין | פֿאַרדינען |
| to defend | איך האָב פֿאַרטיידיקט | איך פֿאַרטיידיק | פֿאַרטיידיקן |
| to possess, to own | איך האָב פֿאַרמאָגט | איך פֿאַרמאָג | פֿאַרמאָגן |
| to repair | איך האָב פֿאַרראַכטן / פֿאַרריכט | איך פֿאַרריכט | פֿאַרריכטן |
| to understand | איך האָב פֿאַרשטאַנען | איך פֿאַרשטיי | פֿאַרשטיין |
| to beat | איך האָב צעשלאָגן | איך צעשלאָג | צעשלאָגן |
| to study | איך האָב שטודירט | איך שטודיר | שטודירן |

**Sample Sentences:**

| | |
|---|---|
| I repaired the boots but not the shoes. | 1. איך האָב פֿאַרריכט די שטיוול אָבער ניט די שיך. |
| Why didn't you pass the sugar? | 2. פֿאַר וואָס האָסטו ניט דערלאַנגט דעם צוקער? |
| The customer ordered a fresh roll. | 3. דער קונה האָט באַשטעלט אַ פֿרישע בולקס. |
| Of course we didn't defend any thieves. | 4. אַוודאי האָבן מיר ניט פֿאַרטיידיקט קיין גנבֿים. |
| You did not earn a lot of money at carpentry. | 5. קיין סך געלט האָט איר ניט פֿאַרדינט בײַ סטאָליערײַ. |
| The artisans did not understand his art. | 6. די בעל-מלאָכות האָבן ניט פֿאַרשטאַנען זײַן קונסט. |

## II. This and That

The various forms of דער, די, דאָס and דעם may be used to denote "this" and "that."

| | |
|---|---|
| I live in this house and not in that house. | 1. איך וווין אין דעם הויז און ניט אין דעם הויז. |
| These parts of the chandelier are pretty and those parts are ugly. | 2. די טיילן פֿון הענגלײַכטער זײַנען שיין און די טיילן זײַנען מיאוס. |

The adjective and pronoun יענער and all its inflected forms may also be used to express "that" and "those." See Vol. II Lesson 20A.

The articles דער, די, דאָס, or דעם may be used without a noun following them to denote *this* or *that man* or *woman*. The context will help you determine to whom the article refers.

| | |
|---|---|
| I spoke with this man/person, I spoke with that one. | 1. איך האָב גערעדט מיט דעם, כ'האָב גערעדט מיט יענעם/דעם. |
| The artisan spoke with this person, but not with that one. | 2. דער בעל-מלאָכה האָט גערעדט מיט דעם, אָבער ניט מיט דעם/יענעם. |
| That which was pretty in the eyes of one person was ugly in the eyes of his friend. | 3. דאָס וואָס איז געווען שיין אין די אויגן פֿון דעם איז געווען מיאוס אין די אויגן פֿון זײַן חבֿר. |
| The woman wearing the blue pants is very pretty. | 4. די וואָס טראָגט די בלויע הויזן איז זייער אַ שיינע. |

## III. Omitting the Article

After certain prepositions of place ending in ן the definite article דער or דעם may be omitted before the noun.

| | |
|---|---|
| אין דעם צימער = | אין צימער |
| פֿון דער שול = | פֿון שול |
| לעבן דעם הויז = | לעבן הויז |

This also applies to the preposition וועגן (about, concerning).

| | |
|---|---|
| וועגן דעם דאָקטער = | וועגן דאָקטער |

Obviously, this applies only to the definite and not to the indefinite article. It does not apply to either the definite or indefinite plural. You must retain the די for definite plural; otherwise, the definite and indefinite plural would be indistinguishable.

---

Note: In cases where the definite article is used for emphasis to mean "this" or "that," the article should be retained to convey the emphatic meaning.

---

| | |
|---|---|
| I go to this synagogue and not to that one. | איך גיי אין דער שול און ניט אין דער שול. |
| (This sentence is rendered meaningless without the articles). | איך גיי אין שול און ניט אין שול. |
| He lives near this/that/the house. | ער וווינט לעבן דעם הויז. |
| He lives near the house. | ער וווינט לעבן (דעם) הויז. |

## IV. It = זי, ער and עס

| | |
|---|---|
| The son made a lamp. It looked very ugly. | 1. דער זון האָט געמאַכט אַ מנורה. זי האָט אויסגעזען זייער מיאוס. |
| The table is big. It is pretty. | 2. דער טיש איז גרויס. ער איז שיין. |
| The book is on the table. It is green. | 3. דאָס בוך איז אויפֿן טיש. עס איז גרין. |
| That boy is my nephew. He is clever. | 4. דאָס ייִנגל איז מײַן פּלימעניק. ער איז קלוג. |
| The books are on the table. I need to have them. | 5. די ביכער זײַנען אויפֿן טיש. איך דאַרף זיי האָבן. |

The pronoun **ער** is used to refer to a masculine inanimate object and **זי** is used to refer to a feminine inanimate object. **עס** is used for inanimate objects of the neuter gender. **ער** or **זי** are used to refer to people or animals even if they are grammatically neuter such as **דאָס ייִנגל, דאָס מיידל, דאָס שנײַדערל**.

**זיי** is used for "them" for both animate and inanimate objects.

If the pronoun referring to a masculine or feminine object is quite far from its antecedent, **עס** is often used instead of **ער** or **זי**.

## אַ ליד: געבן דיר מײַן טאָכטער

*פֿאָלקסליד*

1. געבן דיר מײַן טאָכטער (2)
אַ שנײַדער פֿאַר אַ מאַן? (2)

אַ שנײַדער פֿאַר אַ מאַן וויל איך ניט,
אַ שנײַדערס אַ טאָכטער בין איך ניט,
נייען קליידער קען איך ניט,

זיץ איך אויף אַ שטיין,
און קוק אַראָפּ און וויין,
און זע ווי אַלע מיידעלעך האָבן חתונה
און נאָר איך בלײַב אַליין.

2. געבן דיר מײַן טאָכטער (2)
אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן? (2)

אַ שוסטער פֿאַר אַ מאַן וויל איך ניט,
אַ שוסטערס אַ טאָכטער בין איך ניט,
לאַטען שטיוול קען איך ניט,

זיץ איך אויף אַ שטיין,
און קוק אַראָפּ און וויין,
און זע ווי אַלע מיידעלעך האָבן חתונה
און נאָר איך בלײַב אַליין.

3. געבן דיר מײַן טאָכטער (2)
אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן? (2)

אַ לערנער פֿאַר אַ מאַן וויל איך יאָ,
אַ לערנערס אַ טאָכטער בין איך יאָ,
לערנען תּורה קען איך יאָ,

זיץ איך אויפֿן דאַך,
און קוק אַראָפּ און לאַך,
און זע ווי אַלע מיידעלעך האָבן חתונה
און איך בין מיט זיי גלײַך.

Can you make up more verses using other occupations?

## VOCABULARY

| | | | |
|---|---|---|---|
| to patch | לאַטען (געלאַטעט) | down | אַראָפּ |
| learner, Talmudic student | דער לערנער(ס) | roof | דער דאַך (דעכער) |
| to look | * קוקן (געקוקט) | to cry | * וויינען (געוויינט) |
| stone | דער שטיין(ער) | to get married | *חתונה האָבן [khasene] (חתונה געהאַט) |




From: *A Treasury of Jewish Folksong*, selected and edited by Ruth Rubin, New York: Schocken Books, 1950.

# EXERCISES

**I. Rewrite the following sentences in the past tense:**

1. דער קונה באַשטעלט אַ פּרעזשעניצע.
2. דער שוסטער פֿאַרריכט שטיוול און שיך.
3. דער אַדוואָקאַט פֿאַרטיידיקט מענטשן וואָס קענען ניט צאָלן.
4. וויפֿל באַצאָלט איר פֿאַר די הויזן?
5. מײַן שוויגער דערציילט מעשׂיות פֿון דער אַלטער היים.
6. דו קומסט פֿון אַ ליטעראַרישער משפּחה.
7. אַוודאי דערלאַנגט דער קעלנער דאָס עסן.
8. אין דעם געשעפֿט פֿאַרקויפֿט מען ביליקע קליידער.
9. מען פֿאַרגעסט גיך פֿרעמדע מענטשן.
10. מסתּמא געדענקסטו מיך ניט.
11. די ייִנגסטע טאָכטער שטודירט מעדיצין.
12. דער קלוגער זון באַווײַזט זײַן גרויסקייט.
13. דער אַרבעטער פֿאַרריכט דעם דאַך.
14. דער לערער פֿאַרדינט ניט, צום באַדויערן, קיין סך געלט.
15. מסתּמא באַצאָלן מיר צו פֿיל.
16. דער גבֿיר פֿאַרמאָגט אַ גרויס הויז.
17. אַוודאי געדענקען מיר אײַך.
18. די בעל-הביתטע באַשמירט די סקאָוואָראָדע (frying pan) מיט פּוטער.
19. זיי געפֿינען שטענדיק אַ סך חסרונות.
20. אפֿשר פֿאַרשטייען די אייניקלעך ייִדיש.
21. דער סטאָליער באַשעפֿטיקט זיך מיט דער אַרבעט.

**II. Rewrite the sentences above in the future.**

**III. Rewrite the following sentences. Omit the article in parentheses, wherever possible, without changing the meaning of the original sentence.**

1. דער אַדוואָקאַט קומט (פֿון דעם געריכט (court)).
2. די בעקערין אַרבעט (אין דער בעקערײַ).
3. מיר וווינען (לעבן אַ טײַך).
4. ער רעדט (וועגן דעם טאַטן).
5. לאָמיר פֿאָרן (אין דער שטאָט).

6. ער שרײַבט (מיט דער פֿעדער).
7. מיר האָבן געלערנט אַ סך (פֿון די ביכער).
8. די קינדער זײַנען (אין דעם נײַנטן קלאַס).
9. דער ייִנגסטער זון וווינט (אין דער היים).
10. די משפּחה וווינט (אין אַ שיין הויז).
11. דער טייל איז שיין (אין די אויגן) פֿון אַלעמען.
12. איר וועלן זײַן (לעבן דעם רעסטאָראַן).
13. איך רעדט (וועגן דעם(this) דאָקטער) און ניט (וועגן דעם (that one)).
14. דו קענסט די חסרונות (פֿון די בעל-מלאָכות).
15. מיר האָבן שטענדיק געוווינט (לעבן דעם דאָרף).
16. די בעל-הביתטע האָט געמאַכט אַ פּרעזשעניצע (פֿון דעם איי).
17. זיי האָבן גערעדט (פֿון דער אַלטער היים).

**IV. Fill in the blanks with the correct word from the list below :**

1. איך קום ____ דער אַרבעט.
2. דער אַדוואָקאַט וועט הײַנט זײַן ____ געריכט.
3. דער רעדאַקטאָר אַרבעט ____ אַ פֿאַרלאַג.
4. דער פֿאַרלאַג גיט ____ ייִדישע ביכער.
5. זעלדע קומט ____ אַ ליטעראַרישער משפּחה.
6. זי האָט געקראָגן אַ סך געלט ____ דעם טאַטן.
7. דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט ____ דעם ביימעלע.
8. דער אַלטער שנײַדער האָט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט ____ שנײַדערײַ.
9. ____ וואָס לעבט אַ ייִד?
10. מײַן ייִנגערער זון אַרבעט ____ אַ בעקער כּדי צו פֿאַרדינען אַ ביסל געלט.
11. ____ אַ יאָר וועט זי אָנהייבן צו שטודירן מעדיצין.
12. אין אַ וואָך ____ וועט ער קויפֿן נײַ מעבל.
13. דער בעל-מלאָכה האָט געאַרבעט ____ פֿרעמדע מענטשן.
14. די לײַט באַשעפֿטיקן זיך ____ דער מלאָכה.
15. דער ענגלײַכטער זעט אויס מיאוס ____ זײערע אויגן.
16. ער זאָגט אַז ער קען מאַכן דעם ענגלײַכטער ____ געהעריק.
17. דער סטאָליער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט דעם ____ צוויי יאָר צוריק.
18. דער זיידע ____ דעם טאַטנס צד איז געווען אַן אַדוואָקאַט.

פֿון פֿון פֿון פֿון פֿון פֿון אין אין בײַ בײַ אַרויס אַרום
איבער מיט מיט ווי

## V. Translate into Yiddish:

1. The craftsman had lived in foreign countries.
2. He boasted that he knew (knows) the art of making a candelabrum.
3. The father asked the people to tell the truth.
4. The girl kept on washing laundry.
5. Everybody (each one) has faults.
6. The waiter carried two plates on one hand in order to show that he was (is) capable.
7. The children are barefoot (באָרוועס). They probably have no shoes.
8. On the contrary (Opposite), they have shoes. Their father is a shoemaker.
9. The rich man possessed many houses.
10. The menorah looks ugly in everybody's eyes (in the eyes of everybody).
11. This (The) part of the chandelier was very beautiful.
12. Did he go to (in) college? [The] opposite. He needed [a] livelihood and went to work for (by) a printer when he was eleven. A shame!
13. The son busied himself with making the chandelier properly.
14. It possessed many faults. In order to see a beautiful chandelier one must look with beautiful eyes.

## VI. Substitute the appropriate pronoun for the subject in each of the following sentences:

.1 דאָס בוך איז גוט.
.2 דער הענגלײַכטער האָט אַ סך חסרונות.
.3 דאָס העמד איז געווען ביליק.
.4 דאָס מיידל האָט דערלאַנגט דאָס עסן.
.5 די בולקע איז געשמאַק.
.6 דער דאַך איז אַלט.
.7 די שטיוול זײַנען צעריסן.
.8 די פּרעזשעניצע איז טעם-גן-עדן.
.9 דער בעל-מלאָכה איז פֿעיִק.
.10 דאָס היטל וועט קאָסטן צו טײַער.

# ORAL PRACTICE

## VII. Substitute the highlighted words with those in parentheses. Make any necessary changes. Be sure to match the numbers correctly.

.1 — פֿאַר וואָס באַרימט זיך דער גבֿיר[1]?
— דער גבֿיר[1] באַרימט זיך ווײַל ער האָט געלט.
א) (דער ברודער[1])
ב) (די שנור[1])
ג) (דער קעלנער[1])
ד) (די בעל-מלאָכות[1])

2. — מיט וואָס באַשעפֿטיקט ער[1] זיך?
— ער[1] איז אַ שוסטער.
— איז ער[1] אַ גוטער בעל־מלאָכה?
— יאָ, און ער[1] האָט אַ שיינע פּרנסה.
א) (זי[1])
ב) (זיי[1])
ג) (איר[1] - איר[1])

